STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10484

# DER VEG TSU FRAYHAYT

## Arthur Schnitzler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

## ארטור שניצלער

# דער וועג צו פרייהייט

ראמאן

1918. ניו יארק. תרע"ט

Copyright, 1918
by
JEWISH BOOK AGENCY

# דער וועג צו פרייהייט

איבערזעצט פון דייטש דורך

א. רעגאלסקי.

## ערשטער קאַפּיטעל.

געאָרג פאָן ווערגענטין איז היינט געזעסען איינער אַליין ביים טיש. פעליציאַן'ען, זיין עלטערען ברודער, האָט זיך נאָך אַ לענגערער צייט ווידער אַמאָל פאַרוואָלט צו האָבען מאָלצייט מיט זיינע פריינד. אָבער געאָרג האָט נאָך ניט געפיהלט קיין באַזונדערען חשק צו זעהן ראַלף סקעלטאָן, דעם גראַף שענשטיין אָדער די אַנדערע יונגע לייט, מיט וועלכע ער פלעגט געוועהנליך מיט פאַרגעניגען כאַפּען אַ שמועס; ער איז דערווייל נאָך ניט געווען אויפגעלייגט צו פאַרברייננגען אין געזעלשאַפט.

דער באַדינער האָט אָפּגעראַמט פון טיש און איז פאַרשוואונדען. געאָרג האָט פאַררויכערט אַ ציגאַרעטעל און, לויט זיין געוואָהנהייט, גענומען שפּאַנען הין און צוריק איבער'ן גרויסען, ניט זעהר הויכען דריי־פענסטער'דיגען צימער. ער האָט זיך געוואונדערט, ווי אַט דאָס צימער, וואָס האָט איהם פאַר די לעצטע וואָכען אויסגעוויזען אַזוי פאַרטרויערט, הויבט אָן צו ביסלאַך באַקומען זיין פריהערדיגען פריינדליכען אויסזעהן. ניט ווילענדיג האָט ער זיין בליק אָפּגעשטעלט אויפ'ן פּוסטען שטול ביי דעם אויבען־אָן פון טיש, איבער וועלכען ס'האָט אריינגעשיינט דורכ'ן אָפענעם מיטעלסטען פענסטער די סעפּטעמבער־זון, און ער האָט געהאַט דאָס געפיהל, ווי ער וואָלט ערשט מיט אַ שעה צוריק געזעהן דאָרטען זיין פאָטער, וואָס איז שוין זינט צוויי חדשים טויט געווען. אַזוי דייטליך איז פאַר זיינע אויגען געשטאַנען יעדע, אפילו די קלענסטע באַוועגונג פונ'ם פאַרשטאָרבענעם, ווי ער פלעגט די קאַפע־גלאָז אָפּרוקען, די ברילען אָנטון, און אַ בראָשורע בלעטערען.

גערג האָט געטראַכט וועגן איינעם פון די לעצטע געשפּרע־ כען, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין פאָטער אין שפּעטן פריהלינג, ניט לאַנג איידער זיי האָבען זיך אריבערגעקליבען אין דער ווילא ביים וועלדעזער טייך. גערג האָט זיך דעמאָלט ערשט אומגעקערט פון סיציליע, וואו ער האָט דעם מאָנאַט אפּריל פאַרבראַכט מיט גריים'ן אויף א מעלאַנכאָלישער און אביסעל לאַנגווייליגער אַפּשיד־ רייזע, איידער זיין געליעבטע האָט זיך אויף שטענדיג אומגעקערט אין אמעריקא. ער האָט ווידער א האַלב יאָהר, אָדער מעהר, כמעט ווי גאָר ניט געאַרבייט; ער האָט אפילו ניט אויפגעשריבען דאָס שווערמוטיגע אדאַגיאָ, וואָס ער האָט אין פּאַלערמאָ, אין אַן אומ־ רוהיגען פרימאָרגען שפּאַצירענדיג ביים ברעג אריינגעזאַפּט פון דעם רוישען פון די כוואַליעס. ער האָט פאַרגעשפּילט דאָס ט ע מ א פאַר זיין פאָטער, ער האָט פאַנטאַזירט מיט א איבערטריבענער רייכקייט פון הארמאָניען, וואָס האָט כמעט ווי פאַרשלונגען די איינפאַכע מעלאָדיע; און ווען ער איז אריינגעפאַלען אין א ווילד מאָדולירענדער וואַריאַציע, האָט דער פאָטער, שטעהענדיג ביים צווייטען ברעג פונ'ם פּיאַנאָ, געפרעגט איהם שמייכלענדיג: — וואוהין, וואוהין? — גערג, ווי פאַרשעמט, האָט געלאָזט פאַר־ קלינגען די טענער־כוואַליע, און דער פאָטער האָט הארציג, ווי שטענדיג, כאָטש ניט אין זיין לייכטען געוויינטליכען טאָן פאַרפירט א שמועס מיט'ן זון וועגן זיין צוקונפט און יענער האָט פלוצלונג דערפיהלט, ווי א שווערערער פאַרנעפּיהל פלעכט זיך אריין אין זייער געשפּרעך.

גערג איז געשטאַנען ביים פענסטער און האָט ארויסגעקוקט. דאָרטען אין פּאַרק איז געווען כמעט פּוסט. אויף א באַנק איז גע־ זעסען אַן אַלטע פרוי אין אַן אַלטמאָדישער מאַנטיליע מיט שוואַר־ צע גלאָז־פּערעל. א ניאַנקע איז פאַרבייגעגאַנגען שפּאַצירענ־ דיג, האַלטענדיג איין קינד ביי דער האַנד, און א צווייטער, גאָר א קליינער, איז געלאָפען פאַראויס אַנגעטאָן אין א הוזאַרען־קאָסטיום מיט שווערד און פּיסטאָלעט ביים גאַרטעל. ער האָט זיך מיט שטאָלץ ארומגעקוקט און האָט סאַלוטירט אַן אינוואַליד, וואָס איז

רויכערענדיג זיי אנטקעגען געקומען. טיפער אין גאָרטען, ארום דעם קיאָסק, זיינען עטליכע מענשען געזעסען, געטרונקען קאפע און גע־לעזען צייטונגען. אויף די בוימער זיינען נאָך געווען אַ סך בלעטער און דער פארק האָט אויסגעזעהן געדיכט, פארשטויבט און מעהר זומערדיג, ווי געוועהנליך אין די שפּעטיגע סעפּטעמבער־טעג. געאָרג אַנגעשפּאַרט מיט די הענד אויפ'ן פענסטער־ברעט, האָט זיך ארויסגעבויגען און האָט באַטראַכט דעם הימעל. זינט דעם טויט פון זיין פאָטער האָט ער ניט פארלאָזען וויען, כאָטש ער האָט גע־האַט פיעל געלעגענהייטען דערצו. ער האָט געקענט מיט פעלי־ציאַן'ען פאָהרען אויפ'ן גוט אין שענשטיין; פרוי ערענבערג האָט אין אַ זעהר פריינדליכען בריוו איינגעלאַדען אין אויהאָף; ער האָט אויך לייכט געקענט געפינען אַ באַגלייטער פאַר אַ וועלאָסיפּעדען־רייזע דורך קערנטאָן און טיראָל, וועלכע ער האָט שוין לאַנג געפּלאַנעוועט נאָר ער האָט ניט געקענט ענטשליסען זיך אליין צו פאָהרען. ער איז געבליבען אין וויען און האָט פארבראַכט די צייט דורכבלעטערענדיג און ברענגענדיג אין אָרדנונג אַלע משפחה־כתבים. ער האָט געפונען זכרונות ביז צו זיין עלטער־זיידען אנאַסטאַסוס פאָן ווערגענטין, וואָס האָט געשטאַמט פון דער רהיין־געגענד און האָט בשעת זיין חתונה מיט פריילין רעקקאַ באַקומען אין אייגענטום דעם אַלטען שוין לאַנג ניט באַוואָהנטען שלאָס אין באַדען (טיראָל). עס זיינען אויך געווען דאָקומענטען וועגען דער געשיכטע פון געאָרג'ס זיידען, וואָס איז אין יאָהר 1866 גע'הרג'עט געוואָרען ביי דער שלאַכט לעבען כלום. זיין זון, פעליציאַנ'ס און געאָרג'ס פאָטער, האָט זיך אָפּגעגעבען מיט וויסענשאַפטליכען, דער־הויפּט באָטאַנישען שטודיום און האָט אין אינסברוק (טיראָל) באַ־קומען זיין טיטול דאָקטאָר פילאָזאָפיע. אַלס פיער און צוואַנציג־יאָהריגער יונגערמאַן האָט ער זיך באַקענט מיט אַ יונגער מיידעל פון אַן אַלטער עסטרייכישער בעאַמטען־פאַמיליע, וואָס האָט אויס־געשטודירט זינגערין מעהרער צוליעב דעם, כדי צו אַנטלויפען פון דער אָרימקייט און קבצנות פון איהר הויז, איידער אוים דעם ריין־אינערליכען באַרוף. דער פירסט פאָן ווערגענטין האָט זי געזעהן און

געהערט צום ערשטען מאָל ווינטער ביי אַ קאָנצערט, וואו עס איז געשפּילט געוואָרען Missa Solemnis און אין מאַי איז זי שוין געוואָרען זיין פרוי. אויפ'ן צווייטען יאָהר נאָך דער חתונה איז געבוירען געוואָרען פעליציאַן, און אויפ'ן דריטען געאָרג. מיט דריי יאָהר שפּעטער האָט די באַראָנעסע אָנגעהויבען צו קרענקען, און די דאָקטוירים האָבען זי אַוועקגעשיקט אין דרום. ווייל די קור־ראַציע האָט זיך אויף לאַנג פאַרצויגען, האָט מען דאָס הויז אין וויען אויפגעגעבען, און ס'איז אַזוי אויסגעקומען, אַז דער פירסט און זיין פאַמיליע האָבען אין משך פון פיעל יאָהרען געמוזט פיהרען אַ מין נע־ונד־לעבען. ער אַליין פלעגט אָפט צוליעב געשעפטס־זאַכען און שטו־דיען פאָהרען אין וויען; די זין אָבער האָבען כמעט קיינמאָל ניט פאַרלאָזען די מוטער. מ'האָט געלעבט אין סיציליע, אין רוים, אין טוניס, אין קאָרפו, אין אַטען, אין מאַלטיי, אין מעראַן, אויף דער ריוויערא, דערנאָך אין פלאָרענץ, אויף קיין פאַל ניט צו פאַרשווענ־דעריש, אָבער דאָך מיט שטאַט, יעדענפאַלס ניט אַזוי ווייט שפּאָ־רעוודיג, אַז דער גרעסטער טייל פון דעם פירשטס פאַרמעגען זאָל ביסלעכווייז ניט פאַרצערט ווערען.

געאָרג איז אַלט געווען אַכצען יאָהר, ווען זיין מוטער איז גע־שטאָרבען. ניין יאָהר זיינען פון דאַמאָלסט אָן אַוועק, אָבער אין זיין זכרון איז נאָך פריש געווען יענער פריהלינג־אָבענד, ווען ער אַליין איז אַ פאַרלאָרענער געשטאַנען ביים בעט פון זיין שטאַר־בענדער מוטער. זיין פאָטער און ברודער זיינען צופעליג ניט געווען דאַמאָלסט אין דער היים. דורך די פענסטער, וואָס זיינען אין איילעניש פאַנאַנדערגעעפענט געוואָרען, האָט צוזאַמען מיט דער פריהלינגס־לופט, אַזוי ווי אויף צו להכעיס, אריינגעקלונגען דאָס ריידען און לאַכען פון די שפּאַצירענדע.

די פאַמיליע האָט זיך מיט'ן טויטען קערפּער פון דער מוטער צוריק אומגעקערט אין וויען. דער פירסט האָט זיך מיט אַ נייעם, ווי אַ פאַרצווייפעלטען חשק אָפּגעגעבען מיט זיין שטודיום. פריהער האָט מען פון איהם געהאַלטען נאַר ווי פון אַ נאָבעלען וויסענשאַפטס־ליעבהאָבער, איצט אָבער האָט מען זיך גענומען מיט איהם ערנסט

רעכענען אין די אקאדעמישע קרייזען, און ווען מ׳האט איהם ערוועהלט פאר׳ן עהרען פרעזידענט פון דער באטאנישער געזעלשאפט, איז דאס געשעהן ניט נאר א דאנק זיין אדעליגען טיטעל. פעליציאן און געארג האבען זיך פארשריבען אלס שטודענטען אין יורידישען פאקולטעט. אבער דער פאטער אליין האט אין א קורצער צייט ארום פארגעשלאגען דעם איינגערען זון אויפצוגעבען זיין אוניווערזיטעט־שטודיום און פארנעמען זיך מיט מוזיק, צו וואס ער האט געהאט א שטארקע נייגונג. געארג האט מיט צופרידענקייט און דאנקבארקייט געפאלגט דעם פאטער. אבער אויך אויף דעם געביט, וועלכען ער אליין האט אויסגעקליבען, האט איהם געפעלט געדולד און אויסגעהאלטענקייט, און אפט פלעגט ער זיך גאנצע וואכען פארנעמען מיט זייטיגע זאכען, וואס האבען ניט געהאט קיין שום שייכות צו זיין בארוף. און אט צוליעב דער לייכט־שפילערישער נטיה האט ער זיך מיט אזא ערנסט געפארעט אין די אלטע פאמיליען־פאפירען, פונקט ווי ער וואלט געדארפט אויספארשען וויכטיגע סודות פון דער פארגאנגענהייט. היבשע שעה׳ן האט ער פארבראכט לייענענדיג מיט אויפרעגונג די בריוו, וואס די עלטערן האבען אין די יונגע יאהרען געשריבען איינער צום אנדערען; די בענקענדיגע, צופעליגע און מרה־שחורה׳דיגע בלעטלאך האבען פאר איהם איבעראניים לעבעדיג געמאכט ניט נאר די געשטאלטען פון די פארשטארבענע, נאר אויך אנדערע האלב־פארגעסענע מענשען. אט איז געשטאנען פאר איהם, ווי א לעבעדיגער, זיין דייטשער לערער, מיט׳ן טרויעריג בלאסען שטערען, וועלכער פלעגט איהם דעקלאמירען הארציען בשעת זייערע לאנגע שפאצירען; דער ברוינער, ווילדער קינדערשער־פנים פון דעם פרינץ אלעקסאנדער פון מאקעדאניען, מיט וועמען ער פלעגט שפאצירען רייטענדיג אין רוים; און אין א טרוימערישער געשטאלט, ווי מיט שווארצע ליניעס געמאלט אויף א בלוי־ווייסען האריזאנט, איז פאר איהם ארויסגעשוואומען די פיראמידע פון געסטיוס, ווי ער האט זי דערזעהן אין א פארנאכט, ווען ער האט זיך אומגעקערט פון זיין ערשטען שפאציר־רייטען אין קאמפאניא. און ווען ער האט זיך ווייטער פאר׳חלומ׳ט, האבען

זיך באַוויזען פאַר איהם ים־ברעגען, גערטענער, גאַסען, און ער האָט גאָר ניט געוואוסט, פון וועלכער לאַנדשאַפט, פון וועלכער שטאָדט זיי זיינען אין זיין זכרון פאַרבליבען. עס האָבען פאַרביי איהם גע־שוועבט געשטאַלטען, אייניגע גאָר קלאָר און דייטליך, כאָטש ער האָט זיי נאָר איין מאָל אין אַ גלייכגילטיגער שעה אָנגעטראָפען, פאַרקערט אַנדערע, מיט וועמען ער האָט אפשר אַ לענגערע צייט פאַרבראַכט, זיינען פאַרבליבען אין זכרון אַזוי ווי פאַרשאָטענט. ווען געאָרג האָט נאָכ'ן דורכקוקען יענע אַלטע בריוו געבראַכט אויך אין אָרדנונג זיינע אייגענע פאַפּירען, האָט ער געפונען אין אַן אַלטען גרינעם פאָרטפעל מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע ער האָט אָנ־געשריבען אין זיינע קינדער־יאָהרען; ער האָט אָן זיי גאָר אינ־גאַנצען פאַרגעסען, אַז מ'וואָלט זיי איהם געקענט ווייזען, ווי עמי־צענס פרעמדע נאָטען. אייניגע פון די קאָמפּאָזיציעס האָבען איהם אנגענעהם וועהטאָגדיג איבערראַשט, ווייל איהם האָט זיך געדוכט, אַז אין זיי איז קענטיג שפּורען פון אַ באַדייטענדער מוזיקאַלישער צוקונפט, וועלכע ער וועט אפשר קיינמאָל ניט פאַרווירקליכען. און דאָך האָט ער גראַד אין דער לעצטער צייט געפיהלט, אַז עפּעס גרייט זיך און ווערט רייף. ער האָט געזעהן, ווי עפּעס אַ סודות'דיגע, אָבער זיכערע ליניע ציהט זיך פון זיינע ערשטע האָפנונגספולע מוזיק־שריפטען אין דעם גרינעם פאָרטפעל און באַרייכערט זיך מיט נייע איינפאַלען; און דאָס האָט ער געוואוסט: די צוויי ליעדער פון מעריב־מזרח'דיגען דיוואַן, וועלכע ער האָט היינטיגען זומער אין אַ הייסען נאָכמיטאָג קאָמפּאָנירט, בעת פעליציאַן איז געלעגען אין האַמאַק און דער פאָטער האָט געאַרבייט אויף דער קיהלער וועראַנדאַ אינ'ם וויג־שטול, וואָלט אַבי־ווער ניט געקענט פאַרפאַ־סען.

ווי פון אַ פלוצלונגען אומגעריכטען געדאַנק איבערראַשט איז געאָרג אויף אַ שריט אָפּגעטראָטען פון פענסטער. איהם איז נאָך קיינמאָל אַזוי קלאָר ניט געווען, אַז זיין לעבען איז זינט דעם טאַ־טענס טויט, ביז היינט צו טאָג, אינגאַנצען איבערגעאַנדערשט געוואָרען. ווענען אַנאַ ראָסנער, וועמען ער האָט יענע ליעדער אין

מאַנוסקריפּט געשיקט, האָט ער די גאַנצע צייט גאָר נישט געטראַכט. אין אַנגעגעהם געפיהל האָט איהם דורכגענומען, ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגען איהר פיין־קלינגענדיגער, טונקעלער שטים, וואָס ער קען הערען ווען איהם וועט זיך נאָר פאַרוועלען, און אויך אַקאָמפּאַ־נירען אויף דעם אַביסעל דומפּפען פּיאַנאָ. ווי וועגען עפּעס,וואָס איז שוין ליעב געוואָרען און לאַנג באַקאַנט, האָט ער געטראַכט וועגען דעם אַלטען הויז אויף דער פּאַאולאַנער גאַס, דעם נידעריגען טויער, די שלעכט־באַלויכטענע טרעפּ, אויף וועלכע ער איז נישט מעהר ווי דריי־פיער מאָל אַרויפגעגאַנגען.

אין פּאַרק האָבען אַ לייכטען רויש געטאָן די בלעטער. אַ דינער וואָלקען האָט זיך באַוויזען איבער'ן שפּיץ פונ'ם סטעפּאַן־טורם, וועל־כער איז געלעגען גלייך אַנטקעגען דעם פענסטער, אָפּגעטיילט דורכ'ן פּאַרק און אַ באַדייטענדעם טייל שטאָדט. גערעכנט האָט פּאַר זיך גע־האַט אַ לאַנגען נאָכמיטאָג, אָהן שום באַשטימטע אַרבייט און התחיבות. אין משך פון די צוויי טרויער־חדשים, האָט זיך איהם געדוכט, זיינען אַלע זיינע פריהערדיגע באַציהונגען שוואַכער אָדער אָפּגעבראָכען געוואָרען. ער האָט געטראַכט וועגען דעם פאַרגאַנגע־נעם ווינטער און פריהלינג און דעם אומגעלומפּערטען צייט־פאַר־טרייב. אַלערליי זכרונות זיינען פאַר איהם אין לעבעדיגע ביל־דער אַרויסגעשוואומען: די רייזע מיט פרוי מאַריאַנע אין אַ פּאַר־מאַכטער דראָשקע דורכ'ן פאַרשנייטען וואַלד; דער מאַסקאַראַד־אַבענד ביי די עהרענבערגס און עלזע'ס טיפזיניג־קינדישע באַמער־קונגען וועגען „הערא גאַבלער", מיט וועמען זי פיהלט זיך, ווי זי האָט געמיינט, אין גייסטיגער קרובה'שאַפט, און זיסי'ס שנעלער קוש אונטער די שוואַרצע שפּיצען פונ'ם פאָרהאַנג; די באַרג־רייזע אין שניי פון עדלאַך ביז די ראַקס מיט'ן גראַף שענשטיין און אָסקאַר עהרעבענרג, וואָס אָהן באַזונדערע נייגונג צו אַלפּען־טורען האָט ער זיך גערן אַנגעשלאָסען אָן דער געזעלשאַפט פון די אַדעליגע לייט; דעם אָבענד ביי ראָנאַכער מיט גרייס און דעם יונגען לובינסקי, וואָס האָט זיך אין פיער טעג אַרום דערשאָסען, און מען איז קיינ־מאָל נישט דערגאַנגען די אורזאַכע: צי צוליעב גרייס, אָדער צוליעב

חובות, און אפשר צוליעב דער איבערדריסיגקייט פון לעבען, אָדער גאָר פּשוט צוליעב דעם, כדי צו מאַכען אַן עפעקט; דעם מערק־ווירדיגען זודיג־קאַלטען שמועס מיט גריים אויפ'ן בית־עולם אין דעם צוגעהענדען פעברואר־שניי, צוויי טעג נאָך לובינסקי'ס לויה; דעם אבענד אינ'ם הייסען, הויך־געוועלבטען גימנאַסטישען זאַל, וואו פעליציאַנ'ס קינזשאַל האָט זיך צוזאַמענגעקרייצט מיט'ן געפערליכען וואפען פונ'ם איטאַליענישען מייסטער; דעם שפּאַציר ביינאַכט נאָך פּאַדאַרעווסקי'ס קאָנצערט, ווען דער פאָטער האָט איהם אַזוי אינטים ווי נאָך קיינמאָל ביז אהער, דערצעהלט וועגען יענעם וויימען אבענד, ווען זיין געשטאָרבענע מוטער האָט אין דעמזעלבען זאַל די Missa Solemnis געזונגען. און צום סוף האָט זיך פאַר איהם אין גע־דאַנק באַוויזען די הויכע און רוהיגע געשטאַלט פון אַנאַ ראָסנער, ווי זי שפּאַרט זיך אָן אויף דעם פּיאַנאָ, די נאָטען אין דער האַנד און די בלויע, שמייכלענדע אויגען געווענדט אויף די קלאַווישען; און ער האָט געהערט אפילו איהר שטימע אין זיין נשמה קלינגען.

בעת ער איז אַזוי געשטאַנען לעבען פענסטער און האָט אַראָפּ־געקוקט אין פּאַרק אריין, וואָס איז ביסלעכווייז לעבעדיגער גע־וואָרען, האָט ער דערפיהלט ווי אַ באַרוהיגונג אין דעם, וואָס ער איז מיט קיינעם ניט צו נאָהענט פאַרבונדען און דאָך זיינען פאַראַן אייניגע, מיט וועמען ער קען באַנייען זיינע באַציהונגען און אין וועמענס געזעלשאַפט ער קען לייכט אריינגעהן, ווען איהם וועט זיך נאָר פאַרוועלען. אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך דערפיהלט וואונדערבאַר אויסגערוהט, גרייט פאַר ארבייט און גליק. ער איז פול געוועזען מיט גוטע און שטאָלצע פּלענער, דורכגעדרונגען מיט פריידיגען באַוואוסטזיין פון זיין יוגענד און אומאָפּהענגיגקייט. ער האָט דערפיהלט, ניט אָהן אַ געוויסען שעמען זיך, אַז זיין טרויער־געפיהל צוליעב'ן טויט פון זיין פאָטער איז פיעל אָפּגעשוואַכט גע־וואָרען, לפּחות אויף דער רגע; דאָך האָט ער געפונען אַ געוויסען טרויסט אין זיך פאַר זיין גלייכגילטיגקייט, ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגען דעם לייכטען טויט, וואָס איז באַשערט געוועזען דעם טייערען מאַן. ער האָט אַרומגעשפּאַצירט הין און צוריק אין גאָרטען,

לוסטיג שמועסענדיג מיט זיינעביידע זין; פלוצלונג האָט ער זיך אָנגעהויבען ארומקוקען, ווי ער וואָלט דערהערט עפּעס ווייטע שטי־מען, און וואַרפענדיג זיין בליק צום הימעל, איז ער אַ טויטער אַני־דערגעפאַלען אויפ'ן גראָז, אָהן אַ קרעכץ, ניט אַ צוק־טועענדיג אַפילו מיט די ליפּען.

גערג האָט זיך אומגעקערט צוריק אין צימער, האָט זיך גריים געמאַכט צום געהן און האָט פאַרלאָזען דאָס הויז. ער האָט ברעה געהאַט עטליכע שעה ארומשפּאַצירען, וואוהין דער צופאַל וועט איהם ברייננגען, און אין אָבענד האָט ער געוואָלט ווייטער אַרבייטען אויף זיין קווינטעט־קאָמפּאָזיציע, ווייל איהם האָט זיך געדוכט, אַז ער איז אין דער פּאַסענדער שטימונג דערפאַר. ער איז דורכגעגאַנגען די גאַס און איז אריין אין פּאַרק. די היץ איז שוואַכער געוואָרען. די אַלטע פרוי אין דער מאַנטיליע איז נאָך אַלץ געזעסען אויפ'ן באַנק און האָט מיט אָפענע אויגען געקוקט אין דער ווייטקייט אריין. ארום דעם קיאָסק זיינען אַלע שטולען געווען פאַרנומען. אינ'ם וועטער־הייזעל איז געזעסען אַ גלאַט־געראַזירטער מאַן, וואָס זיין געזיכט איז געאָרג'ן געווען באַקאַנט; ער האָט זיך איהם געוואָרפען אין די אויגען מיט זיין עהנליכקייט צום אַלטען גרילפּארצער*). לעבען טייך איז געאָרג'ן אַנטקעגען געגאַנגען אַ גואוורנאַנטקע מיט צוויי שען אָנגעטאָנענע קינדער און האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ לייכטען בליק. ווען ער איז פון פּאַרק אויף דער רינגשטראַסע ארויס, האָט ער באַגעגענט ווילי גייסלער אין אַ לאַנגען טונקעל־געשטרייפטען הערבסט־מאַנטעל, און יענער האָט מיט איהם פאַר־פיהרט אַ שמועס:

— גוט מאָרגען, באַראָן, זייט איהר שוין אויך צוריקגעקומען אין ווין?

— איך בין שוין לאַנג דאָ — האָט געאָרג געענטפערט — נאָך מיין פאָטערס לויה האָב איך שוין ווין ניט פאַרלאָזען.

---

* באַקאַנטער עסטרייכישער דראַמאַטיקער (פון די קלאַסיקער).

— יאָ, יאָ, נאַטירליך... ערלויבט מיר איך נאָכאַמאָל... — און ווילי האָט געדריקט געאָרג'ן די האַנט.

— און וואָס האָט איהר היינטיגען זומער געטאָן? — האָט געאָרג געפרעגט.

— פאַרשידענעס: טעניס געשפּילט, געמאָלען, צייט גע־הרג'עט, עטליכע אַמיזאַנטע און נאָך מעהר לאַנגווייליגע שטונדען פאַרבראַכט... — ווילי האָט גערעדט אויסערגעוועהנליך שנעל, ווי מיט אַ בביון'דיגער הייזעריגקייט, שאַרף, מיט אַן אונגאַרישען, פראַנצויזישען, וויענער און אידישען אַקצענט. — אגב, ווי איהר זעהט מיך — האָט ער פאָרטגעזעצט: — בין איך היינט פריה גע־קומען פון פּשעמישעל.

— סאָלדאַטען־מאַנעוורען?

— יאָ, די לעצטע. איך זאָג דאָס מיט וועהטאָג. ווי שנעל אפילו איך דערנעהנטער זיך צו אַלטקייט, דאָך האָב איך אַלץ נאָך הנאה געהאַט אַרומצוגעהן מיט די געלע עפּאָלעטען און קלינגענדיגע שפּאָרען, רוישענדיג מיט'ן שווערד, אַרויסרופענדיג ביי איניגע דאָס געפיהל פון נאָהענטער סכנה און ווירקענדיג אויף אַנדערע נאַאיווע מענשען, אַז זיי זאָלען מיך האַלטען פאַר אַ גראַף פון העכסטען סאָרט. — זיי האָבען וויייטער געשפּאַצירט אַרום צאַם פון שטאָדט־פּאַרק.

— געהט איהר אפשר צו די עהרענבערגס? — האָט ווילי גע־פרעגט.

— ניין, איך טראַכט גאָר ניט וועגען דעם.

— ווייל ס'איז אויפ'ן וועג. אגב, האָט איהר געהערט, מ'זאָגט, אַז ביי פריילין עלזע איז געווען תנאים.

— אַזוי? — האָט געאָרג געפרעגט מיט אַן אויסגעצווינגענעם קול — מיט וועמען איז דאָס?

— טרעפט, באַראָן.

— זאָל זיין ענדליך האַפראַט ווילט?

— נאָך וואָס! — האָט ווילי אויסגעשריען — דער טראַכט גאָר ניט וועגען דעם! צו משדך זיין זיך מיט די עהרענבערגס

וואָלט איהם דאָך לסוף ביי היינטיגע צייטען געשאַדט צו זיין מיניסטער־קאַריערע.

— ריטמייסטער לאַדיסק? — האָט גערג געפּרובט ווייטער טרעפען.

— אַך, דערצו איז פריילין עלזע צו קלוג אַריינצופאַלען צו איהם.

איצט האָט זיך געאָרג דערמאָנט, אַז ווילי האָט זיך מיט עט־ליכע יאָהר צוריק געשלאָגען אויף אַ דועל מיט לאַדיסק'ן. ווילי האָט דערפיהלט געאָרג'ס בליק, האָט מיט זיינע נערוועזע פינגער געדרעהט הין און צוריק די בלאָנדע, אויפ'ן פּוילישען שטייגער אַראָפּהענגענדע וואָנצעס, און האָט שנעל און פאַרביילויפּענדיג געזאָגט: — דער פאַקט, וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט אַ חלוקי־דעה מיט'ן ריטמייסטער לאַדיסק, קען מיר ניט שטערען גאַנץ לאָיאַל מודה צו זיין, אַז ער איז פון שטענדיג אָן געוועזן אַ פאַר־שכור'טער דבר־אחר. איך פיהל צו איהם אַ שנאה, וועלכע איך קען ניט גובר זיין און וועלכע קען אפילו דורך בלוט ניט אָפּגעוואַ־שען ווערען. די חברה־לייט, וואָס פרעסען זיך אָן ביי אידען, און הויבען זיי שוין אָן צו זידלען, ווען זיי שטעהען נאָך אויף די טרעפּ. זיי וואָלטען דאָך געמעגט אָפּוואַרטען כאָטש ביז'ן קאַפע־הויז. אָבער שטרענגט זיך ניט אָן צו טרעפען, הייגריך בערמאַן זאָל דער גליקליכער זיין.

— עס קען ניט זיין — האָט געאָרג אויסגערופען.

— פאַרוואָס? — האָט אייזלער געפרעגט — איינער מוז דאָך סוף כל סוף ווערען איהר אויסדערוועהלטער. בערמאַן איז טאַקי ניט קיין אַדאָניס, אָבער ער איז אויפ'ן וועג צו ווערען באַ־ריהמט; און אַזאַ וואָס זאָל אין זיך פאַראייניגען די מעלות פון אַן אמת'ן עסטעט מיט די השלמות פון אַ סאַלאָנען־זשאָקיי, אַזוי ווי עלזאַ האָט זיך וואַהרשיינליך געמאָלט אין איהר אידעאַל, איז דאָך ניט אַזוי לייכט צו געפינען. בינו לבינו איז זי אַלט געוואָרען פיער און צוואַנציג יאָהר, און סאַלאַמאַן'ס וויצען און טאַקטלאָזיג־קייטען האָבען איהר מסתמא אויך שוין גוט דערעסען... אַלזאָ...

— סאלאמאן?... אך, יאָ... עהרענבערג.

— איהר קענט איהם נאָר אונטער'ן נאָמען „ס"?... ס. הייסט נאַטירליך סאלאַמאָן, און דאָס, וואָס אויף'ן טיר־ברעטעל שטעהט נאָר א „סמך", האָט ער דאָס צוליעב געטאָן די זייניגע. ווען ס'וואָלט פון איהם אפהענגיג געווען, וואָלט ער אויך די אבענדען, וואָס מאדאם עהרענבערג מאכט, ארומגעגאנגען בעסער מיט פּאות'ן און אין א קאפּאָטע.

— איהר רעכענט?... ער איז דאָך ניט אזוי פרום?

— פרום... אָ, געוויס! מיט פרומקייט האָט דאָס גאָר ניט צו טאָן. ס'איז נאָר א צו להכעיס, דערהויפּט געגען זיין זון אָסקאר מיט זיינע יונקערשע נטיות.

— אך, אזוי — האָט געאָרג שמייכלענדיג געזאָגט — איז דען אָסקאר שוין ניט פון לאנג אָן גע'שמדט? ער איז דאָך א דראגון. רעזערוו־אָפיצער.

— דאָס איז גאָר נישט... אָט בין איך דאָך אויך ניט געטויפט און פונדעסטוועגען... יאָ, ס'זיינען שטענדיג פאראן א פּאָר אויס־נאהמען... מיט א ביסעל גוטען ווילען... — ער האָט זיך פאנאנדער־געלאכט און האָט ווייטער געזאָגט — וואָס ס'איז שייך צו אָסקאר'ן, וואָלט ער געוויס בעסער געוואָלט זיין א קאטאָליק. אָבער דאָס פארגעניגען צו געהן זיך מתודה זיין וואָלט איהם צו טייער געקאָסט. ס'וועט מסתמא אויך אין דער צוואה באזאָרגט ווערען, אז אָסקאר'ן זאָל ניט אזוי לייכט אָנקומען דאָס שמד'ען זיך.

— זיי זיינען צוגעגאנגען צום קאפע אימפעריאל. ווילי איז געבליבען שטעהן. — איך האָב אָפּגערעדט צו טרעפען זיך מיט דעמעטר סטאנציידעס.

— גריסט איהם, איך בעט אייך.

— איך דאנק אייך זעהר. געהט איהר ניט אריין מיט מיר פארזוכען אייז קרעם?

— א דאנק, איך וועל זיך נאָך אביסעל ארומדרעהען.

— איהר האָט ליעב איינזאמקייט?

— אויף אזעלכע אלגעמיינע פראגען לאזט זיך שווער געבען א תשובה — האט איהם געארג געענטפערט.

ווילי איז פלוצלונג ערנסט געווארען, און אראפנעמענדיג די הוט, האט ער זיך גענומען זעגנען — ס'איז שוין צייט, איך האב די עהרע, הער באראן.

געארג האט איהם געגעבען די האנט. ער האט געפיהלט אז ווילי איז א מענש, וואס האט בטבע צו פארטיידיגען א וועלכע עס איז מיינונג, ווען אפילו דאס איז ניט אזוי נויטיג. — אויף ווידערזעהן — האט ער מיט פשוט'ער הארציגקייט געזאגט.

כמעט גאנץ אפט איז איהם אויסגעקומען ווי עפעס מאדנע דאס, וואס ווילי איז א איד. זיין פאטער אפילו, דער אלטער אייזלער, האט ווייניג וואס אויסגעזעהן ווי א איד. ער האט פארפאסט אייניגע רייצענדע וויענער ליעדער און טענץ; איז געווען א מבין אויף קונסטזאכען און האט געהאט א היבשע זאמלונג פון אנטיקען, וועלכע ער פלעגט אפטמאל פארקויפען. אין דערזעלבער צייט איז ער געווען באריהמט אלס איינער פון די בעסטע באקסער אין וויען. מיט זיין ריזיגער געשטאלט, מיט דער לאנגער גראער בארד און מיט א מאנאקל אויף אן אויג האט ער גיכער אויסגעזעהן ווי אן אונגארישער מאגנאט, איידער א אידישער פאטריארך. ווילי אבער, וועמען עס האט שטענדיג געצויגען צו דער העכערער געזעלשאפט, האט מיט אלע זיינע פעהיגקייטען און נייגונגען, ווי אויך מיט זיין אייזערנעם ווילען געמאכט דעם איינדרוק פון אן עכטען געבארענעם אריסטאקראט. מיט וואס ער האט זיך אבער יא אויסגעצייכענט פון אנדערע יונגע לייט פון זיין שטאם און קרייז, איז געווען דאס, וואס ער איז געוואהנט געווען קיינמאל ניט צו פארלייקענען זיין אפשטאמונג און פאר יעדען צווייזייטיגען שמייכעל פאדערן דין וחשבון; ער פלעגט אויך אפט אליין לאכען פון זיך פאר זיינע פאראורטיילען און רדיפת הכבד, צו וועלכע ער האט געהאט א שוואכקייט.

געארג האט זיך געלאזט געהן ווייטער. ווילי'ס לעצטע פראגע האט איהם נאכגעקלונגען. צי האט ער ליעב איינזאמקייט?...

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער פלעגט אין פּאַלערמאָ גאַנצע פאַר־מיטאָגס אַליין אַרומשפּאַצירען, בעת גרייס פלעגט, ווי איהר גע־וואָהנהייט, ביז מיטאָג ליגען אין בעט. גרייס... וואו קאָן זי איצט זיין...? זינט זיי האָבען זיך צושיידט אין נעאַפּאָל, האָט זי פון זיך גאָרנישט געלאָזט הערען. אגב האָבען זיי צווישען זיך אַזוי טאַקי אָבגערעדט. ער האָט געטראַכט וועגען דער טיף־בלויער נאַכט, וועלכע האָט געשוועבט איבער די וואַסערן, ווען ער איז נאָך יענעם צושיידען זיך אַוועקגעפאָרען אין גענוא, און וועגען דעם מערקווירדיגען, שטילען, ווי פאַר'כשופ'טען געזאַנג פון צוויי קינדער, וואָס זיינען, טולענדיג זיך איינער צום אַנדערען, אין אַ פעלץ איינגעוויקעלט, געזעסען אויפ'ן שיפ־דעק לעבען זייער שלאָ־פענדער מוטער.

מיט וואַקסענדער צופרידענקייט האָט ער ווייטער געשפּאַצירט צווישען עולם, וואָס איז פאַר איהם פאַרבייגעגאַנגען אין זונטאָג־דיגער רחבות. דאָ און דאָרט פלעגט איהם באַגעגענען אַ פריינד־ליכער פרויען־בליק, און ס'האָט זיך אויסגעדוכט, ווי מען וואָלט איהם וועלען טרויסטען, וואָס ער, געאָרג, אָנגעטאָן אין טרויער, שפּאַצירט אַזוי איינזאַם אין אָט דעם יום־טוב'דיגען נאָכמיטאָג. און ווידער איז פאַר איהם אַרויסגעשוואומען אַ בילד; ער האָט זיך געזעהן שפּעט אין אָבענד אין אַ הייסען יוני־טאָג, אויף אַ באַרגיגער לאָנקע. אַרום איז געוועזען פינסטער. טיף אונטער איהם — אַ טומעל פון מענשען, לאַכען און ליאַרם; בלישצענדע לאַמטערנעס. גאַנץ נאָהענט פון דער דונקעלהייט מיידעלשע שטי־מען... ער צינדט אָן די קליינע ליולקע, וואָס ער פלעגט נאָר רוי־כערען אויסער'ן שטאָדט; און ביים ליכט פון דער שוועבעלע דערזעהט ער צוויי שענע, גאַנץ יונגע דאָרפישע פּראָסטיטוטקעס, כמעט קינדער. ער האָט געשמועסט מיט זיי. זיי האָבען זיך גע־שראָקען, ווייל עס איז אַזוי פינסטער געווען; זיי האָבען זיך צו־געטולעט צו איהם. פלוצלונג אַ טראַסקעריי, ראַקעטען אין דער לופט. פון אונטען אַ הויכער „אַה”. אין דער טיף פון דעם אומ־באַמערקבאַרען טייכעל בענגאַליש ליכט, פיאָלעט און רויט. די

מיידלאך לאָזען זיך אַראָפּבאַרג, פאַרשווינדען. עס ווערט ווידער פינסטער, און ער ליגט אַליין, קוקט אין דער פינסטערניש אריין, וואָס וויל אויף איהם אין היץ אראָפּזינקען. דאָס איז געווען גראָד די נאַכט פאַר דעם טאָג, ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבען, און אָט וועגען דער נאַכט האָט ער איצטער ערשט צום ערשטען מאָל א טראַכט געטאָן.

ער האָט די רינגשטראַסע פאַרלאָזען, ער איז אַוועק אין דער ריכטונג צו ווידען. וועלען די ראַסנערס אין אזא שענעם טאָג אין דער היים זיין? אויף יעדען פאַל, לוינט זיך דער קורצער וועג, און ס'האָט איהם אהין מעהר געצויגען, ווי צו די עהרענ־בערגס. נאָך עלזע'ן האָט ער גאָר ניט געבענקט, און צי איז זי באמת געוואָרען הערמאַן בערמאַן'ס כלה אָדער ניט, איז איהם גע־ווען כמעט אלץ־איינס. ער האָט זי שוין געקאָנט לאַנג. זי איז געווען עלף, און ער פערצעהן יאָהר, ווען זיי האָבען צוזאַמען אין דער ריוויעראַ טענים געשפּילט. זי האָט דעמאָלט אויסגעזעהן, ווי אַ ציגיינער־מיידעל. בלוי־שוואַרצע לאָקען זיינען ביי איהר אראָפּ־געהאַנגען פון שטערען און די באַקען, און שטיפעריש איז זי געווען, ווי אַ אינגעל. איהר ברודער האָט שוין דעמאָלט געשפּילט די ראָ־לע פון אַ לאָרד, און געאָרג האָט נאָך היינט געמוזט לאַכען, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, ווי דער פופצען־יאָהריגער בחור האָט זיך אין אַ גוטען פריהמאָרגען באַוויזען אויף דער פּראָמענאַדע אין זיין העל־גראָען פארשפּילעטען ראָק, אין ווייסע הענטשיקעס אויס־גענעהט אין שוואַרצען און מיט אַ מאַנאָקעל אויף אַן אויג. פּרוי עהרענבערג איז דאַן געווען פיער און דרייסיג יאָהר אַלט, הויך, גע־וויקסיג, דערביי נאָך שען, מיט האַלב פאַרשלומערטע אויגען, און זי איז געווען דאָס רוב מיד. אין געאָרג'ס זכרון האָט זיך איינגע־קריצט ווי איינמאָל ביי טאָג האָט איהר מאַן, דער פאַטראָנען־פאַברי־קאַנט און מיליאָנער, איבערראַשט זיין פאַמיליע און מיט זיין אַריינ־קומען אַ סוף געמאַכט צו דער גאַנצער פאַרנעמקייט פון די עהרענ־בערגס. געאָרג האָט איהם נאָך געזעהן פאַר די אויגען, ווי ער האָט זיך איינמאָל באַוויזען אויף דער האָטעל־גאַס, בעת מ'האָט

געגעסען פריהשטיק; א קליינער, א דארער, מיט א גראליכער גרויסער באָרד און יאפּאנעזישע אויגען, אין א ווייסען, שלעכט אויסגעפּרעסטען פלאנעל־קאָסטיום, מיט א טונקעלען שטרויענעם הוט מיט א רויט־ווייס געשטרייפטער לענטע אויפ׳ן קיילעכדיגען קאָפּ, און אין שווארצע, פארשטויבטע שיך. ער האָט גערעדט זעהר צוציגען, אביסעל איראָניש, אפילו ווען ס׳האָט זיך געהאנדעלט וועגען די גלייכגילטיגסטע זאכען; און גאנץ אָפט, ווען ער פלעגט נאָר דעם מויל עפּענען, האָט מען געקענט באמערקען א באהאלטענעם שרעק אויף זיין ווייבס רוהיגען פּנים. זי פלעגט פּרובען אָן איהם נוקם זיין זיך, באהאנדלענדיג איהם מיט שפּאָט; זי האָט אָבער דערמיט גאָרנישט גע׳פּועל׳ט, ווייל ער פלעגט זיך ווייניג רעכענען דערמיט. אָסקאר פלעגט זיך האלטען אזוי, פּונקט ווי ער וואָלט גאָר ניט שייך געווען דערצו. אויף זיין פּנים האָט מען געקענט באמערקען א ביסעל אָן אומזיכערע פּאראכטונג צום טאטען, וועלכער איז ניט ראוי צו האָבען איהם פאר א זון, און ווי זובענדיג א הסכמה, פלעגט ער זיך איבערשמייכלען מיט׳ן יונגען באראָן. נאָר עלזע האָט אין יענער צייט גוט באהאנדלט דעם פאָטער. אויף דער פראָמענאדע פלעגט זי זיך אָנהענגען אויף זיין אָרעם, און אָן אנדערסמאָל פלעגט זי פאר אלעמען אין די אויגען ארויספאלען איהם אויפ׳ן האלז.

א יאָהר פאר זיין מוטערס טוידט האָט געאַרג אין פלאָרענץ געזעהן עלזע׳ן נאכאמאָל. זי האָט זיך דעמאָלט געלערענט מאָלען ביי אן אלטען דייטש, מיט גראָע, צושויבערטע האָר, וועגען וועלכען ס׳זיינען ארומגעגאנגען לעגענדעס, אז ער איז אמאָל געווען בארימט. ער אליין האָט וועגען זיך פארשפּרייט א קלאנג, אז ווי נאָר ער האָט דערפיהלט, דאָס זיין געניאליטעט פארשווינדט, האָט ער געביטען זיין פריהער בארימטען נאָמען און האָט פארלאָזען זיין וואָהנונג־פּלאץ, וועלכען ער האָט קיינמאָל ניט אָנגערופען. שולדיג אין זיין מפּלה, אויב מ׳זאָל איהם גלויבען, איז געווען א דעמאנישע פרוי, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאָט. אין א מינוט פון איפערזוכט האָט זי צוריסען איינע פון

זיינע בעסטע בילדער און האָט זיך דערנאָך דער׳הרג׳עט, אראפ־שפרינגענדיג פון פענסטער. אָט דער מענש, וועמען אפילו דער זיבעצען־יאָהריגען געאָרג האָט דערקענט אלס א נארישען שווינד־לער, איז געווען עלזע׳ס ערשטע ליעבע. זי איז דעמאָלט אלט געווען פערצען יאָהר. די ווילדקייט און נאאיוויטעט פון יוגענד איז שוין אוועק. איהרע באַקען האָבען געגליהט פון נייגעריגקייט, בענקעניש און באוואונדערונג, ווען זי פלעגט שטעהן פאר טי־ציאַן׳ס ווענוס־בילד אין דעם אופיציען־מוזעאום, און אין איהרע אויגען האָבען געשפּילט טונקעלע חלומות פון קומענדיגע דורכ־לעבונגען. זי פלעגט אָפּט קומען מיט איהר מוטער צו די ווער־נענטינס, וועלכע האָבען געוואוינט אין לונגארנאָ; און בעת פרוי עהרענבערג האָט אויף איהר שטייגער, אין א געמאַטערטען, גייסט־רייכען שמועס פארבראַכט מיט דער קראַנקער באַראָנעסע, איז על־זע מיט געאָרג׳ן געשטאַנען ביים פענסטער און האָבען געפירט ניט נאָך זייערע יאָהרען ערנסטע געשפרעכען וועגען דער קונסט פון די פרע־ראַפאַעליטען, דערמאָנענדיג דערביי מיט א געלעכטער די עבר׳דיגע קינדערשע שפּילערייען. פון צייט צו צייט פלעגט זיך אויך פעליציאַן ווייזען. שלאַנק און שען, פלעגט ער מיט זיינע קאַלטע, גראָע אויגען פארבייקוקען אויף מענשען און זאכען, פלעגט זאָגען האַלב־שטיל, כמעט פאַראַכטענדיג, א פּאָר העפליכע ווער־טער און אוועקזעצען זיך אויפ׳ן בעט פון זיין מוטער, גלעטענדיג און קושענדיג איהר האַנט. געוועהנליך פלעגט ער באַלד ווידער אוועקגעהן, איבערלאָזענדיג אויף עלזע׳ן דעם איינדרוק און די שאַרפע אַטמאָספער פון פאַרצייטיגער חשיבות, קאַלטבלוטיגען פאַרפיהרערישען רייץ און עלעגאַנטער פאַראַכטונג צום טויט. שטענדיג האָט זי געהאַט דעם איינדרוק, אזוי ווי ער וואָלט דאָ געגאַנגען צו א שפּיעל־טיש, וואו ס׳האַנדעלט זיך וועגען הונ־דערט טויזענדער, צו א דועל אויף לעבען און טויט, אדער צו א פירסטין מיט רויטע האָר און מיט א קינזשאַל אויפ׳ן נאַכט־טיש. געאָרג האָט זיך דערמאָנט, אז אי צו דעם שווינדלערישען לעהרער אי צו זיין ברודער האָט ער געהאַט א געפיהל פון א ביסעל איי־

פּערזיכטיגקייט. דעם לעהרער האָט מען צוליעב סבות, פון וועל־כע קיינער האָט זיך קיינמאָל ניט דערוואוסט, פלוצלונג אָפּגעזאָגט, און באַלד נאָכדעם איז אויך פעליציאַן מיט'ן באַראָן ווערגענטין אוועקגעפאָרען אין וויען. איצט האָט געאָרג נאָך עפטער, ווי פריהער, געשפּילט פאַר די דאַמען אויפ'ן פּיאַנאָ אייגענע און פרעמדע זאַכען, און עלזע האָט מיט איהר קליינער, אביסעל קווי־טשיגער שטים געזונגען פון נאָטען לייכטערע ליעדלאַך פון שומאַן און שוּבּערט. זי פלעגט באַזוכען מיט איהר מוטער און געאָרג'ן מוזעען און קלויסטערס; ווען דער פריהלינג איז ווידער אָנגעקומען, פלעגען זיי מאַכען שפּאַציר־רייזעס אויפ'ן בארג־וועג אָדער אין פּיזאָלע, און עלזע מיט געאָרג'ן פלעגען זיך דורכוואַרפען מיט שמייכלענדיגע בליקען, וועלכע פלעגען עדות זאָגען אויף אַ טיפערע הסכמה צווישען זיי, איידער ס'איז באמת געווען. אָט אויף דעם אביסעל ניט אויפריכטיגען שטייגער זיינען געווען אויך זייערע באַציהונגען אין וויען, ווען זיי האָבען זיך גענומען איבער־אַניים טרעפען. ס'האָט שטענדיג אויסגעזעהן, אַז עלזע האָט זיך גוט געפיהלט פון געאָרג'ס רוהיגער, פריינדליכער באַציהונג, וועל־כע ער פלעגט אַרויסווייזען צו איהר אויך דעמאָלט, ווען זיי האָבען זיך חדשים־ווייז פריהער ניט געזעהן. זי אַליין אָבער איז פון יאָהר צו יאָהר אויסערליך זיכערער און אינערליך אומרוהיגער גע־וואָרען. איהרע קינסטלערישע שטרעבונגען האָט זי פריה גענוג אוועקגעוואָרפען, און אינ'ם לויף פון דער צייט האָט זיך איהר אויסגערוכט, אַז זי איז צוגעפּאַסט פאַר די פאַרשידענסטע לע־בענס־וועגען. אַ אַנדערס מאָל האָט זי זיך געזעהן אין דער צו־קונפט אַלס וועלט־דאַמע, פּאַטראָנעסע פון גרויסע בעלער, אין דער שפּיץ פון בלומען־יום־טובים, אַלס מיטאַרבייטערין אויף אַריסטאָקראַטישע צדקה־פאַרשטעלונגען; נאָך אָפטער האָט זי זיך געדאַכט צוגעפּאַסט צו זיין פאַר אַ קינסטלערישען סאַלאָן, צווישען מאָלער, מוזיקער און דיכטער, צו זיצען אויפ'ן טראָן אַלס גרויסע קונסט־מבינ'טע. אַ אַנדערס מאָל האָט זי ווידער גע־חלומ'ט וועגען אַ מעהר שטורמישען, ריזיקאַלישען לעבען: אַ

סענסאַציאָנעלע חתונה מיט אַן אַמעריקאַנער מיליאָנער, דאָס אַנט־
לויפען מיט אַ בארימטען פידעל־שפּילער אָדער שפּאַנישען אָפּי־
ציר, די דעמאָנישע פאַרניכטונג פון אַלע מענער, וועלכע דער־
נעהענטערען זיך צו איהר. אַן אַנדערס מאָל האָט זיך איהר אויסגע־
דוכט, אַז דאָס שטילע לעבען אויפ'ן דאָרף מיט אַ מאַן אַ פאָמעש־
ציק איז דאָס בעסטע ציעל, צו וועלכען ס'לוינט זיך צו שטרעבען;
און דאַן האָט זי זיך געזעהן אין אַ קרייז פון פיעל קינדער, מיט
פריה גראָ געוואָרענע האָר, אַ צאַרטער יאוש־שמייכעל אויף די
ליפּען, ביי אַ פשוט געגרייטען טיש, פאַנאַנדערגלעטענדיג די קניי־
טשען פון שטערען ביי איהר ערנסטען מאַן. געאָרג האָט אָבער
שטענדיג געפיהלט, אַז איהר נטיה צו באַקוועמליכקייט, וועלכע
איז טיפער געווען, ווי איהר אַליין האָט זיך אויסגעדוכט, וועט
איהר שטענדיג באַשיצען פון אַ ניט באַרעכענטען שריט. זי
פלעגט פאַר געאָרג'ן אַמאָל אויסריידען די האַרץ, ניט זייענדיג קיינ־
מאָל צו עהרליך מיט איהם; ווייל זעהר אָפּט און זעהר ערנסט
האָט זי זיך אַרומגעטראָגען מיט'ן וואונש צו ווערען זיין ווייב.
געאָרג האָט דאָס זעהר גוט געוואוסט, אָבער ניט צוליעב דעם
אַליין האָט זיך איהם דער לעצטער קלאַנג וועגען איהרע תנאים
מיט היינריך בערמאַן אויסגעוויזען כמעט אומגלויביג. אָט דער
בערמאַן איז געווען אַ טרוקענער מענש, אָהן אַ באָרד, מיט טרוי־
עריגע אויגען און אַביסעל צו לאַנגע, גלאַטע האָר; די לעצטע
צייט איז ער באַקאַנט געוואָרען אַלס שריפטשטעלער. זיין אויס־
זעהן און זיינע מאַנירען האָבען געאָרג'ן דערמאָנט, ער האָט אַליין
ניט געוואוסט פאַרוואָס, אָן אַ פאַנאַטישען אידישען לעהרער
פון דער פּראָווינץ. דאָס האָט עלזע'ן ווייניגער פון אַלץ געקענט
צוציהען און מאַכען אויף איהר אַן אַנגענעמען רושם. אמת, נאָך
אַ לענגערען שמועס מיט בערמאַנ'ען פלעגט אָט דער איינדרוק
זיך ענדערען. איינמאָל אַן אבענד, לעצטען פריהלינג, איז געאָרג
צוזאַמען מיט איהם אַוועק פון די עהרענבערגס, און צווישען זיי
האָט זיך פאַרוויקעלט אַזאַ אינטערעסאַנטער שמועס וועגען מו־

זיך, אז זיי זיינען ביז דריי אין דער פריה אפגעזעסען אויף א באנק אין דער רינגשטראסע.

— ס'איז מערקווירדיג, — האט גערג א טראכט געטאן — וויפיעל איך דערמאן זיך היינט אן אזעלכע זאכען, וועגען וועלכע איך האב שוין קוים מעהר געטראכט. און ער האט דערפיהלט, ווי ער וואלט זיך אין אט דער אבענד־שטונדע פאמעליך באפרייט פון דער וועהטאגדיג־שווערער באטויבונג פון די לעצטע פיעלע וואכען און ער דערוואכט צוריק צום לעבען.

ער איז צוגעגאנגען צום הויז אויף דער פאאולאנער־גאס, וואו ס'האבען געוואוינט די ראסנערס. ער האט ארויפגעקוקט צום צווייטען שטאק. איין פענסטער איז געווען אפען, די ווייסע, אין מיטען צוגעשפילעטע טיול־פארהאנגען האבען זיך לייכט באוועגט פון ווינט.

די ראסנערס זיינען געווען אין הויז. דאס שטוב־מיידעל האט גערג'ן ארייגעלאזען. אנא איז געזעסען אנטקעגען טיר, האט געהאלטען די קאפע־גלאז אין האנט און האט זיך אומגעקוקט אויפ'ן ארייגעהענדען. צו דער רעכטער זייט לעבען איהר איז געזעסען דער פאטער. ער האט געלעזען א צייטונג און געראויכערט א ליולקע. ער איז געווען גלאט געגאלט, נאר פון די באקען האבען איהם אראפגעהאנגען צוויי שמאלע, גראליכע באקד־פאסען. זיינע שיטערע האר פון א זעלטענעם גרין־גראליכען קאליר זיינען פון די שלייפען אראפ געווען אזוי פארקאמט, אז זיי האבען אויסגעזעהן, ווי א שלעכטער פארוק. זיינע אויגען זיינען געווען וואסערהעל און מיט רויטע ראנדען. די באליעבטע מוטער, ביי וועמען ס'האבען ארום שטערן ווי געשוואבט זכרונות פון אמאליגע בעסערע יאהרען, האט סתם געקוקט פאר זיך; איהרע פאר'חלומ'ט צונויפגעלייגטע הענט האבען גערוהט אויפ'ן טיש.

אנא האט לאנגזאם אוועקגעשטעלט די גלאז, האט א נייג געטאן מיט'ן קאפ און שטיל געשמייכעלט. דיביידע אלטע האבען געמאכט א באוועגונג אויפצושטעהן, ווען גערג איז אריין.

— אך, איך בעט אייך זעהר, שטערט זיך ניט — האָט ער צו זיי געזאָגט.

דאָ האָט עפּעס אַ טרעסקע געטאָן ביי דער זייטיגער וואַנט. יאָזעף ראָסנער האָט זיך אַ הויב געטאָן פון דיוואַן, אויף וועלכען ער איז געלעגען.

— וואָס מאַכט איהר, הערר באַראָן, — האָט ער געזאָגט מיט אַ זעהר נידעריגער שטים און האָט פאַררוכט אויף זיך זיין געלען, ניט איבעריגעס רייניגען, קעסטעלדיגען רעקעל, דער קראַגען פון וועלכען איז געווען אויפגעשטעלט איבער'ן האַלז.

— ווי פיהלט איהר זיך, הערר באַראָן? — האָט געפרעגט שטעהענדיג דער טרוקענער, אַביסעל סוטולאָוואַטער אַלטער, וועלכער האָט זיך ניט געוואָלט זעצען פריהער פאַר'ן גאַסט. יאָזעף האָט צוגערוקט אַ שטול צווישען פאָטער און דער שוועסטער. אננא האָט דערלאַנגט געאָרג'ן די האַנט.

— מיר האָבען זיך שוין לאַנג ניט געזעהן — האָט זי געזאָגט און האָט אַ טרונק געטאָן פון גלאָז.

— איהר האָט דורכגעלעבט טרויעריגע צייטען, הערר באַראָן, — האָט מיט געפיהל באַמערקט פרוי ראָסנער.

— יא, יא — האָט דער אַלטער ראָסנער צוגעגעבען. — מיר האָבען מיט גרויס טרויער דורכגעלעזען אין די צייטונגען וועגען אייער שווערען פאַרלוסט... און אייער פאָטער, אויף וויפיעל אונז איז באַוואוסט, איז דאָך שטענדיג געווען אין בעסטען געזונד. — ער האָט גערעדט זעהר לאַנגזאַם, שטענדיג אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט נאָך עפּעס צוגעבען. ער פלעגט אַמאָל אַ גלעט טאָן מיט דער לינקער האַנט זיין קאָפּ און פלעגט צושאָקלען, ווען ער פלעגט אַנדערע הערען.

— יא, ס'איז געשעהן גאָר ניט געריכטערהייט, — האָט געאָרג שטיל געזאָגט און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען אויפ'ן טונקעל־רויטען, אויסגעקראַכענעם טעפּיך.

— ס'איז אַלזא געווען, אַזוי צו זאָגען, אַ פּלוצלונגער טויט, —

האָט דער אַלטער ראַסנער באַמערקט, אַלע אַרום האָבען געשוויי־
גען.

געאָרג האָט אַרויסגענומען אַ סיגאַרעט פון׳ם פּאַרטסיגאַר
און האָט אָנגעבאָטען יאָזעפ׳ן איינע.

— אַ דאַנק אייך, — האָט יאָזעף געזאָגט, און נעמענדיג דעם
פּאַפּיראָס, האָט ער זיך פאַרנייגט און אָהן אַ שום טעם אַ קלאַפּ
געטאָן מיט די פיס אויפ׳ן מיליטערישען שטייגער.

דערלאַנגענדיג דעם באַראָן אַ שוועבעלע, האָט זיך איהם
אויסגעדוכט, אַז געאָרג קוקט זיך איין אויף זיין רעקעל, און ענט־
שולדיגענדיג זיך, האָט ער מיט נאָך אַ נידעריגערער שטים, ווי גע־
וועהנליך, געזאָגט:

— דאָס איז אַ קאַנטאָר־רעקעל.

— „קאַנטאָר־רעקעל" שטאַמט פון דעם וואָרט „קאַנטאָר" —
האָט אַנאַ איינפאַך באַמערקט, ניט קוקענדיג אויפ׳ן ברודער.

— איהר האָט חשק צו איראָניזירען, מיין פריילין — האָט
יאָזעף לוסטיג אָפּגעענטפערט; דאָך פון זיין איינגעהאַלטענעם
טאָן איז געווען קענטיג, אַז ביי אַנדערע אומשטענדען וואָלט ער
זיך ניט אַזוי איידעל אויסגעדריקט.

— יאָ, אַלע האָבען זיך באַטייליגט אין אייער טרויער —
האָט דער אַלטער ראַסנער ווידער אַמאָל אָנגעהויבען. — איך
האָב געלעזען אין דער „נייער פרייער פּרעסע" דעם נעקראָלאָג
אויף אייער פאָטער... דאַכט זיך, אויב איך האָב קיין טעות ניט,
פון האָפראַט קערנער; ער איז געשריבען מיט פיעל יראת הכבוד.
יאָ, אויך די וויסענשאַפט האָט געהאַט אַ שווערען פאַרלוסט.

געאָרג האָט פאַרלענגען אַ נייג געטאָן מיט׳ן קאָפּ און האָט
אַראָפּגעלאָזען די אויגען, באַטראַכטענדיג זיינע הענט.

אַנאַ האָט פאַרפיהרט אַ שמועס וועגען דעם, ווי זי האָט
פאַרבראַכט דעם לעצטען זומער:

— אין ווייסענפעלד איז געווען וואונדערשען — האָט זי
געזאָגט. — גלייך הינטער אונזער הויז איז געווען דער וואַלד
מיט אויסגעצייכענטע גלייכע וועגען... ניט אמת, פּאַפּאַ? דאָר־

טען האָט מען געקענט שעה'ן־ווייז שפּאַצירען, ניט באַנגענדיג קיין מענשען.

— און האָט איהר דאָרטען אַ פּיאַנאָ געהאַט? — האָט געאָרג געפרעגט.

— יאָ, מיר האָבען געהאַט אַ פּיאַנאָ.

— עפּעס אַ שרעקליכער, צובראָכענער מוזיק־קאַסטען, — האָט דער אַלטער ראַסנער באַמערקט. — שפּילענדיג אויף איהם האָט מען מענשען געקענט מאַכען משוגע און שטיינער צוגעהן, ווי וואַקס.

— ס'איז גאָרניט געווען אַזוי שרעקליך — האָט אַנאַ געזאָגט.

— פאַר דער קליינער גראָובינגער איז דאָס אויך גענוג געווען — האָט פרוי ראַסנער צוגעגעבען.

— די קליינע גראָובינגער איז די טאָכטער פון דעם אָרטיגען קרעמער, — האָט אַנאַ ערקלערט. — איך האָב איהר געלערנט די ערשטע כּללים פון פּיאַנאָ־שפּילען. זי איז זעהר אַ שען, קליין מיידעל, מיט לאַנגע, בלאָנדע צעפּ.

— דאָס איז געווען נאָר אַ געפעליגקייט — האָט פרוי ראַסנער געזאָגט.

— יאָ, איך דאַרף באַמערקען — האָט אַנאַ צוגעגעבען, — אַז איך האָב געהאַט אויך אַן אמת'ע, דאָס הייסט, אַ באַצאָהלטע שטונדע.

— ווי, אויך אין ווייסענפעלד? — האָט געאָרג געפרעגט.

— קינדער פון אַ זומער־שכן. ס'איז אגב זעהר אַ שאָד, הערר באַראָן, וואָס איהר זייט ביי אונז קיין איינמאָל ניט געווען אויפ'ן זומער־פּלאַץ. אייך וואָלט געוויס דאָרטען זעהר געפעלען.

געאָרג האָט זיך איצט ערשט דערמאָנט, אַז ער האָט אַמאָל פאַרבייגעהענדיג צוגעזאָגט אַנאַ'ן, אַז ער וועט ביי זיי זומער זיין, מאַכענדיג זיין שפּאַציר־רייזע אויפ'ן וועלאָסיפּעד.

— דעם הערר באַראָן וואָלט אונזער זומער־פּלאַץ אודאי גאָר ניט געפעלען — האָט דער אַלטער ראַסנער געזאָגט.

— פאר וואס? — האט געארג א פרעג געטאן.

— דאס לעבען דארטען איז ווייט ניט צוגעפאסט פאר די צובאלעוועטע שטאדט־איינוואוינער.

— א, איך בין ניט צובאלעוועט, — האט געארג געזאגט.

— . . . זייט איהר אויך אין אוהאף ניט געוועזען? — האט אנא געפרעגט, וועגדענדיג זיך צו געארג׳ן.

— א, ניין — האט ער שנעל געענטפערט. — ניין, איך בין דארטען ניט געוועזען, מ׳האט מיך אפילו איינגעלאדען... — האט ער לאנגזאמער ווייטער גערעדט — פרוי עהרענבערג איז געוועזען אזוי פריינדליך... איך האב בכלל געהאט פיעל איינלאדונגען פאר׳ן זו־מער. איך האב אבער ליבערשט אויסגעקליבען צו בלייבען אליין אין וויען.

— עס פארדריסט מיך, — האט אנא געזאגט, — וואס איך זעה כמעט מעהר ניט עלזא׳ן. איהר ווייסט דאך, אז מיר האבען זיך געלערענט אין איינעם און דעמזעלביגען אינסטיטוט. אמת, עס איז געוועזען שוין לאנג צוריק. איך האב זי באמת ליעב גע־האט. א שאד, וואס מ׳דערווייטערט זיך מיט דער צייט אזוי איי־נער פון דעם אנדערען.

— פאר וואס האט דאס אזוי פאסירט? — האט געארג גע־פרעגט.

— יא, מסתמא דערפאר, וואס דער גאנצער קרייז איהרער איז מיר ניט זעהר סימפאטיש.

— מיר אויך ניט — האט יאזעף געזאגט, לאזענדיג דעם רויך פון סיגארעט אין קרייזלעך. — איך געה שוין ניט אהין זינט יאהרען. אפענהערציג געזאגט... איך ווייס ניט, ווי דער באראן באציהט זיך צו אט דער פראגע... מיר זיינען די אידען ניט איבע־ריגס צום הארצען.

ראסנער האט א קוק געטאן אויף זיין זון. — דער באראן קומט אריין צו זיי אין הויז, און איהם איז אפשר ניט אנגענעהם, מיין ליעבער יאזעף...

— מיר? — האט געארג גוטמוטיג געזאגט. — איך בין מיט

עהרנבערג'ס הויז בשום אופן ניט אינטים פארבונדען, כאטש איך שמועס זעהר גערן מיט די דאמען. אבער איהר האט, דאכט זיך, פאראיאהרען געגעבען עלזע'ן געזאנג־לעקציעס? האט ער זיך געווענדעט צו אנא'ן מיט א פראגע.

— יא, ריכטיגער... איך האב מיט איהר נאר איינגעשטודירט איינינע זאכען.

— איהר וועט היי־יאהר, מסתמא דאס ווידער טאן?

— איך ווייס ניט. זי האט נאך ביזאהער נישט געלאזט פון זיך הערען. זי ווארפט אפשר אוועק אינגאנצען דעם געזאנג־שטודיום.

— איהר רעכענט?

— ס'וואלט כמעט זעהר געוואונשען געוועזען — האט אנא ווייך געזאגט, — ווייל איינענטליך האט זי מעהר געפישצעט, איידער געזונגען. אנב — און אנא האט א קוק געטאן אויף געארג'ן, ווי איבעראניים באגריסענדיג איהם — די ליעדער, וועלכע איהר האט מיר געשיקט, זיינען זעהר שען. ווילט איהר אפשר, איך זאל זיי אייך זינגען?

— איהר האט זיי שוין דורכגעקוקט? דאס איז פיין.

אנא האט זיך אויפגעהויבען. זי האט אויפגעהויבעןביידע הענט צו די שלייפען און האט לייכט א גלעט געטאן, ווי צורעכט מאכענדיג איהרע רייך צושויבערטע האר. זי האט געטראגען די האר הויך פארקעמט און האט דערפאר אויסגעזעהן נאך העכער, ווי זי איז געווען. א שמאלע גאלדענע זייגער־קייט איז געווען צוויי־מאל אומגעוויקעלט ארום איהר פרייען האלז, איז אראפגעפאלען איבער איהר ברוסט אראפ און האט זיך פארלארען אינ'ם גראען לעדערנעם גארטעל. מיט א קוים באמערקבארער פארנייגונג מיט'ן קאפ האט זי איינגעלאדען געארג'ן צו געהן מיט איהר.

ער איז אויפגעשטאנען און האט געזאגט: — אויב איהר ערלויבט...

— אבער געוויס, געוויס — האט דער אלטער ראסנער געזאגט,

— דער באראָן וויל אַזוי פריינדליך זיין צו שפּילען מיט מיין טאָכטער אַביסעל מוזיק. זעהר גוט, זעהר גוט.

אַנאַ איז אריין אינ׳ם צווייטען צימער. געאָרג איז איהר נאָכגעגאַנגען און האָט געלאָזען די טיר אָפען. די ווייסע טיול־פאָרהאַנגען אינ׳ם אָפענעם פענסטער זיינען געווען צוגעשפּילעט און האָבען זיך לייכט באַוועגט.

געאָרג האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבען פּיאַנאָ און האָט גענומען א פּאָר אַקאָרדען. אַנאַ האָט זיך איינגעבויגען אויף די קניע פאַר אַן אַלטער, שווארצער, אַביסעל פארגילדטע עטאַזשערקע און האָט ארויסגענומען די נאָטען.

געאָרג האָט גענומען א פּאָר טענער.

אַנאַ האָט איהם נאָכגעפאָלגט, און האָט צו געאָרג׳ס מעלאָדיע געזונגען געטע׳ס ווערטער:

„אַז דיין בליק זאָל מיך דערפרעהען,<br>און דיין מויל, דיין שענע ברוסט,<br>אויך דיין שטימע צו פארנעהמען<br>איז מיין ערשט און לעצטע לוסט.“

זי איז געשטאַנען הינטער איהם און האָט איבער זיין פּלייצע געקוקט אין די נאָטען. פון צייט צו צייט פלעגט זי זיך אַביסעל איינבויגען, און דעמאָלט האָט ער אויף זיינע שלייפען איהר אָטעם געפיהלט. איהר שטים איז געווען א סך שענער, איידער ער האָט זי זיך אין זיין זכרון פאָרגעשטעלט.

אין דעם דערבייאיגען צימער האָט מען אָנגעהויבען ריידען אַביסעל צו הויך. ניט איבערדרייסענדיג איהר געזאַנג, האָט אַנאַ פארמאַכט די טיר.

גערערט האָט דאָס יאָזעף, וועלכער האָט ניט געקענט מעהר איינהאַלטען זיין הויכען קול. — איך וועל זיך אריינכאַפּען אין קאַפּע — האָט ער געזאָגט.

קיינער האָט איהם ניט געענטפערט. דער אַלטער ראָסנער האָט שטיל געקלאַפּט מיט די פינגער איבער׳ן טיש, און זיין פרוי האָט מיט קענטיגער גלייכגילטיגקייט א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— האָט מיר אַלזאָ א גוטען. — ביי דער טיר האָט זיך יאָזעף אומגעקוקט און האָט געפרעגט ניט זעהר זיכער.

— מוטער, האָסט אפשר א מינוט צייט...

— איך הער — האָט די מוטער געענטפערט — ס'איז דאָך, מסתמא, ניט קיין סוד.

— ניין. די זאַך איז נאָר, וואָס איך בין ביי דיר שוין אזוי אויך א בעל חוב.

— איז דאָס א מוז צו געהן אין קאָפּע ? — האָט דער אַלטער ראָסנער געפרעגט, ניט אומקוקענדיג זיך.

— די זאַך איז גאָר ניט וועגען קאָפּע. ס'איז בכלל... איהר קענט מיר גלויבען, איך וואָלט אַליין בעסער געווען צופרידען, ווען מיר וואָלט ניט אויסגעקומען שטענדיג צו נעמען ביי אייך. אָבער, וואָס זאָל א מענש טאָן ?

— ארבייטען זאָל א מענש — האָט דער אַלטער ראָסנער שטיל און מיט וועהטאָג געזאָגט, און זיינע אויגען זיינען איהם רויט געוואָרען. די מוטער האָט טרויעריג און מיט פאָרוואורף א קוק געטאָן אויפ'ן זון.

— נו, — האָט יאָזעף, צוקנעפּלענדיג און אויפשפּילענדיג זיין קאָנטאָר־רעקעל, געזאָגט — ס'איז דאָך אמת... שטענדיג... צו־ליעב יעדען גולדען...

— שאַ — האָט פרוי ראָסנער געזאָגט, אָנווייזענדיג מיט די אויגען אויף דער צוגעמאַכטער טיר, פון וואַנען ס'האָט זיך געהערט, נאָכדעם ווי אנא האָט געענדיגט זינגען, דאָס שטילע שפּילען פון געאָרג'ן.

יאָזעף האָט אויף דער מוטערס קוק א מאַך געטאָן מיט'ן האַנד:

— ארבייטען זאָל איך, זאָגט דער פּאַפּאַ. האָב איך שוין דען ניט באַוויזען, אז איך קען דאָס ? — ער האָט באַמערקט, ווי צוויי פרעגענדע פּאָר אויגען האָבען זיך אָנגעשטעלט אויף איהם...

— נו, יאָ, געוויס האָב איך דאָס דערוויזען. און ווען עס וואָלט זיך נאָר געווענדט אָן מיין גוטען ווילען, וואָלט איך אומעטום גע־קענט מיין ברויט פאַרדינען. אָבער איך האָב שוין אזא טבע, אז איך

קען ניט ערלויבען מיינע בעל־בתים צו שרייען אויף מיר, ווען איך פארשפעטיג זיך אמאל אויף א פערטעל שעה... אדער אז עס טרעפט זיך דארטען עפעס אנדערס.

— מיר קענען שוין די מעשות — האט איהם ראסנער מיט א שוואכער שטים איבערגעריסען — אבער סוף כל סוף, אז מיר ריידען שוין יא וועגען דעם, דו וועסט דאך מוזען עפעס א זוך טאן.

— א זוך טאן... מסכים... — האט יאזעף גענטפערט — אבער אין א אידישען געשעפט וועל איך שוין בשום אופן ניט אנקומען. איך וועל פון אלע מיינע באקאנטע... יא, פון מיין גאנצען קרייז אויסגעלאכט ווערען.

— דיינע באקאנטע... — האט פרוי ראסנער געזאגט, — ווער זיינען דאס דיינע באקאנטע? די חברה פונ'ם קאפע.

— איך בעט אייך, ווען מיר ריידען שוין יא וועגען דעם — האט יאזעף געזאגט — ס'איז דאך אלץ צוליעב דעם גולדען, וואס איך האב ביי אייך געבעטען. איך האב אפגערעדט צו טרעפען זיך אין קאפע מיט'ן יונגען יאלאודעק. איך וואלט אייך בעסער געוואלט דערציילען דערפון, ווען די זאך וואלט שוין געווען פארענדיגט... אבער איך זעה דאך, איך מוז שוין ארויס מיט מיינע קארטען. אלזא, יאלאודעק, דער זון פונ'ם שטאט־ראט יאלאודעק, דעם באריהמטען פאפיר־פאבריקאנט. דער אלטער יאלאודעק, איז ווי באוואוסט, א גרויסער תכיף אין דער פארטיי. ער איז זעהר נאהענט מיט צעלטינקעל'ן, דעם רעדאקטאר פון דער „קריסטליכער טאג־צייטונג." די צייטונג זוכט איצט אלס אנאנס־אגענטען יונגע לייט מיט פיינע מאנערען, קריסטען, פארשטעהט זיך. און היינט האב איך אפגערעדט צו טרעפען זיך אין קאפע מיט'ן יונגען יאלאודעק, וועלכער האט מיר צוגעזאגט, אז זיין פאטער וועט מיך רעקאמענדירען צו צעלטניקעל'ן. דאס וואלט געווען אויסגעצייכענט... איך וואלט זיך גלייך אויף די פיס געשטעלט. דא קען איך זעהר גיך הונדערט אדער הונדערט און פופציג גולדען א חודש פארדינען.

— מיין גאט — האט דער אלטער ראסנער א קרעכץ געטאן.

אין טיר האט דער גלעקעל א קלונג געטאן.

ראָסנער האָט זיך אומגעקוקט.

— דאָס איז מסתמא, דער יונגער דאָקטאָר שטאובער — האָט פרוי ראָסנער געזאָגט און האָט פאַרזאָרגט אַ קוק געטאָן אויפ'ן טיר, פון וואַנען ס'האָט זיך נאָך שטילער, ווי פריהער, געהערט געאָרג'ס שפּילען.

— נו, מוטער, וואָס איז אייגענטליך ? — האָט יאָזעף געזאָגט.

פרוי ראָסנער האָט אַרויסגענומען די בייטעלע און האָט מיט אַ זיפץ געגעבען דעם זון אַ זילבערנעם גולדען.

—— אַ דאַנק — האָט יאָזעף געזאָגט און האָט זיך אומגע־דרעהט, כדי צו אַוועקגעהן

— יאָזעף — האָט אַ רוף געטאָן דער אַלטער — ס'איז דאָך אביסעל ניט אַנשטענדיג אַוועקצוגעהן גראַד דעמאָלט, ווען ס'קומען געסט....

— אָה, איך דאַנק אייך זעהר, איך קען אויסקומען אָהן דעם כבוד.

אין טיר האָט מען אַ קלאַפּ געטאָן. ס'איז אַריין דאָקטאָר בערטאָלד שטאובער.

— זייט מיר מוחל, דאָקטאָר — האָט יאָזעף געזאָגט — איך האַלט גראָד ביים אַוועקגעהן.

— אָ, ס'מאַכט ניט אויס— האָט דאָקטאָר שטאובער קאַלט גע־ענטפערט, און יאָזעף איז פאַרשוואונדען.

פרוי ראָסנער האָט דעם יונגען דאָקטאָר געבעטען זיצען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן סאָפאַ און האָט זיך צוגעהערט צו די פּיאַנאָ־קלאַנגען פונ'ם דערבייאיגען צימער.

— דאָרטען איז דער באַראָן ווערגענטין — האָט מיט פאַרלע־גענהייט פרוי ראָסנער ערקלערט — דער קאָמפּאָזיטאָר. אַנאַ האָט ערשט איצט זיינע ליעדער געזונגען. — זי האָט געוואָלט צוגעהן רופען איהר טאָכטער.

דאָקטאָר בערטאָלד האָט זי לייכט אָנגעהאַלטען ביים אָרעם.

— ניין, איך בעט אייך ניט צו שטערען פרייליין אַנאַ. איך אייל זיך ניט. אַגב בין איך געקומען זעגענען זיך.

דעם לעצטען זאַץ האָט ער אַרויסגערעדט מיט קענטיגער אָנ־שטרענגונג, נאָר דאָך האָט ער דערביי זעהר פריינדליך געשמייכעלט; ער האָט זיך באַקוועם אָנגעשפּאַרט אויפ'ן ברעג סאָפאַ און האָט מיט דער רעכטער האַנט פאַרגלעט זיין קורצע באָרד.

פרוי ראָסנער האָט איהם זעהר דערשראָקען אָנגעקוקט.

דער אַלטער ראָסנער האָט געפרעגט: — זעגענען זיך? האָט איהר, דאָקטאָר, באַקומען אורלויב? דער פּאַרלאַמענט האָט זיך דאָך ערשט ניט לאַנג געעפענט, ווי מ'זעהט פון די צייטונגען.

— איך האָב רעזיגנירט אַלס דעפּוטאַט פונ'ם פּאַרלאַמענט — האָט בערטאָלד געזאָגט.

— וואָס? — האָט אויסגעשריען ראָסנער.

— נו יאָ, איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון מיין מאַנדאַט אין פּאַרלאַמענט — האָט בערטאָלד נאָכאַמאָל באַשטעטיגט און האָט דערביי צושטרייט געשמייכעלט.

דאָס פּיאַנאָ־שפּילען האָט פּלוצלונג אויפגעהערט, די צוגע־מאַכטע טיר האָט זיך געעפענט. געאָרג מיט אַנאַ'ן זיינען אַריין.

— אָ, דאָקטאָר בערטאָלד — האָט אַנאַ געזאָגט און דערלאַנגט איהם די האַנט, בעת בערטאָלד האָט זיך שנעל אויפגעהויבען — זייט איהר שוין לאַנג דאָ? האָט איהר מיך אפשר געהערט זינ־גען?

— ניין, פרײלין אַנאַ, דאָס האָב איך צום באַדויערען פאַר־שפּעטיגט. נאָר עטליכע פּיאַנאָ־טענער האָב איך געהערט.

— באַראָן ווערגענטין — האָט אַנאַ געזאָגט, ווי וועלענדיג זיי פאָרשטעלען — איהר זייט דאָכט זיך באַקאַנט?

— געוויס — האָט געאָרג געענטפערט און דערלאַנגט בער־טאָלד'ן די האַנט.

— דער דאָקטאָר איז געקומען צו אונז זעגענען זיך — האָט פרוי ראָסנער געזאָגט.

— וואָס? — האָט אַנאַ פאַרוואונדערט אויסגעשריען.

— איך פאָהר אוועק — האָט בערטאָלד געזאָגט און ערנסט אָבער ניט דורכדרינגליך אַ קוק געטאָן אַנאַ'ן אין די אויגען — איך

זאָג זיך אָפּ פון מיין פּאָליטישער קאַריערע — האָט ער איראָניש מוסיף געווען... — אָדער בעסער געזאָגט, איך מאַך אַ הפסקה אויף אַ געוויסע צייט.

געאָרג האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן פענסטער, די הענט פאַרלייגט, און האָט געקוקט אויף אַנאַ'ן פון דער זייט. זי האָט זיך אַוועקגע־זעצט און האָט רוהיג געקוקט אויף בערטאָלד'ן, וועלכער איז גע־שטאַנען פאַר איהר, איין האַנט אויפ'ן ווענטעל פון דיוואַן אָנגע־שפּאַרט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַ רעדע האַלטען.

— און וואוהין פאָהרט איהר? — האָט אַנאַ געפרעגט.

— אין פּאַריז. איך וועל אַרבייטען אין פּאַסטער'ס אינסטי־טוט. איך קער זיך אום צוריק צו מיין אַלטער ליעבע, באַקטע־ריאָלאָגיע. דאָס איז אַ ריינערע באַשעפטיגונג, איידער די פּאָליטיק.

ס'איז געוואָרען פינסטערער. די פּנים'ער זיינען פאַרשוואומען געוואָרען אין בין־השמשות, נאָר בערטאָלד'ס שטערן, ווייל ער איז לעבען פענסטער געשטאַנען, איז געווען אין ליכט. ער האָט אַ צוק געטאָן מיט זייגע ברעמען. „אייגענטליך איז ער אייגענ־אַרטיג שען," האָט געאָרג אַ טראַכט געטאָן שטעהענדיג אומבאַ־וועגליך ביים פענסטער, דורכגענומען מיט אַ געפיהל פון אַנגענעה־מער רוה.

דאָס שטוב־מיידעל האָט אַריינגעטראָגען אַן אָנגעצונדענעם לאָמפּ און האָט איהם אויפגעהאַנגען איבער'ן טיש.

— אָבער די צייטונגען — האָט דער אַלטער ראָסנער גע־זאָגט — האָבען נאָך גאָר ניט געשריבען, אַז דער דאָקטאָר האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פּאַרלאַמענט־שליחות.

— דאָס וואָלט אויך געווען צו פריה — האָט בערטאָלד גע־ענטפערט — מיינע פּאַרטיי־חברים ווייסען שוין פון מיין באַ־שלוס, די זאַך איז אָבער נאָך ניט אָפיציעל ערקלערט געוואָרען.

— די נייעס — האָט ראָסנער געזאָגט — וועט געווים מאַ־כען אַ גרויסען רושם אין די פּאַראינטערעסירטע קרייזען. ספּע־ציעל איצט, נאָך דער שטורמישער דעבאַטע אין פּאַרלאַמענט דאָ ניט לאַנג, אין וועלכער איהר האָט גענומען אַזאַ הייסען אַנטייל.

איהר האָט וועגען דעם געווים געליִיענט, באַראָן — האָט ער זיך געוועטרט צו געאָרג׳ן.

— איך מוז מודה זיין — האָט געאָרג געענטפערט — איך לעז ניט אַזוי פּינקטליך די באַריכטען פון׳ם פּאַרלאַמענט, ווי מ׳וואָלט דאָס געדאַרפט טאָן.

— מ׳וואָלט געדאַרפט? האָט בערטאַלד מיט אַ שמייכעל געזאָגט. — באמת דאַרף מען דאָס גראַד ניט טאָן, כאָטש די לעצטע זיצונג איז יאָ געווען גאַנץ אינטערעסאַנט, לכל הפּחות דערמיט, וואָס זי האָט באַוויזען, ווי נידעריג עס קען זינקען אַ געזעלשאַפט־ליכע אינסטיטוציע.

— ס׳איז דאָרטען געווען אַ היבשע ביסעל היציג — האָט ראָסנער געזאָגט.

— היציג?... נו יאָ, וואָס ביי אונז אין עסטרייך רופט מען היציג. מען איז געווען אינערליך גלייכגילטיג און אויסערליך גראָב.

— וועגען וואָס האָט זיך דאָס דאָרטען געהאַנדעלט? — האָט געאָרג געפרעגט.

— דאָס איז געווען אַ דעבאַטע וועגען דער אָנפראַגע מכח דעם פּראָצעס גאַלאָווסקי... טערעזע גאַלאָווסקי...

— טערעזע גאַלאָווסקי? — האָט געאָרג געזאָגט: — מיר איז, דוכט זיך, דער נאָמען באַקאַנט.

— געווים באַקאַנט — האָט אַנאַ געזאָגט — איהר קענט אויך טערעזא׳ן אַליין. ווען איהר זייט ביי אונז דעם לעצטען מאָל געווען, איז זי ערשט פון מיר געווען אַוועקגעגאַנגען.

— אָ יאָ, — האָט געאָרג געזאָגט — דאָס איז אייערע אַ פריינדין.

— פריינדין וועל איך זי ניט אָנרופען; כדי צו זיין פריינד, איז דאָך נויטיג, אַז מען זאָל האָבען אַ געוויסע אינערליכע פאַר־בינדונג צווישען זיך, און דאָס איז צווישען אונז מעהר ניטאָ.

— איהר זייט דאָך אויף טערעזא׳ן ניט אָנגעשטויסען — האָט דאָקטאָר בערטאָלד שמייכלענדיג, אָבער גאַנץ שאַרף געזאָגט.

— אָ, ניין, — האָט אַנאַ שנעל געענטפערט — דאָס פאַלט

מיר גאָר ניט איין. פאַרקערט, איך באַוואונדער זי אפילו. איך האָב בכלל דרך ארץ פאַר מענשען, וואָס זיינען פעהיג אזוי פיעל איינצושטעלען פאַר זאכען, וועלכע זיינען זיי ווענינ נוגע. און ווען דאָס טוט נאָך גאָר א יונג מיידעל, און נאָך אזא שיינע, טערעזא...

— זי האָט זיך מיט איהרע רייד געווענדט צו געאָרג'ן, וועלכער האָט זיך געשפאַנט צוגעהערט — דעמאָלט מאכט דאָס אויף מיר נאָך א שטאַרקערען רושם. איהר דאַרפט וויסען, אז טערעזא איז א פיהרערין פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי.

— און ווייסט איהר, פאַר וואָס איך האָב זי געהאַלטען? — האָט געאָרג געזאָגט — פאַר אן אָנפאַנגענדע אַקטריסע!

— באַראָן, איהר זייט א מענשען־קענער — האָט בערטאָלד צו געאָרג'ן געזאָגט.

— זי האָט באמת אמאָל געוואָלט געהן אויף דער ביהנע — האָט פרוי ראָסנער קאַלט צוגעגעבען.

— איך בעט אייך, ליעבע פרוי — האָט בערטאָלד געזאָגט — וועלכע מיידעל מיט אביסעל פאַנטאַזיע, וואָס לעבט נאָך דערצו אין באַגרעניצטע אומשטענדען, האָט ניט גע'חלומ'ט אמאָל אין איהר לעבען וועגען דער ביהנע.

— ס'איז זעהר פיין פון אייער זייט, וואָס איהר זייט איהר דאָס מוחל — האָט אנא מיט א שמייכעל געזאָגט.

בערטאָלד האָט זיך צו שפּעט געכאַפּט, אז ער האָט מיט זיין באַמערקונג געקענט פאַרטשעפּען אן אָנגעוועהטאָגטען פלאַץ אין אנא'ס נשמה. און נאָך אין א פעסטערען טאָן האָט ער ווייטער געזאָגט:

— איך פאַרזיכער אייך, פריילין אנא, ס'וואָלט געווען א רחמנות אויף טערעזא'ן. ווייל מ'קען גאָר ניט פאָראויסזעהן, וויפיעל נוצען זי קען נאָך ברייננען דער פאַרטיי, אויב מ'וועט זי אויף וועלכען עס איז אופן ניט אראָפּפיהרען פון וועג.

— איהר מיינט, אז דאָס איז מעגליך? — האָט אנא געפרעגט.

— געוויס, — האָט בערטאָלד געענטפערט — פאַר טערעזא'ן

זיינען פאַראַן צוויי סכנות: אָדער זי וועט זיך אָנמאַכען צרות מיט איהר דרייסטקייט....

— אָדער? — האָט געאָרג געפרעגט ווערענדיג נייגעריג.

— אָדער זי וועט חתונה האָבען פאַר אַ באַראָן — האָט בער־טאָלד קורץ פאַרענדיגט.

— דאָס פאַרשטעה איך ניט אַזוי גוט — האָט געאָרג קאַלט געזאָגט.

— דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט וועגען אַ באַראָן, איז פאַר־שטעהט זיך, געווען אַ שפּאַס. לאָמיר אומבייטען דעם באַראָן אויף אַ פּרינץ, און די זאַך וועט קלערער ווערען.

— אַך, אַזוי.. איצט פאַרשטעה איך אָן ערך, וואָס איהר האָט געוואָלט זאָגען... אָבער, וואָס פאַר אַ גרונד האָט געהאַט דער פּאַרלאַמענט צו באַשעפטיגען זיך מיט איהר?

— דער גרונד איז געווען. פאַראַיאָהרען, בעת דעם גרויסען קוילען־שטרייק, האָט טערעזאַ גאַלאַוווסקי געהאַלטען אַ רעדע אין אַ קליינעם בעהמישען שטעדטעל; זי זאָל האָבען באַליידיגט אין דער רעדע אַ מיטגליעד פון דער קייזערליכער פאַמיליע. מ׳האָט זי אָנגעקלאָגט, און דער געריכט האָט זי באַפרייט. מ׳קען זיך דערפון אָנשטויסען, אַז ס׳זיינען ניט געווען גענוג באַווייזען פאַר דער באַ־שולדיגונג. דער פּראָקוראָר האָט פונדעסטוועגען אַפּעלירט, מ׳האָט דעם משפּט איבערגעגעבען אין אַן אַנדער געריכט, און זי איז פאַר־אורטיילט געוואָרען אויף צוויי חדשים תפיסה, וועלכע זי זיצט איצט אָפּ. דערצו נאָך האָט מען דעם ערשטען ריכטער, וועלכער האָט זי לכתחלה באַפרייט, פאַרשיקט ערגיץ אין אַ העק לעבען דער רוסישער גרעניץ, פון וואַנען מ׳קומט שוין ניט צוריק. אָט וועגען דעם פאַל האָבען מיר אַריינגעטראָגען אין פּאַרלאַמענט אַן אָנפראַגע, זעהר אַ מילדע, לויט מיין מיינונג. דער מיניסטער האָט געגעבען זעהר אַ היפּאָקריטישע תשובה, וואָס האָט אַרויסגערופען פרייד ביי די רעאַקציאָנערע פּאַרטייען. איך האָב זיך ערלויבט איהם אָפּצוענט־פערען, אפשר אַביסעל ענערגישער, ווי מ׳איז ביי אונז געוויינט; אַזוי ווי די געגנער האָבען ניט געהאַט עפּעס ממשות׳דיגעס מיר

צו ענטפערען, האָט מען געפרובט פארשרייען מיט זידלערייען. און איהר קענט זיך אליין פאָרשטעלען, באראָן, וואָס איז געווען דער שטאַרקסטער ארגומענט פון דער רעאקציאָנערער חברה געגען מיר.

— וואָס? — האָט געאָרג געפרעגט.

— אידעל, האלט מויל! — האָט בערטאָלד מיט א ביטערען שמייכעל געענטפערט.

— אָ, — האָט געאָרג פארלעגען געזאָגט און האָט א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— שוויינ, אידליק! מאך צו דעם פּיסק! זשיד! זשיד! שא זאָל זיין! — האָט בערטאָלד ווייטער דערצעהלט, קענטיג מיט א קראנקהאפטער הנאה פארטיפענדיג זיך אין זכרונות.

אנא האָט געקוקט פאר זיך. געאָרג האָט אינערליך געפיהלט, אז ס'וואָלט שוין געווען גענוג. א קורצער, שווערער שווייגען האָט געהערשט.

— דערפאר אלזאָ? — האָט אנא לאנגזאם געפרעגט.

— ווי מיינט איהר? — האָט בערטאָלד געענטפערט מיט א פראגע. — דערפאר זאָג איך זיך אָפּ פון מיין פארלאמענטארישער שליחות?

בערטאָלד האָט א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און האָט גע־שמייכעלט.

— ניין, ניט דערפאר.

— דער דאָקטאָר שטעהט געווים העכער פון אָט די גראָבע זידלערייען — האָט ראָסנער געזאָגט.

— איך וועל דאָס גראד ניט זאָגען — האָט בערטאָלד געענט־פערט — אָבער שטענדיג מוז מען זיין גרייט אויף אזעלכע זאַכען. די סבה, פארוואָס איך געה אוועק פון פארלאמענט, איז אן אנדערע.

— מעג מען דאָס וויסען?... — האָט געאָרג א פרעג געטאָן.

בערטאָלד האָט דורכדרינגליך און דאַך צושטרייט אויף איהם א קוק געטאָן און האָט דערנאָך זעהר פריינדליך געענטפערט — געווים מעגט איהר דאָס וויסען. נאָך מיין רעדע בין איך אוועק אין בופעט. דאָרטען האָב איך באגעגענט איינעם פון אונזערע

נאַרישסטע און חוצפּה'דיגסטע פאָלקס־פאַרטרעטער, וועלכער האָט, פאַרשטעהט זיך, מעהר פון אַלעמען געליאַרעמט בשעת מיין רעדע... דאָס איז דער פּאַפּיר־הענדלער יאַלאָודעק. איך האָב, פאַרשטעהט זיך, ניט אומגעקוקט זיך אויף איהם. ער האָט גראַד אוועקגע־שטעלט אויפ'ן טיש זיין אויסגעלעדיגטע גלאָז. ווען ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער אַ שמייכעל געטאָן, האָט זיך פאַרנייגט און אין אַ זעהר לעבעדיגען טאָן באַגריסט מיך, פּונקט ווי צווישען אונז וואָלט גאָר נישט פּאַסירט: — וואָס מאַכט איהר, דאָקטאָר, איהר פרישט זיך אויך אָפּ מיט אַ טרונק?

— קען מען דאָס גלויבען — האָט געאָרג אויסגעשריען.

— צי קען מען דאָס גלויבען?... ניין, דאָס איז דאָך ריין עסטרייכיש. ביי אונז איז דער כעס אַזוי ווייניג אויפריכטיג, ווי די התפעלות. נאָר די קנאה און האס צום טאַלאַנט, דאָס איז ביי אונז עכט, ניט געפאַלשט.

— און וואָס האָט איהר אָט דעם מאַן געענטפערט? — האָט אַנאַ געפרעגט.

— וואָס האָב איך איהם געענטפערט? פאַרשטעהט זיך, אַז גאָר נישט.

— און איהר האָט זיך אָפּגעזאָגט פונ'ם דעפּוטאַטען מאַנ־דאַט — האָט אַנאַ מיט אַ לייכטען שפּאָס צוגעגעבען.

בערטאָלד האָט געשמייכעלט. זיינע ברעמען האָבען אָבער אַ צוק געטאָן, ווי שטענדיג, ווען ער האָט דורכגעלעבט אַ געפיהל פון וועהטאָג, אָדער פאַרדראָס. איצט איז שוין געווען צו שפּעט פאַר איהם צו זאָגען, אַז ער איז אייגענטליך געקומען פרעגען ביי איהר אַן עצה, ווי אין די אַמאָליגע צייטען. און דאָך האָט ער געפיהלט, אַז ער האָט קלוג געטאָן, אָפּשניידענדיג פאַר זיך דעם וועג גלייך אין אָנפאַנג און ערקלערענדיג, אַז זיין פאַרלאָזען דעם פּאַרלאַמענט און אָפּרייזע קיין פּאַריז איז שוין אַ באַשלאָסענע זאַך. ווייל איצט האָט ער געוואוסט, אַז אַנאַ איז פון איהם ווידער פאַרשוואונדען, און אפשר אויף אַ לאַנגע צייט. אַז עמיצער זאָל זי קענען פון איהם אוועקנעמען אויף שטענדיג, אין דעם האָט ער

געוויס ניט געגלויבט. און איִיפערזיכטיג זײַן אויף אַט דעם יונגען עלעגאַנטען קינסטלער, וועלכער איז אַזוי רוהיג מיט פאַרלייגטע הענט געשטאַנען ביים פענסטער, דאָס איז איהם גאָר ניט אײַנגעפאַלען אין קאָפּ. ס׳האָט שוין עטליכע מאָל געטראָפען, אַז אַנאַ פלעגט אויף אַ געוויסע צייט פון איהם פאַרשווינדען, ווי אַ פאַר׳כשפ׳טע אין אַ פאַר איהם פרעמדער וועלט. פאַר צוויי יאָהרען, ווען זי האָט ערנסט געטראַכט אַוועקצוגעהן אויף דער ביהנע און האָט אָנגעהויבען שטודירען איהרע ראָלעס, האָט ער זי אַ קורצע צייט געהאַלטען פאַר פאַרלאָרען; שפּעטער אָבער, ווען זי האָט צוליעב דער ניט זיכערקייט פון איהר שטים געמוזט אָפּזאָגען זיך פון איהרע קינסטלערישע פּלענער, האָט זי זיך, ווי עס האָט אויסגעוויזען, צו איהם צוריק אומגעקערט. אָבער ער האָט בכיוון אָט די צייט דורכגעלאָזען ניט אויסגענוצט. איידער זי זאָל ווערען זײַן פרוי, האָט ער אַפריהער געוואָלט דערגרייכען וועלכען עס איז ערפאָלג אויפ׳ן פּאָליטישען אָדער וויסענשאַפטליכען געביט, כדי זי זאָל איהם באמת באַוואונדערען. ער האָט שוין דאָס כמעט, ווי דערגרייכט. אויף דעמזעלבען אָרט, וואו זי איז איצט געזעסען און האָט איהם מיט אַ קלאָרען אָבער מיט אַ מין פרעמדען בליק אָנגעקוקט, זײַנען פאַר איהר מיט אַ צייט צוריק געלעגען די קאָרעקטור־בויגענס פון זײַן לעצטער מעדיציניש־פילאָזאָפישער אַרבייט אונטער׳ן נאָמען: „אײַנלייטענדע באַמערקונגען צו דער פיזיאָנאָמיק פון קראַנקהייטען.״ דערנאָך, ווען ער איז אַוועק אויפ׳ן פעלד פון פּאָליטיק און האָט ניט נאָר גערעדט אויף וואַהל־פאַרזאַמלונגען, נאָר ער האָט זיך אויך גענומען ערנסט צוצוגרייטען צו זײַן נייער טעטיגקייט, שטודירענדיג געשיכטע און נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע, האָט זי זיך האַרציג געפרעהט, וואָס ער ווייזט אַרויס אַזוי פיעל ענערגיע און פיעלזייטיגקייט. איצט איז דאָס אַלץ אַוועק. ביסלעכוויִיז האָט זי אָנגעהויבען שאַרפער צו באַמערקען זײַנע פעהלערען, פון וועלכע ער האָט אַליין אויך געוואוסט, ספּעציעל זײַן נטיה באַרוישט צו ווערען פון זײַנע אייגענע ווערטער; זײַן זיכערקייט בנוגע צו איהר האָט ער דעריבער וואָס ווייטער אָנגעהויבען מעהר צו פאַרלירען. און

היינט איז ער מיט זיך ניט געווען צופרידען. ער איז שוין ניט געווען דער זעלביגער, ווען ער האָט צו איהר אָדער אין איהר אנוועזענהייט גערעדט. מיט אַ פּאַרדראָס, וועלכער האָט איהם אַליין אויסגעוויזען קליינליך, האָט ער געפיהלט, אַז ער האָט ניט גענוג איבערצייגענד דערצעהלט די סצענעס מיט יאַלאָודעק'ן אין בופעט און אַז זיין עקעל צו פּאָליטיק האָט ער ניט גענוג אויסגעדריקט.

— איהר זייט מסתמא גערעכט, פריילין אַנאַ — האָט ער געזאָגט — ווען איהר שמייכעלט פון דעם, וואָס איך האָב צוליעב אַזאַ נאַרישער קלייניגקייט אָפּגעזאָגט זיך פון מיין פּאָליטישער אַרבייט. דאָס פּאַרלאַמענטאַרישע לעבען איז בכלל ניט מעגליך אָהן קאָמעדיעס. איך האָב דאָס געדאַרפט גערענקען און אַליין מיטמאַכען, אפשר טאַקי אויך אויסטרינקען מיט'ן חברה־מאַן, וואָס האָט מיך עפענטליך געזידעלט. דאָס וואָלט געווען באַקוועם, עסטרייכיש, און אפשר טאַקי אויך שכל'דיג.

ער האָט זיך ווידער דערפיהלט אין שטימונג און האָט ווייטער גערעדט מיט לעבעדיגקייט:

— סוף כל סוף זיינען פאַראַן נאָר צוויי מיטלען, ווי אַזוי מ'קען אין דער פּאָליטיק עפּעס פּראַקטיש אויפטאָן: אָדער דורך גרויסאַרטיגער לייכטזיניגקייט, וועלכע באַטראַכט דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע לעבען, אַלס אַן אַמיזאַנטען שפּיל, אָהן אַן אמת'ער באַגייסטערונג פאַר וועלכער עס איז זאַך, אָהן כעס און אָהן צאָרן, און ביי אַזאַ שפּיל וואָס קען אייך אַרען דער שיקזאַל פון די מענשען, זייער גליק אָדער אומגליק, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך דאָך אינ'ם לעצטען סך־הכל. צו אַזאַ מדרגה האָב איך נאָך ניט דערגרייכט, און איך ווייס ניט, צי וועל איך דערגרייכען. אָפען גערעדט, איך האָב זיך שוין ניט איינמאָל געוואונשען צו קומען צו אַזאַ מצב. דער צווייטער מיטעל איז: גרייט זיין צו יעדער רגע אָפּצוגעבען דאָס גאַנצע איך, דעם גאַנצען לעבען אין אמת'ען זין פון וואָרט פאַר דאָס, וואָס דו האַלסט פאַר אמת.

בערטאָלד איז פּלוצלונג אַנטשוויגען געוואָרען. זיין פאָטער, דער אַלטער דאָקטאָר שטאַובער, איז אַריינגעקומען, און אַלע האָבען

איהם ווארים באגריסט. פרוי ראָסנער האָט איהם פאַרגעשטעלט פאַר געאָרג'ן. ער האָט איהם דערלאַנגט די האַנט און אָנגעקוקט אַזוי פריינדליך, אַז געאָרג האָט זיך גלייך דערפיהלט צו איהם צוגעבונדען. ער האָט אויסגעזעהען פיעל יינגער, ווי ער איז באמת געווען, און זיין לאַנגער רויטליך-בלאָנדער באָרד האָבען זיך דורכגעוואָרפען נאָר עטליכע גראָע האָר. זיינע האָר זיינען געווען גלאַט פאַרקאַמט און געדיכטע לאָקענס האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען אויף זיין ברייטען נאַקען. זיין הויכער שטערן האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען און האָט צוגעגעבען חשיבות צו זיין ברייטפּלייציגער, אַביסעל געזעצטער פיגור. זיינע קלוגע אויגען האָבען אויסגעזעהן, ווי זיי וואָלטען בכונה געקוקט גוטמוטיג, אָדער אָפּגערוהט אונטער די שווערע ברעמען פאַר אַ פרישען בליק.

— איך האָב אייער מוטער געקענט, באַראָן — האָט ער גאַנץ שטיל געזאָגט צו געאָרג'ן.

— מיין מוטער, דאָקטאָר?...

— איהר וועט זיך קוים אויף דעם דערמאָנען. איהר זייט דעמאָלט געווען אַ קליינער אינגעל פון אַ יאָהר דריי־פיער.

— איהר זייט געווען איהר דאָקטאָר? — האָט געאָרג גע־פרעגט.

— איך פלעג זי פון צייט צו צייט באַזוכען אַלס פאַרטרעטער פון פּראָפעסאָר דוכעג, ביי וועמען איך בין געווען אַן אַסיסטענט. איהר האָט דעמאָלט געוויינט אויף דער האַבסבורגער גאַס אין אַן אַלטער הויז, וועלכע איז שוין אַראָפּגעריסען געוואָרען. איך וואָלט אויך געקענט נאָך היינט באַשרייבען די מעבעל פון דעם צימער, אין וועלכען אייער פאָטער האָט מיר אויפגענומען... לײדער איז ער אויך צו פריה געשטאָרבען... אויפ'ן שרייבטיש איז געשטאַנען אַ בראָנזענע פיגור, אַ געפּאַנצערטער ריטער מיט אַ פאָן. און אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ קאָפּיע פון אַ וואַן־דייק־בילד פון ליכטענשטיינ'ס גאַלעריע.

— יאָ, — האָט געאָרג געזאָגט פאַרוואונדערט פון דעם דאָק־טאָרס גוטען זכרון — ס'איז גאַנץ ריכטיג.

— אָבער איך האָב, דאַכט זיך, איבערגעריסען אייער שמועס — האָט דאָקטאָר שטאָובער ווייטער גערעדט ווי זיין שטייגער איז, אין זיין אביסעל מעלאַנכאָליש־זינגענדיגען, אָבער דאָך פעסטען טאָן און האָט זיך אוועקגעזעצט אינ׳ם עק פון דיוואַן.

— דאָקטאָר בערטאָלד האָט אונז איבערראַשט — האָט ראָסנער געזאָגט — דערצעהלענדיג וועגען זיין באַשלוס אָפּצו־זאָגען זיך פון זיין דעפּוטאַטען־מאַנדאַט.

דער אַלטער שטאָובער האָט רוהיג אַ קוק געטאָן אויפ׳ן זון, און יענער האָט איהם אויך געענטפערט מיט אַ רוהיגען בליק. געאָרג, וועלכער האָט באַמערקט דעם דורכוואַרפען זיך מיט די אויגען, האָט באַקומען דעם איינדרוק, אַז צווישען זון און פאָטער איז אַ פאָלשטענדיגע הסכמה, וועלכע נויטיגט זיך ניט אין ווערטער.

— אַ, — האָט דאָקטאָר שטאָובער געזאָגט — מיך האָט דאָס אויף יעדען פאַל ניט איבערראַשט. איך האָב שטענדיג געהאַט דאָס געפיהל, אַז בערטאָלד איז נאָר אַ גאַסט אין פּאַרלאַמענט, איך בין אייגענטליך צופרידען, וואָס ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך זיין אמת׳ען באַרוף. — יאָ, יאָ, בערטאָלד, דיין אמת׳ער באַרוף — האָט ער נאָכאַמאָל ווידערהאָלט, ווי ענטפערענדיג דעם זון, וועלכער האָט אַ קנייטש געטאָן מיט׳ן שטערן. — דערמיט איז אָבער די צוקונפט ניט פאָראויסבאַשטימט... קיין זאַך מאַכט אונז ניט אַזוי שווער דאָס לעבען, ווי די אַזוי גערופענע פעסטע באַ־שלוסען, וועלכע ווערען ביי אונז אַ מין חק ולא יעבור. צו וואָס זאָלען מיר פאַרלירען צייט אויף שעמען זיך מיט אונזערע טעות׳ען, אַנשטאָט צו מודה זיין זיך אין זיי און איבערבויען איבעראַניים דאָס לעבען?

בערטאָלד האָט ערקלערט, אַז ער האָט בדעה אוועקצופאָהרען ניט שפּעטער, ווי אין אַכט טעג אַרום. אָפּלייגען אויף ווייטער האָט קיין שום זין ניט. ס׳איז אויך מעגליך, אַז ער וועט אין פּאַריז ניט בלייבען. צוליעב זיין שטודיום וועט ער אפשר דאַר־פען ווייטער פאָהרען. ער האָט אויך ערקלערט, אַז ער האָט באַ־שלאָסען ניט צו מאַכען קיין שום וויזיטען צו זעגענען זיך מיט

זיינע באַקאַנטע; און דערצו, האָט ער צוגעגעבן, באַגעגענט ער זיך די לעצטע צייט סיי ווי ניט מיט זיינע באַקאַנטע פון די בורזשואַזע קרייזען, וואו זיין פאָטער האָט אַ גרויסע פּראַקטיק.

— האָבען מיר זיך דעם ווינטער אַמאָל ניט באַגעגענט ביי די עהרענבערגס? — האָט געאָרג אַ פרעג געטאָן מיט אַ געוויסען להכעיס־טאָן.

— יאָ, אמת, האָט בערטאָלד געענטפערט — אגב, זיינען מיר מיט די עהרענבערגס ווייטע קרובים. ס'איז אַ מערקווירדי־גער צופאַל, וואָס אונזער קרובה'שאַפט איז פאַרבונדען דורך דער גאַלאַווסקי־משפחה. פּרובירען אייך דאָס צו דערקלערען, באַראָן, וואָלט געווען אַן אומזיסטע טרחה. איך וואָלט מיט אייך געמוזט דורכוואַנדערען דורך די קהילות און שטאָדט־פאַרוואַלטונגען פון טעמעסוואַר, טאַרנאָפּאָל און נאָך אַזעלכע אַנגענעהמע פּלעצער, און דאָס וואָלט איך אייך געוואָלט פאַרשפּאָרען.

— און אויסערדעם — האָט דער אַלטער דאָקטאָר שטאובער זיך אַריינגעמישט — ווייסט דאָך דער באַראָן, מסתמא, אַז אַלע אידען זיינען קרובים צווישען זיך.

געאָרג האָט זיך גוטמוטיג פאַנאַנדערגעשמייכעלט, אָבער אי־נערליך האָט עס איהם אביסעל אויפגערעגט. איהם האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז גאָר ניט נויטיג געווען פאַר דעם אַלטען דאָק־טאָר שטאובער אַרויסצושפּרינגען פּלוצלונג מיט אַזאַ עפּענטלי־כער ערקלערונג וועגען זיין אידישקייט. געאָרג האָט סיי ווי געוואוסט, אַז שטאובער איז אַ איד, און דאָס האָט איהם ווייניג געאַרט. ער האָט דערין בכלל קיין שום בייז ניט געזעהן; אָבער צו וואָס הויבען זיי אָן אַליין דערפון שטענדיג צו ריידען? וואו־הין ער פלעגט ניט קומען, פלעגט ער אַלץ באַגעגענען אידען, וואָס שעמען זיך מיט זייער אידישקייט, אָדער פאַרקערט, אַזעלכע, וואָס זיי זיינען דוקא שטאָלץ דערמיט, האָבען אָבער מורא, מ'זאָל זיי ניט חושד זיין אומזיסט, אַז זיי שעמען זיך.

— נעכטען האָב איך גראַד גערעדט מיט דער אַלטער גאַ־לאַווסקי — האָט דאָקטאָר שטאובער געזאָגט.

— די אָרימע פרוי — האָט ראָסנער באַמערקט.
— וואָס מאַכען זיי? — האָט אַנאַ אַ פרעג געטאָן.
— וואָס זאָל זי מאַכען... איהר קענט זיך דאָך פאָרשטעלען... די טאָכטער אין טורמע, דער זון אַלס פריוויליגער לעבט אויפ'ן חשבון פון דער רעגיערונג אין קאַזארמע... שטעלט איהר זיך פאַר לעאָ גאַלאָווסקי'ן אַלס פּאַטריאָט?... און דער אַלטער זיצט אין קאַפע און קוקט זיך צו, ווי אַנדערע שפּיעלען אין שאַך. ער אַליין האָט דאָך ניט מעהר די צען קרייצער צו באַצאָהלען פאַר'ן שפּילען.
— טערעזאַ דאַרף שוין, אגב, באַלד אַרויסגעהן פון טורמע — האָט בערטאָלד געזאָגט.
— נאָך אין אַ צוועלף, פערצען טעג אַרום — האָט זיין פאָטער געענטפערט... — — נו, אַנעלע — האָט ער זיך געווענדעט צו פרייליין ראָסנער — ס'וואָלט באמת שיין געוועזען פון אייער זייט, ווען איהר וואָלט זיך ווידער געלאָזט זעהן אויף דער רעמבראַנד שטראַסע; די אַלטע פרוי איז צו אייך מערקווירדיג צוגעבונדען. איך פאַרשטעה באמת ניט, פאַרוואָס — האָט ער מיט אַ שמייכעל צוגעגעבען, אַנקוקענדיג אַנאַ'ן כמעט צערטליך. זי האָט אָבער געקוקט פאַר זיך און האָט גאָרנישט ניט געענטפערט.
דער וואַנטזייגער האָט געשלאָגען זיבען. געאָרג האָט זיך אויפגעהויבען, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף דעם צייכען.
— דער באַראָן פאַרלאָזט אונז שוין — האָט ראָסנער אויפשטעהענדיג געזאָגט.
געאָרג האָט געבעטען אַלעמען ניט צו שטערען זיך און האָט דערלאַנגט יעדערען די האַנט.
— ס'איז מערקווירדיג — האָט דער אַלטער שטאַובער געזאָגט — ווי אייער שטים איז ענליך צו אייער פאַרשטאָרבענעם פאָטערס.
— יאָ, מ'האָט שוין מיר דאָס פיעל מאָל געזאָגט — האָט געאָרג געענטפערט — איך אַליין געפין דאָס אפילו ניט.
— ס'איז ניטאָ קיין איין מענש אויף דער וועלט, וועלכער

קען זיין אייגענע שטים — האָט דער אַלטער שטאובער באמערקט, און דאָס האָט געקלונגען ווי א התחלה פון א פּאָפּולערען פאָר־טראָג.

אָבער געאָרג האָט זיך אָפּגעזעגענט. אַנאַ האָט איהם באַגלייט אין פאָר־צימער, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ער האָט זי לייכט אָפּגעהאַלטען; זי האָט די טיר געלאָזט, ווי געאָרג'ן האָט אויסגעדוכט, בכיוון, האַלב־אָפען. — א שאָד, וואָס מיר האָבען ניט געקענט לענגער מוזיק שפּילען — האָט זי געזאָגט.

— מיר פארדריסט דאָס אויך, פריילין אַנאַ.

— דאָס ליעד איז מיר היינט נאָך מעהר געפעלען, איידער צום ערשטען מאָל, ווען איך האָב געמוזט זיך אַליין אַקאָמפּאַנירען אויפ'ן פּיאַנאָ. נאָר אין סוף פארשווימט עס אביסעל... איך וויים ניט, ווי איך זאָל דאָס זאָגען.

— איך וויים, וואָס איהר מיינט. דער סוף איז צו קאָנווענציאָנעל. דאָס האָב איך גלייך געפיהלט. לאָמיר האָפען, אז באַלד וועל איך אייך קענען ברייגנען עפּעס בעסערס.

— לאָזט מיך אָבער ניט צו לאַנג דערויף וואַרטען.

— געוויס ניט. אַלזאָ, אדיע, פריילין אַנאַ.

זיי האָבען זיך דערלאַנגט די הענט און האָבען ביידע געשמייכעלט.

— פאַרוואָס זייט איהר ניט געקומען אין ווייסענפעלד — האָט אַנאַ מיט א לייכטען טאָן א פרעג געטאָן.

— ס'פארדריסט מיך באמת, אָבער איהר זעהט דאָך, פריילין אַנאַ, מיין געזעלשאַפט וואָלט קוים געקענט זיין אַנגענעם דאָס יאָהר, ווי איהר אַליין קענט זיך דאָס פאָרשטעלען.

אַנאַ האָט איהם ערנסט אָנגעקוקט. — רעכענט איהר ניט, — האָט זי געזאָגט, — אז מ'וואָלט אייך געקאָנט אפשר העלפען טראָגען דעם יאָך?

— ס'בלאָזט, אַנאַ — האָט פרוי ראָסנער א געשריי געטאָן פון צימער.

— איך קום גלייך אריין — האָט אַנאַ אַביסעל אומגע־דולדיג געענטפערט.

— ווען וועט איהר ערלויבען נאָכאמאָל קומען? — האָט געאָרג געפרעגט.

— ווען ס'וועט זיך אייך ווע‏לען. אגב... איך וואָלט גע־דאַרפט געבען אייך אַ צעטעל פון מיינע לעקציעס, כדי איהר זאָלט וויסען, ווען איך בין אין דערהיים, אָבער דאָס וועט ניט העלפען. אָפט געה איך אוועק שפּאַצירען, אָדער איינקויפען אין שטאָדט, אָדער איך געה מיר אָנקוקען בילדער אויף אויסשטעלונגען...

— דאָס וואָלטען מיר אמאָל געקענט טאָן צוזאמען — האָט געאָרג געזאָגט.

— אָה, יאָ, — האָט אַנאַ געענטפערט, זי האָט ארויסגע־נומען פון קעשענע אַ קליינינקען נאָטיץ־בוך.

— וואָס האָט איהר דאָרטען? — האָט געאָרג געפרעגט. אַנאַ האָט זיך צושמייכעלט און האָט געבלעטערט אין בי־כעלע.

— וואַרט נאָר אָפּ... דאָנערשטאָג עלף אזייגער האָב איך געהאַט בדעה צו זעהן די מיניאַטורען־אויסשטעלונג אין דער הויף־ביבליאָטעק. אויב איהר אינטערעסירט זיך אויך דערמיט, קע־נען מיר זיך דאָרטען טרעפען.

— אָבער געוויס.

— זעהר גוט. דאָרטען וועלען מיר אויך קענען אָפּריידען, ווען איהר זאָלט מיר דעם צווייטען מאָל אקאָמפּאַנירען צום זינ־גען.

— אָפּגעמאַכט — האָט געאָרג געזאָגט און דערלאַנגט איהר די האַנט.

איהם איז איינגעפאַלען, אַז בעת אַנאַ שטעהט דאָ מיט איהם און שמועסט, מוז זיך געוויס דאָרטען אין צימער דער יונגער דאָקטאָר שטאובער בייזערען און פּיהלען באַליידיגט. און ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס איהם איז דאָס מעהר אונאַנגענעהם, איידער אַנאַ'ן, כאָטש זי האָט אויסגעזעהן צו זיין אַזאַ גוטע. ער האָט

זיין האַנט באַפּרייט פון איהרער, האָט זיך אָפּגעזעגענט און איז אַוועק.

ווען געאָרג איז אַרוים אויפֿן גאַס, איז שוין געווען גאַנץ פינס־טער. ער איז לאַנגזאַם אַוועק דורך דער עליזאַבעט־בריק, פאַרביי דער אָפּערא אין שטאָדט אַריין; ניט קוקענדיג אויפ׳ן טומעל און גערויש אַרום איהם, האָט ער זיך צוגעהערט צו דער מעלאָדיע פון זיין ליעד, וואָס האָט אין איהם געקלונגען. ער האָט זיך גע־וואונדערט, וואָס אַנאַ׳ס שטים, וועלכע האָט געקלונגען אַזוי ריין און שטאַרק אינ׳ם קליינעם צימער, האָט ניט געהאַט קיין שום צוקונפט בנוגע צו דער ביהנע אָדער דעם קאָנצערט־זאַל; און נאָך מעהר האָט איהם געוואונדערט, וואָס אַנאַ נעמט זיך דאָס ניט שטאַרק צום האַרצען. ער איז אָבער ניט געווען זיכער, צי אַנאַ׳ס אויסערליכע רוהע איז געווען דער אמת׳ער אויסדרוק פון איהר אינערליכען צושטאַנד.

ער האָט זי פון ווייטען שוין געקענט עטליכע יאָהר, נאָר נאָהענט צווישען זיך זיינען זיי געוואָרען ערשט פאַראיאָהרען אין איינעם אַ פריהלינג־אַבענד. אין וואַלדשטיין־גאָרטען האָט זיך דע־מאָלט אַ גרויסע געזעלשאַפט פאַרזאַמעלט. מ׳האָט מיטאָג גע־געסען אויף דער פריי, אונטער הויכע קאַשטאַנען־בוימער, דער עולם איז געווען אויפגעלייגט, זעהר לעבעדיג און פאַר׳שכור׳ט פון דעם ערשטען וואַרימען מאַי־אָבענד. געאָרג האָט געזעהן פאַר זיך אַלעמען, וועלכע האָבען זיך דעמאָלט פאַרזאַמעלט. פרוי עהרענבערג, וואָס האָט געמאַכט דעם אַבענד, איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ברייטען טונקעלען פוליאַר־קלייד, מיט דער כונה צו האָבען דעם אויסזעהן פון אַ בכבוד׳יגער מאַטראָנע; האָפּראַט ווילט, ווי אין אַ מאַסקע פון אַן ענגלישען שטאַטס־מאַן, מיט אַריסטאָקראַ־טיש־אָפּגעלאָזענע מאַניערען, און מיט דעמזעלבען ביליגען, גדלות׳־דיגען טאָן פון איינעם, וואָס שטעהט איבער אַלע זאַכען און מענשען; פרוי אָבערבערג, וועלכע האָט מיט איהרע אָנגעפּודער־טע האָר, מיט די גלאַנצענדע אויגען אויפ׳ן קין דערמאָנט אַ מאַר־קיזע אינ׳ם ראָקאָקאָ־סטיל; דעמעטער סטאַנצידעס מיט דער

גלענצענדער ווייסקייט פון זיינע ציין, מיט'ן בלייכען מאַטען אויס־
זעהן פון א יורש פון אַן אַלטען העלדען־שטאַם ; אָסקאַר עהרענ־
בערג, וואָס נאָך זיין עלעגאַנץ נאָך האָט ער אויסגעזעהן אַביסעל
ווי אַ הויפּט אָנגעשטעלטער פון אַ מאָדען־געשעפט, אַביסעל ווי
אַ יונגער געזאַנג־קאָמיקער, כאָטש אין דערזעלבער צייט האָט ער
געהאַט אין זיך אויך עפּעס פון דעם אויסזעהן פון אַ יונגען מאַן
פון גוטער געזעלשאַפט ; זיסי ווינער, וועלכע האָט זיך איבערגעוואָר־
פען מיט איהרע טונקעלע, לאַכענדע אויגען פון איינעם צום אַנדע־
רען, פּונקט ווי זי וואָלט פאַר יעדען איינעם פון זיי געהאַט עפּעס
אַ פרעהליכען סוד ; ווילי אייסלער, וועלכער האָט הייזעריג און
לוסטיג געהאַלטען אין איין דערצעהלען פאַרשידענע פרעהליכע
מעשיות פון זיין מיליטער־צייט און אויך אידישע אַנעקדאָטען ;
עלזע עהרענבערג, דורכגענומען ווי מיט אַ צאַרטער פריהלינג־
מעלאַנכאָליע, אין אַ ווייסען ענגלישען טוך־קלייד, מיט די מאַניע־
רען פון אַ גרויסער דאַמע, וועלכע האָבען חנ'עוודיג געקליידט
איהר קינדערשען פּנים און צאַרטער פיגור ; פעליציאַן, קאַלט
און פריינדליך, מיט אַ גואה'דיגען בליק, וועלכער האָט געקוקט
אויף די געסט, וואָס זיינען געזעסען ביי אַנדערע טישען, און
איבער זייערע קעפּ ערגעץ וואו אין דער ווייט ; זיסי'ס מוטער, יונג,
מיט רויטע באַקען, האָט שטענדיג געפּלוידערט, וועלענדיג אומעטום
הערען, וואָס אַנדערע ריידען, און דערביי אומעטום אַליין שמו־
עסען ; עדמונד ניורענבערג, מיט זיין פּאַראַכטענדען שמייכעל
צום אַרומיגען קאָך, וואָס איז שטענדיג געלעגען כמעט ווי אַ מאַסקע
אַרום זיין שמאָלען מויל און אין זיינע דורכשטעכענדיגע אויגען ;
ער האָט דורך און דורך געזעהן די פּוסטקייט פון דעם הור־האַ
פון דער אַזוי גערופענער פיינער געזעלשאַפט, און דאָך פלעגט
ער צו זיין אייגענער איבעררראַשונג צייטענווייז אַליין מיטמאַכען
דעם פּוסטען שפּיל ; און ענדליך היינריך הערמאַן, אין אַ צו־
בריטען זומער־קאָסטיום, אין אַ צו־ביליגער שטרויענער הוט מיט
אַ צו־שרייענדען קראַוואַט, וועלכער פלעגט מיט אַ מאָל אָנהויבען
ריידען העכער פון אַלעמען אָדער גאָר אַנשווייגען ווערען אינגאַנ־

צען. גאָר די לעצטע האָט זיך באַוויזען אַנאַ ראָסנער, אַליין אָהן באַגלייטער. זי האָט זיך געהאַלטען זעהר זיכער. מיט אַ לייכטען שאָקעל מיט'ן קאָפּ האָט זי באַגריסט די געזעלשאַפט און אָהן צערעמאָניעס אַוועקגעזעצט זיך צווישען געאָרג'ן און פרוי עהרענבערג.

— זי האָב איך צוליעב אייך איינגעלאַדען — האָט שטיל באַמערקט פרוי עהרענבערג צו געאָרג'ן וועגען אַנאַ'ן. אָט די ווערטער, וועלכע זיינען דער פרוי עהרענבערג אפשר צופעליג איינגעפאַלען, זיינען טאַקי אין משך פון אבענד געוואָרען אַן אמת. פון דעם מאָמענט אָן, ווען די געסט האָבען זיך אויפגעהויבען און דער גאַנצער עולם איז אַוועק אויף אַ לוסטיגער שפּאַציר־רייזע אין פּאָלקס־פּראַטער, אומעטום ביי די ביידלאַך, קאַרוסעלען, מאַריאָנעטען־טעאַטער און אויך אויפ'ן וועג צוריק אין שטאָדט, וואוהין מ'איז צוליעב שפּאַס געגאַנגען צו פוס, איז געאָרג מיט אַנאַ'ן געווען צוזאַמען, און בעת דער עולם אַרום האָט געשפּאַסט און געפּלוידערט, האָט זיך צווישען זיי פאַרפירט אַן ערנסטער געשפּרעך. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער געווען ביי איהר און האָט איהר געבראַכט, ווי ער האָט צוגעזאָגט, די פּיאַנאָ־נאָטען פון „יעווגעני אָנעגין" און עטליכע פון זיינע אייגענע לידער; ווען ער איז ביי איהר געווען צום צווייטען מאָל, האָט זי איהם געזונגען זיינע לידער און אייניגע פון שוּבערט. איהר שטים איז איהם זעהר געפעלען געוואָרען. באַלד דערנאָך האָבען זיי זיך געזעגענט פאַר'ן גאַנצען זומער אָהן אַ שום געפיהל פון בענקעניש און צערטליכקייט. אַנאַ'ס איינלאַדונג צו קומען אויף זייער זומער־וואוינונג אין ווייסענפעלד האָט ער אָנגענומען בלויז פאַר אַ פשוט'ע העפליכקייט, און זיין פאַרשפּרעכען, האָט ער געמיינט, ווערט אויך אַזוי פאַרשטאַנען. אין פאַרגלייך מיט זיינע כמעט גלייכגילטיגע באַציהונגען ביז אַהער האָט זיך געאָרג'ן דער כאַראַקטער פון הייניגען באַזוך אויסגעוויזען אַ היבשע ביסעל זאָנדערבאַר.

אויפ'ן סטעפּאַן־פּלאַץ האָט זיך עמיצער, שטעהענדיג אויפ'ן פּלאַטפאָרם פון אָמניבוס, באַגריסט מיט געאָרג'ן; זייענדיג

אביסעל קורצזיכטיג, האָט ער ניט דערקענט, ווער דאָס איז.

— איך בין דאָס — האָט געזאָגט דער מאַן אויפ'ן פּלאַט־פאָרם.

— אַ, הערר בערמאַן! גוט'ן אָבענד — נעאָרג האָט איהם ארויפדערלאַנגט די האַנט — וואוהין פאָהרט איהר?

— איך פאָהר אין פּראַטער. איך וויל דאָרטען אבענד־ברויט עסען. זייט איהר פאַרנומען היינט אבענד, באַראָן?

— ניין, איך האָב גאָרנישט צו טאָן.

— טאָ קומט זשע מיט.

נעאָרג איז ארויפגעשפּרונגען, בשעת דער אָמניבוס האָט זיך גאָר וואָס גערירט פון אָרט. זיי האָבען זיך איינער דעם אַנדערען קורץ דערצעהלט, ווי זיי האָבען פאַרבראַכט דעם זומער. היינריך איז געווען אין זאַלצקאַמערגוט און נאָכדעם אין דייטשלאַנד, פון וואַנען ער איז ערשט עטליכע טעג צוריק געקומען.

— זייט איהר אויך אין בערלין געווען? — האָט געאָרג געפרעגט.

— ניין.

— איך האָב געמיינט, אפשר זייט איהר אהין געפאָהרען צוליעב אַ נייער פּיעסע...

— איך האָב ניט געשריבען קיין נייע פּיעסע — האָט היינריך איהם אביסעל אומהעפליך איבערגעריסען — איך בין געווען אין טאוגוס און אין עטליכע פּלעצער אויפ'ן ריין.

„וואָס האָט ער געהאַט צו טאָן אויפ'ן ריין"?, האָט זיך געאָרג געטראַכט, כאָטש דאָס האָט איהם ווייניג וואָס אינטערעסירט. איהם איז געווען אַ חידוש, וואָס היינריך איז געווען צוטראָגען און האָט אויסגעקוקט זעהר פאַרכמאַרעט.

— און ווי געהט דאָס ביי אייך די ארבייט, ווערטער באַ־ראָן? — האָט היינריך פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן מיט אַ לעבעדיגען טאָן, פאַרריכטענדיג זיין טונקעל־גראָען מאַנטעל, וועלכען ער האָט געטראָגען אויפ'ן פּלייצע.

— איז אייער קווינטעט פאַרטיג?

— מיין קווינטעט? — האָט געאָרג איהם פאַרוואונדערט איבערגעפרעגט:

— האָב איך אייך דען דערצעהלט וועגען מיין קווינטעט?

— ניין, ניט איהר; אָבער פריילין עלזא האָט מיר געזאָגט, אז איהר ארבייט אויף א קווינטעט.

— אַך, אזוי, פריילין עלזא. ניין, איך האָב נאָך ניט פיעל אויפגעטאָן. איך בין גראד ניט געווען אין דער שטימונג, ווי איהר קענט זיך פאָרשטעלען.

— אַך, יאָ — האָט היינריך געזאָגט און געשוויגען א ווייַלע — און אייער פאָטער איז דאָך געווען נאָך אזוי יונג — האָט ער לאנגזאם צוגעגעבען.

געאָרג האָט שטום צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— וואָס מאַכט אייער ברודער? — האָט היינריך פּלוצלונג א פרעג געטאָן.

— א דאנק, גאנץ גוט — האָט געאָרג אביסעל פאַרוואונדערט געענטפערט.

היינריך האָט אוועקגעוואָרפען זיין ציגאַר איבער'ן פאַרענץ און האָט פאַררוּיכערט גלייך א נייע.

— אייך וואונדערט אפשר, וואָס איך פרעג זיך נאָך אויף אייער ברודער, מיט וועלכען איך האָב קיינמאָל כמעט ניט גערעדט. ער אינטערעסירט מיך אָבער דאָך. ער שטעלט פאַר מיר פאָר אין א געוויסען זין א גאַנץ פאַרענדיגטען טיפּ, און איך האַלט איהם פאַר איינעם פון די גליקליכסטע מענשען, וואָס זיינען פאַראַן.

— דאָס קען אפשר זיין — האָט געאָרג איינגעהאַלטען גע־ענטפערט — אָבער, ווי אזוי זייט איהר געקומען צו אָט דער מיינונג, ווען איהר קענט איהם קוים.

— ערשטענס, ער הייסט פּעליציאַן באַראָן פאָן־ווערגענטין־רעקא — האָט היינריך זעהר ערנסט געזאָגט, בלאָזענדיג דעם רויך אין דער לופט.

געאָרג האָט א קוק געטאָן אויף איהם מיט פאַרוואונדערונג.

— אייך רופט מען אויך ווערגענטין רעקא — האָט היינריך

ווייטער גערעדט — אָבער נאָר געאָרג, און דאָס איז ווייט ניט דאָס זעלבע, ניט אמת? ווייטער איז אייער ברודער זעהר שען. איהר זעהט אויך ניט אוים בשום אופן מיאום. אָבער מענשען, וועמענס הויפּט־אייגענשאַפט עס איז שענקייט, זיינען אין א בע־סערער לאַגע פון די, וועמענס הויפּט־עובדא איז צו זיין טאַלאַנט־פול. ווען מען איז שען, איז מען דאָס די גאַנצע צייט, בעת די טאַלאַנטען פאַרברייננגען דאָך כמעט ניין־צענטעל פון זייער לעבען, ניט ארויסווייזענדיג קיין שום סמן פון זייער טאַלאַנט. יאָ, גע־ווים איז דאָס אזוי. די ליניע פון לעבען, איז אזוי צוזאָגען, ריי־נער, פאַר דעם, וואָס איז שען, איידער פאַר דעם, וואָס איז א זשעני. אגב, וואָלט ניט געשאַדט בעסער און קלערער אויסצו־דריקען דאָס.

„וואָס איז מיט איהם?" האָט געאָרג א טראַכט געטאָן; הייגריך'ס ווערטער האָבען איהם ניט אנגענעם פאַרטשעפּעט. „איז ער אפשר אייפערזיכטיג אויף פעליציאַן'ען... צוליעב עלזע עהרענ־בערג?"

ביים פּראַטער זיינען זיי אַרוים פון אָמניבוס און האָבען זיך באַגעגענט מיט'ן גרויסען שטראָם פונ'ם זונטאָגדיגען עולם. זיי זיינען אריין אין דער הויפּט־אַלעע, וואו ס'איז שוין ניט געווען אזוי באַלעבט, און זיינען לאַנגזאַם געגאַנגען ווייטער. ס'איז גע־וואָרען קיהל. געאָרג האָט געמאַכט אייניגע באַמערקונגען וועגען דער הערבסטליכער אבענד־שטימונג, וועגען דעם עולם, וואָס איז געזעסען אין די רעסטאָראַנלאַך, וועגען די מיליטער־אָרקעסטרען, וואָס האָבען געשפּיעלט אין די קיאָסקען. הייגריך האָט אין אָנ־פאַנג יאָ עפּעס געענטפערט, שפּעטער גאָר ניט, און ס'האָט אויס־געזעהן, ווי ער וואָלט זיך גאָר אינגאַנצען ניט צוגעהערט; גע־אָרג האָט עס געהאַלטען פאַר זעהר ניט העפליך. איהם האָט שוין פאַרדאָסען, וואָס ער איז צוגעשטאַנען צו הייגריך'ן, און דער־הויפּט נאָך, אז ס'איז בכלל ניט געווען אין זיין נאַטור אָנצור־נעמען אזוי לייבט אייגלאַדונגען; ער האָט זיך ענטשולדיגט פאַר זיך אליין, אז דאָס מאָל איז עס פאָרגעקומען צוליעב זיין צור־

שטרייטקייט. הײנריך איז געגאַנגען לעבען איהם, אָדער אפשר אַ שריט פאָראויס, פונקט ווי ער וואָלט גאָר אינגאַנצען פאַרגעסען אָן געאָרג׳ן. ער האָט נאָך אַלץ מיט ביידע הענט צוגעהאַלטען זיין מאַנטעל, וועלכער איז געווען אַרויפגעוואָרפען אויף זיינע פּלייצעס, דעם טונקעל־גראָען וויכען הוט האָט ער געטראָגען אַרויפגערוקט אויפ׳ן שטערן און האָט אויסגעזעהן זעהר ניט עלעגאַנט, וואָס האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען געאָרג׳ן צו רייצען. הײנריך בערמאַנ׳ס פריהערדיגע באַמערקונגען וועגען פעליציאַן׳ען האָבען זיך איהם איצט אויסגעוויזען געשמאַקלאָז און גאָר אָהן טאַקט; אין דער זעלבער צייט איז איהם איינגעפאַלען, אַז כמעט אַלץ, וואָס ער האָט געלעזען פון הײנריך׳ס שריפטען איז איהם געווען ניט צום האַרצען. צוויי פּיעסען זיינע האָט ער געזעהן: די האַנדלונג אין איינער שפּילט זיך אָפּ צווישען די נידעריגע שיכטען, האַנדווערקער און אַרבייטער, און ענדיגט זיך מיט טויט און מאָרד; די צווייטע, אַ מין סאַטירישע קאָמעדיע פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען; ביי איהר ערשטער אויפפירונג איז פאָרגעקומען אַ סקאַנדאַל, און זי איז באַלד אַראָפּ פון רעפּערטואַר. אגב האָט געאָרג דעמאָלט נאָך ניט געקענט דעם מחבר און האָט זיך מיט דער גאַנצער זאַך ווייניג אינטערעסירט. ער האָט זיך נאָר דערמאָנט, אַז פעליציאַן האָט געהאַלטען די פּיעסע פּשוט פאַר לעכערליך, און גראַף שענשטיין האָט געזאָגט, אַז, ווען ער וואָלט געהאַט אַ דעה, וואָלט מען בכלל אַלע פּיעסען, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען פון אידען, געדאַרפט אויפפיהרען נאָר אין דער בור־דאַפּעשטער אָרפעאום־געזעלשאַפט. דער געטויפטער דאָקטאָר פאָן ברייטנער איז געווען ספּעציעל אויפגעבראַכט אויף דעם, וואָס אַזאַ יונגער שנעק האָט געהאַט די העזה אַרויסצופירען אויף דער ביהנע אַ געזעלשאַפט, צו וועלכער אַזאַ מאַן, ווי דער מחבר, האָט ניט בשום אופן קיין צוטריט און ער קען זי דעריבער ניט באַגרייפען. ווען געאָרג האָט דאָס אַלץ איצט איבערגעטראַכט, איז זיין אויפרעגונג געגען דעם איינגעשפּאַרטען שווייגען פון זיין באַגלייטער, וועלכער האָט זיך אָהן שום צערעמאָניעס געאיילט ווייטער,

געוואַקסען אַלץ מעהר און האָט דערגרייכט צו אמת'ער פיינדשאַפט. האַלב אומבאַוואוסט האָט ער אָנגעהויבען מסכים צו זיין צו אַלע באַשולדיגונגען, וואָס זיינען דעמאָלט געמאַכט געוואָרען געגען בערמאַן'ען. ער האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז היינריך איז גלייך פון אָנהויב איהם געווען ניט זעהר סימפּאַטיש, און אַז ער האָט זיך זעהר איראָניש אויסגעדריקט פאַר פרוי עהרענבערג וועגען איהר איילעניש אריינצוכאַפּען אין איהר סאַלאָן אויך אָט דעם יונגען גדול. עליזא, פאַרשטעהט זיך, האָט זיך גלייך געשטעלט אויף היינריך'ס צד און האָט איהם ערקלערט פאַר אַן אינטערעסאַנטען צייטענווייז זעהר ליעבענסווירדיגען מענשען, און האָט געאָרג'ן נביאות געזאָגט, אַז פריהער אָדער שפּעטער, וועלען זיי, דאָס הייסט, ער און בערמאַן, ווערען פריינד. און באמת טאַקי איז ביי געאָרג'ן זינט יענעם שמועס, לעצטען פרילינג אין אָבענד אויף דער רינגשטראַסע, פאַרבליבען צו היינריך'ן אַ געוויסע סימפּאַטיע, וועלכע האָט אָנגעהאַלטען ביז'ן היינטיגען אָבענד.

זיי זיינען שוין לאַנג פאַרבייגעגאַנגען דעם לעצטען רעסטאָראַן. לעבען זיי האָט זיך געצויגען צווישען ביימער אין דער פינסטערקייט פון דער נאַכט די ווייסע דורכפאָר גאַס; פון וויטען אין אָפּגעריסענע טענער האָבען זיך דערטראָגען די קלאַנגען פון מוזיק.

— וואוהין דען גאָך? — האָט היינריך פּלוצלונג אויסגערופען, ווי מ'וואָלט איהם אַהער געגען זיין ווילען געשלעפּט, און איז געבליבען שטעהן.

— ס'איז ניט מיין שולד — האָט געאָרג איינפאַך באַמערקט.

— זייט מיר מוחל — האָט היינריך געזאָגט.

— איהר זייט געווען אַזוי שטאַרק פאַרטיפט אין אייערע רעיונות — האָט געאָרג קאַלט געענטפערט.

— פאַרטיפט וועל איך גראַד ניט זאָגען, אָבער עס טרעפט אַמאָל, אַז מ'פאַרלירט זיך אין זיך אַליין.

— מיר איז דאָס באַקאַנט — האָט געאָרג געזאָגט, פאַרגעבענדיג איהם.

— מ׳האָט אויף אייך, אגב, אין אווגוסט געוואַרט אין אור־האָף — האָט היינריך פּלוצלונג געזאָגט.

— געוואַרט? פרוי עהרענבערג איז געווען אַזוי פרײַנדליך מיך אײַנצולאַדען, אָבער איך האָב בשום אופן ניט צוגעזאָגט צו קומען. האָט איהר דאָרטען אַ לענגערע צײַט פֿאַרבראַכט, הערר בערמאַן?

— אַ לענגערע צײַט? ניין. איך בין דאָרטען געוועזען עטליכע מאָל, אָבער נאָר אויף אַ פּאָר שעה.

— איך האָב געמיינט, אַז איהר האָט דאָרטען געוואוינט.

— ס׳הויבט זיך גאָר ניט אָן. איך האָב אונטען אין האָטעל געלעבט. איך פלעג נאָר פון צײַט צו צײַט אַהין אַרויפקומען. דאָרטען איז פּאַר מיר צו לעבעדיג און צו טומעלדיג... דאָס הויז איז שטענדיג אָנגעפּאַקט מיט געסט. און דעם גרעסטען טייל פון די, וואָס קומען אַהין אַריין, קען איך ניט פֿאַרטראָגען.

אַן אָפּענער פיאַקער, אין וועלכען ס׳איז געזעסען אַ דאַמע מיט אַ יונגען מאַן, איז פֿאַרבייגעפֿאָהרען.

— דאָס איז דאָך אָסקאַר עהרענבערג — האָט היינריך גע־זאָגט.

— און די דאַמע? — האָט געאָרג געפּרעגט, נאָכקוקענדיג עפּעס אַ ווייסע זאַך, וואָס האָט געבלאַנקט אין דער פינסטער־קייט.

— איך ווייס ניט.

זיי זיינען אַריין אין אַ פינסטערע אַלעע. ווידער האָט זיך דער שמועס ניט געקלעפּט. צום סוף האָט היינריך אָנגעהויבען:

— פרײַלין עלזאַ האָט מיר אין אוהאָף געזונגען אַ פּאָר פון אײַערע ליעדער. עטליכע פון זיי האָב איך, אגב, שוין געהערט זינגענדיג בעליני׳ן, גלויב איך.

— יאָ, בעליני האָט זיי דעם לעצטען ווינטער געזונגען אויף אַ קאָנצערט.

— אָט די ליעדער און עטליכע אַנדערע אײַערע האָט עלזאַ געזונגען.

— און ווער האָט איהר אַקאָמפּאַנירט?

— איך אַליין, אַזוי גוט ווי איך האָב געקענט. איך מוז אייך זאָגען, מיין ליעבער באַראָן, אַז די ליעדער האָבען דאָס מאָל אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקערען רושם, איידער צום ערשטען מאָל אויפ'ן קאָנצערט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס עליזא האָט אַ סך אַ קלענערע שטים און זינגט ווייניגער קינסטלעריש, איידער בעליני. פון דער אַנדער זייט אָבער דאַרף מען, פאַרשטעהט זיך, האָבען אין זינען, אַז פרייליין עליזע האָט געזונגען אין אַ וואונדער־שענעם זומער־נאָכמיטאָג. די פענסטער זיינען געווען אָפען, דרויסען האָט מען געזעהן די בערג און דעם טיף־בלויען הימעל... אָבער עס בלייבט דאָך גענוג אויף אייער חלק.

— דאָס טוט מיר הנאה — האָט געאָרג געזאָגט אביסעל פאַרטשעפּעט פון היינריך'ס וויצעלדיגען טאָן.

— ווייסט איהר — האָט היינריך ווייטער גערעדט, ווי זיין שטייגער איז אָפט, מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ציין און צו שטאַרקער באַטאָנונג — ווייסט איהר, אַז ס'איז בכלל ניט מיין געוואוינהייט מענשען, וועלכע איך טרעף צופעליג אויפ'ן גאַס, אַרויפצורופען אויפ'ן אָמניבוס, און איך וויל אייך בעסער גלייך מודה זיין, אַז איך... ווי זאָגט מען דאָס נאַר... באַטראַכט דאָס אַלס אַ צייכען פונ'ם שיקזאַל וואָס איך האָב אייך פּלוצלונג דערזעהן אויפ'ן סטעפאַנ־פּלאַץ.

געאָרג האָט זיך פאַרוואונדערט צוגעהערט צו איהם.

— איהר דערמאָנט זיך אפשר ניט אַזוי גוט, ווי איך, אונזער לעצטען שמועס אויף דער באַנק אין דער רינגשטראַסע.

איצט איז ערשט געאָרג'ן איינגעפאַלען, אַז היינריך האָט דעמאָלט פאַרבייגעהענדיג איהם דערצעהלט וועגען אַן אָפּעראַ־סיוזשעט, וואָס פאַרנעמט איהם, אויף וואָס געאָרג האָט אין שפּאַס אָנגעשלאָגען זיך צו שרייבען די מוזיק צו דער אָפּעראַ.

— אַך יאָ, און איך דערמאָן זיך — האָט געאָרג איהם בכיוון קאַלט געענטפערט.

— דאָס פאַרפליכטעט אייך צו גאָר נישט — האָט היינריך נאָך

אין א קעלטערען טאָן געענטפערט, — נאָך ווייניגער, ווייל דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך וועגען מיין אָפּערא בכלל מעהר ניט געטראַכט ביז יענעם שענעם זומער נאָכמיטאָג, ווען עלזא האָט אייערע ליעדער געזונגען. אגב, זאָלען מיר זיך אפשר דאָ אוועקזעצען?

דער רעסטאָראַן־גאָרטען, וואוהין זיי זיינען אריין, איז גע־ווען כמעט פוסט. היינריך און גאָרג האָבען זיך אוועקגעזעצט אינ'ם קליינעם גאָרטען־ביידעל, לעבען דעם גרינעם שטאַקעטען־צאַם און האָבען באַשטעלט זייער אבענד־מאָלצייט.

היינריך האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפ'ן באַנק, האָט אויסגע־צויגען זיינע פיס, אָנגעקוקט געאָרג'ן, וועלכער האָט שטייף געשווי־גען, מיט א פאַרשענדען, כמעט שפּאָטענדען בליק, און פּלוצלונג געזאָגט:

— איך גלויב, אז איך האָב קיין טעות ניט, ווען איך מיין, אז די אַלע זאַכען, וואָס איך האָב ביז אהער געשריבען, זיינען אייך ניט שטאַרק צום הארצען.

— אָ, — האָט געאָרג געענטפערט און איז לייכט רויט גע־וואָרען — פאַרוואָס מיינט איהר דאָס אזוי?

— איך קען דאָך מיינע זאַכען... און איך קען אייך.

— מיך? האָט געאָרג כמעט באַליידיגט געפרעגט.

— געוויס — האָט היינריך פעסט געענטפערט — אגב, האָב איך דעמזעלביגען חוש אויך בנוגע צו דאָס רוב מענשען. איך האַלט אָט די פעהיגקייט מיינע פאַר די איינציג אבסאָלוטע, אין וועלכער איך בין ניט מסופק. אַלע מיינע איבעריגע פעהיגקייטען זיינען פּראָבלעמאַטיש, אזוי האַלט איך, בפרט איז מיין אזוי גע־רופענער קינסטלערישער טאַלאַנט זעהר מיטעלמעסיג. אויך געגען מיין כאַראַקטער איז דאָ וואָס אויסצוזעצען. דאָס איינציגע, וואָס גיט מיר א געוויסע זיכערקייט, איז אייגענטליך נאָר דאָס באוואוסט־זיין, אז איך קען אריינקוקען אין מענשליכע נשמות... טיעף אריינ־קוקען אין אַלע נשמות, פון ערליכע מענשען און אויסוואורפען, פון פרויען, מענער און קינדער, פון געצענדינער, אידען, פּראָטעס־טאַנטען און אפילו קאַטאָליקען, פון אַדעליגע און דייטשען, כאָטש

איך האָב געהערט, אַז פּאָר אונזערען איינעם איז דאָס אונענדליך שווער, אָדער כמעט אוממעגליך.

געאָרג'ן האָט לייכט א צוק געטאָן. ער האָט געוואוסט, אַז אויף היינריך'ן זיינען צוליעב זיין לעצטער פּיעסע אין אַ פּערזענ־ליכען טאָן שטאַרק אָנגעפאַלען אַלע קאָנסערוואַטיווע און קלעריי־קאַלע צייטונגען. „אָבער וואָס גערט דאָס מיר אָן?" האָט געאָרג געטראַכט: „שוין ווידער איינער, וועמען מ'האָט באַליידיגט! — ס'איז פּשוט אוממעגליך מיט אַט די לייט צו האָבען איינפאַכע באַ־ציהונגען."

העפליך, קאַלט, כמעט אונבאַוואוסטזיניג דערמאָנענדיג זיך אָן דעם אַלטען ראָסנער'ס תשובה צום יונגען דאָקטאָר שטאָובער, האָט ער געזאָגט:

— איך האָב אייגענטליך געמיינט, אַז אַזעלכע מענשען, ווי איהר, שטעהען העכער פון יענעם סאָרט אָנפאַלען, אויף וועלכען איהר גיט, ווי עס ווייזט אויס, אָנצוהערעניש.

— יאָ... אַזוי האָט איהר געמיינט? — האָט היינריך אַ פרעג געטאָן אין אַ קאַלטען, כמעט אָפּשטויסענדען טאָן, ווי דאָס איז אָפטמאָל געווען זיין שטייגער — יאָ, — האָט ער ווייטער אַביסעל מילדער גערעדט — צייטענווייז איז דאָס טאַקי אַזוי. אָבער, ליידער, ניט שטענדיג. מ'דאַרף ניט פיעל האָבען, כדי אויפצואוועקען אין אונז די זעלבסט־פאַראַכטונג, וועלכע שלומערט שטענדיג אין אונז; און ווען דאָס טרעפט, איז ניטאָ דער נאַר און דער אויסוואורף. מיט וועמען מיר זאָלען ניט אינערליך מאַכען יד אחת געגען זיך אַליין. ענטשולדיגט, ווען איך זאָג „מיר"...

— אַ, איך האָב שוין עפּעס זעהר ענליכעס אַמאָל דורכגעפיהלט. פאַרשטעהט זיך, איך האָב ניט געהאַט אַזוי אָפט, ווי איהר, די געלעגענהייט צוזאַמענצושטויסען זיך מיט דער עפענטליכער מיי־נונג.

— יאָ, ווען דאָס זאָל אפילו זיך מאַכען... גענוי דאָס זעל־בע, וואָס איך, וועט אייך קיינמאָל ניט אויסקומען צו פיהלען.

— פאַרוואָס דען? — האָט געאָרג אַביסעל געקריינקט א פרעג געטאָן.

היינריך האָט איהם שארף אָנגעקוקט. — איהר זייט דער באַראָן פאָן ווערנענטין־רעקא.

— אָ, דערפאר! איך פאַרזיכער אייך, ס'זיינען דאָ היינט א גאַנצע מאַסע מענשען, וואָס וועלען גראַד צוליעב דעם זיך באַ־ציהען צו איינעם מיט פאָראורטייל און וועלען איהם אויפ־ווארפען, אז ער איז א באַראָן.

— —יאָ, יאָ, אָבער איהר וועט דאָך מיט מיר מסכים זיין, אז עס קלינגט אַנדערש, צי מען ווארפט איינעם אויף, וואָס ער איז א באַראָן, אָדער וואָס ער איז א איד, כאָטש ביז אהער... איהר וועט מיר מוחל זיין... האָט דער איד געקענט זיין אויך פון בעסערען אדעל. איהר דארפט מיך אָבער ניט אָנקוקען מיט אזא רחמנות — האָט ער פלוצלונג גראָב געזאָגט — איך בין ניט שטענדיג אזוי עמפּפינדליך. ס'זיינען פאַראַן אַנדערע שטימונגען ביי מיר, ווען קיין שום זאַך און קיין שום מענש קען מיך ניט אָנריהרען. דעמאָלט האָב איך נאָר איין געפיהל: וואָס ווייסט איהר דען אַלע, וואָס ווייסט איהר פון מיר?!...

ער האָט געשוויגען, און זיין שטאָלצער, שפּאָטישער בליק האָט דורכגעדרונגען דורך די בלעטער פונ'ם ביידעל און דער פינסטערקייט פון דער נאַכט. ער האָט א קער געטאָן דעם קאָפּ, האָט זיך אומגעקוקט אַרום און האָט איינפאַך, מיט א נייעם טאָן געזאָגט צו געאָרג'ן:

— זעהט נאָר, מיר זיינען דאָך דאָ באַלד די איינציגע.

— ס'ווערט טאַקי אויך קאַלט — האָט געאָרג געזאָגט.

— איך רעכען, מיר וועלען נאָך כאַפּען א קליינעם שפּאַציר אין פּראַטער.

— מיט פאַרגעניגען.

זיי האָבען זיך אויפגעהויבען און זיינען אַוועקגעגאַנגען. אויפ'ן גראָז איז געלעגען א דינער, גראָער נעבעל.

— ביז אין דער נאַכט אַריין האַלט זיך שוין מעהר ניט די אילו־

זיע פון זומער. באַלד וועט זיך דאָס אײנגאַנצען שוין ענדיגען — האָט היינריך געזאָגט מיט אַ שטים פון טרויער און שטאַרקען פאַרדראָס, און ווי צו זיין אייגענעם טרויסט האָט ער צוגעגעבען:
— אצינד וועט מען זיך דאַרפען נעמען פאַר דער אַרבייט.

זיי זיינען צוגעקומען צום אַמיזירונגס־פּלאַץ אין פּראַטער. פון די רעסטאָראַנלאַך האָט זיך געטראָגען מוזיק. געאָרג האָט זיך תיכף אָנגעשטעקט מיט דער פרעהליך־טומעלדיגער שטימונג. ווי מיט אַמאָל איז פאַרשוואונדען די טרויעריגקייט פון דעם הערבסט־ליכען רעסטאָראַן־גאָרטען און דער איינדרוק פון דעם אַביסעל געקוועלטען שמועס.

לעבען אַ קאַרוסעל, פון אַ ריעזיגען שפּיעלקאַסטען האָבען זיך ווי פון אַ פאַנטאַסטישער אָרגעל געטראָגען די קלאַנגען פון דער פּאָפּורי פון „טרובאַדור". ביים אַריינגאַנג האָט אַן אויסשרייער גערופען צו אַ נסיעה קיין לאָנדאָן, אַצגערסדאָרף און אויסטראַליע; און געאָרג האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן דעם פריהלינג־פּיקניק אין דער געזעלשאַפט פון די עהרענבערגס.

אויף אָט דער שמאָלער באַנק אין באַלאַגאַן איז דעמאָלט פרוי עהרענבערג געזעסען, לעבען איהר דער קאַוואַלער פון אבענד, דעמעטער סטאַנצידעס, וועמען זי האָט מסתמא דערצעהלט איינע פון איהרע אומגלויביגע געשיכטעס: אַז איהר מוטער איז געוועןן די געליעבטע פון אַ רוסישען גרויספירשט; אַז זי אַליין האָט מיט איהר פאַרעהרער פאַרבראַכט אַ נאַכט אויף דעם האָלסטעדטער בית עולם, און דערביי פאַרשטעהט זיך, איז צווישען זיי גאָרנישט נית פאָרגעקומען; אָדער, אַז איהר מאַן, וואָס האָט געריייזט אי־בער דער וועלט, האָט אין אַ האַרעם אין סמירנאַ איין וואָך עראָבערט זיבעצען ווייבער. אָט אין דעם מיט רויטען סאַמעט אויסגעבעטען וויגעלע איז געזעסען עלזע אָנגעלענט, ווי אין אַ פיאַקער אויף אַ פערד־געיעג; אנטקעגען איהר איז געוועןן האָפּראַט ווילט. זי איז געוועןן חן'עוודיג און האָט אויסגעזעהן ווי אַ דאַמע פון דער העכערער געזעלשאַפט, כאָטש אפילו מיט איהר האַלטונג און מאַניערען האָט זי פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו מאַכען

דעם איינדרוק, אַז זי קען אויך, ווען זי זאָל נאָר וועלן, זיין פּונקט אַזוי קינדעריש, ווי פּשוט'ע און דעריבער אויך גליקליכערע מענשען. אַנאַ ראָסנער האָט נאָכלעסיק האַלטענדיג די לייצעס אין דער האַנט, מיט ווירדע און דאָך אַביסעל מיט אַ שעלמיש־פרעהליכען פּנים, גערייטען אויף אַ ווייסען אַראַבער פערד; זיסי האָט זיך געוויגט אויף אַ שוואַרצען פערד, וועלכער האָט זיך ניט נאָר געדרעהט צוזאַמען מיט אַלע חיות און וועגעלאַך, נאָר האָט זיך אויך געוויגט אַהין און אַהער. פון אונטער דער אויסטערלישער פריזור מיט דעם ריזיגען, שוואַרצען פעדער־הוט האָבען געבליצט און געלאַכט די עזות'דיגע אויגען, איבער די אויסגעשניטענע לאַ־קירטע האַלב־שיך און די דורכזיכטיגע אַזשור־זאָקען, האָט גע־פלאַטערט דאָס ווייסע קליידעל. אויף צוויי פרעמדע מענער האָט זיסי'ס אויסזעהן אַזוי מאָדנע געווירקט, אַז זיי האָבען איהר זעהר הויך אויפ'ן קול געמאַכט גאָר ניט קיין צווייזייטיגע איינלאַדונג; באַלד אויפ'ן אָרט האָט זיך באַוויזען ווילי און צווישען איהם און די צוויי אַביסעל צומישט געוואָרענע חברה־לייט איז פאָרגעקומען אַ שמועס, בסוד; לכתחלה האָבען יענע געפּרובט ראַטעווען זייערע פּאָזיציעס, נאָכלעסיג אָנצינדענדיג נייע סיגאַרעטלאַך, אָבער באַלד זיינען זיי פלוצלונג פאַרשוואונדען צווישען עולם.

אויך דאָסביידעל מיט די „אילוזיעס" און ליכט־בילדער איז געווען ביי געאָרג'ן פאַרבונדען מיט באַזונדערע זכרונות. דאָ, בעת דאַפנאַ האָט זיך אין אַ בוים פאַרוואַנדעלט, האָט זיסי איהם שטיל איינגערוימט אין אויער „דו געדענקסט", און איהם דערמיט דערמאָנט דעם מאַסקאַראַד ביי די עהרענבערגס, ווען זי האָט, מסתמא ניט פאַר איהם אַליין, אויפגעהויבען דעם וואואַל און האָט איהם שנעל אַ קוש געטאָן. נאָכדעם איז געקומען דאָס ביידעל, וואו די גאַנצע געזעלשאַפט האָט זיך פאָטאָגראַפירט: די דריי יונגע מיידלאַך: אַנאַ, עלזאַ און זיסי אין דער פּאָזע פון מלאכים; די מענער מיט הימלישע אויגען ביי זיי צופוסען אַזוי, אַז דאָס גאַנצע בילד האָט אויסגעזעהן, ווי אַ מין צויבער־האַפטע אַפּאָטעאָזע. און בעת געאָרג האָט אַזוי געטראַכט ווענען

יענע אַלע קליינע פּאַסירונגען, האָט אין זיין זכרון אַלץ געשוועבט זיין געזעגענען זיך מיט אַנאַ'ן און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אין דעם זיינען באַהאַלטען די אַנגענעמסטע דערוואַרטונגען.

לעבען איינעם פון די שיס־ביידלאַך איז געשטאַנען גאָר אַ גרויסער המון. אַט האָט מען געטראָפען אין האַרצען דעם פּויקער, און ער האָט אָנגעהויבען צו האָגלען מיט פלינקע קלעפּ אין פּויק; אַט איז צושפּרונגען געוואָרען אויף שטיקלאַך אַ גלעזערנע קוגעל, וועלכע האָט היין און צוריק געטאַנצט אויף אַ וואַסער־שטראַל; אַט האָט אַ מאַרקיטאַנטין מיט אַ שנעלער באַוועגונג צוגעטראָגען צום מויל די טראָמפּייט און דראָהענדיג געטרובעט טרעוואָגע; אַט האָט זיך מיט אַ דונער אַ לאָז געטאָן פון אַ פּלוצלונג אויפגעעפענטען טויער אַ קליינע אייזען־באַהן, דורכגעטראָגען זיך דורך אַ הייגענדיגער בריק און איז פאַרשוואונדען אין אַן אַנדער טויער. ווען די צושויער האָבען זיך אָנגעהויבען פאַנאַנדערגעהן, האָבען זיך געאָרג מיט היינריך'ן צוגערוקט נעהענטער צום ביידעל און דערקענט אין די גוטע שיסער אָסקאַר עהרענבערג'ן און זיין דאַמע. אָקאָרשט האָט אָסקאַר אָנגעשטעלט זיין ביקס אויפ'ן אָדלער, וועלכער האָט זיך ביים סאַמע באַלקען אַהין און אַהער באַוועגט אויף זיינע צושפּרייטע פליגלען, און האָט צום ערשטען מאָל ניט געטראָפען. ער האָט מיט כעס אוועקגעלייגט די ביקס, האָט זיך אומגעקוקט, דערזעהן די ביידע מענער און האָט זיי באַגריסט.

די יונגע דאַמע מיט'ן ביקס לעבען באַק, האָט געוואָרפען אַן אויג אויף די נייע־אָנגעקומענע, האָט זיך אָבער באַלד ווידער אָנגעצילט און האָט אַראָפּגעלאָזען דעם צינגעל. די פליגלען פונ'ם אָדלער האָבען אַראָפּגעזונקען, און ער האָט זיך מעהר ניט באַוועגט.

— בראַוואָ — האָט אָסקאַר אויסגערופען.

די דאַמע האָט אוועקגעלייגט די ביקס לעבען זיך אויפ'ן טיש.

— ס'איז גענוג — האָט זי געזאָגט צום אינגעל, וואָס האָט געוואָלט ווידער אָנלאָדען די ביקס, געוואונען האָב איך דאָך.

— וויפיעל שאָסען זיינען דאָס געווען? — האָט אָסקאר געפרעגט.

— פערציג — האָט דער אינגעל געענטפערט — ס'קומט פון אייך אכציג קרייצער.

אָסקאר האָט ארויסגענומען פון דער וועסט־קעשענע א זיל־בערנעם גולדען, האָט א וואָרף געטאָן איהם אויפ'ן טיש און האָט גדלות'דיג צוגענומען דעם דאנק פונ'ם אינגעל.

— ערלויב — האָט ער געזאָגט, אָנשפּארענדיג זיך מיטביידע הענט אָן די זייטען, אויסבייגענדיג דעם קערפּער פאָראויס און א טראָט טוענדיג מיט'ן לינקען פוס אָן א זייט, — ערלויב מיר, עמי, פאָרצושטעלען דיר די הערען, וואָס זיינען געווען עדות פון דיינע טריאומפען, באראָן ווערגענטין, הערר פאָן בערמאן... פריילין אמעליע רייטער.

די הערען האָבען אראָפּגענומען זייערע היט, אמעליע האָט געענטפערט אויף זייער גרוס, א שאָקעל טוענדיג עטליכע מאָל מיט'ן קאָפּ. זי האָט געטראָגען אן איינפאַך פוליאר־קלייד אין ווייסע מוסטערן, א העל־געלע לייכטע מאַנטיליע מיט שפּיצען ארומ־געזוימט און א שווארצען הוט, וואָס האָט אויסגעזעהן זעהר חן'־עווריג.

— דעם הער פאָן בערמאן קען איך שוין — האָט זי גע־זאָגט און האָט זיך געווענדט צו איהם: — ביי דער ערשטער אויפפיהרונג פון אייער פּיעסע לעצטען ווינטער האָב איך אייך געזעהן בעת איהר זייט ארויסגעקומען פארנייגען זיך פאר'ן פּובליקום. מיר איז זעהר געפעלען געווען. איך זאָג דאָס אייך ניט צוליעב העפליכקייט.

היינריך האָט ערנסט אָפּגעדאנקט.

זיי האָבען ווייטער געשפּאצירט צווישען די ביידלאך, וואו עס איז שוין שטילער געוואָרען, און פארביי די גאָרטען רעסטאָ־ראנלאך, וועלכע זיינען ביסלאכווייז פּוסט געוואָרען.

אָסקאַר האָט אַריינגעלייגט זיין רעכטע האַנט אונטער דער ליַנקער פון זיין באַגלייטערין, און האָט זיך געווענדט צו געאָרג'ן:

— פאַרוואָס זייט איהר ניט געקומען צו אונז אויפ'ן אוהאָף? מיר האָבען אַלע זעהר באַדויערט.

— איך בין לײדער געוועזן ווײניג אויפגעלייגט פאַר געזעל־שאַפט.

—— יאָ, געוויס, איך קען זיך פאָרשטעלען — האָט אָסקאַר מיט דעם אָנגענומענעם ערנסט געזאָגט — איך בין, אגב, אויך געוועזן דאָרטען נאָר עטליכע וואָכען. אין אויגוסט האָב איך מײ־נע מידע גלידער געשטאַרקט אין די כוואַליעס פונ'ם צפון־ים; איך בין געוועזן אויפ'ן אינזעל וווהייט.

— דאָרטען, האָב איך געהערט, איז זעהר שען — האָט געאָרג געזאָגט — ווער פאָרט דאָס אַהינצו שטענדיג?

— איהר מיינט די ווײנערס — האָט אָסקאַר געענטפערט. — פריהער ווען זיי האָבען געלעבט אין לאָנדאָן, פלעגען זיי אַהין פאָרען יעדען יאָהר. איצט זיינען זיי דאָרטען איין מאָל אין צוויי־דריי יאָהר.

— יאָ, אָבער די ענגלישע פאָרם פון זייער נאָמען היטען זיי אָפּ אויך אין עסטרייך — האָט געאָרג געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

אָסקאַר איז געבליבען ערנסט. — דער אַלטער ווײנער — האָט ער געענטפערט — האָט ערליך פאַרדינט זיין פאַרענגלישטען נאָמען. ער איז שוין אַלס דרייצען־יאָהריגער אינגעל געקומען קיין ענגלאַנד, האָט זיך דאָרטען נאַטוראַליזירט און אַלס יונגער מאַן איז ער געוואָרען אַ שותף אין דער גרויסער שטאָל־פאַבריק, וואָס הייסט נאָך ביז איצט „בלעק און ווײנער".

— אָבער חתונה געהאַט האָט ער מיט אַ וויענערין?

— יאָ. און ווען ער איז מיט זיבען אָדער אַכט יאָהר צוריק געשטאָרבען, איז זי מיט איהרע צוויי קינדער אַהער אַריבערגע־פאָרען. אָבער דזשעמס וועט זיך קיינמאָל ניט צוגעוויינען... דער לאָרד אַנטינאָיוס, איהר ווייסט דאָך, אַז פרוי עהרענבערג רופט איהם אַזוי. איצט איז ער ווידער אין קעמברידזש און שטודירט

נאָר גריכישע פילאָלאָגיע. אגב, דעמעטער האָט אויך פארבראַכט עטליכע טעג אין וועגטנאַר.

— סטאַנצידעס? — האָט געאָרג געפרעגט.

— קענט איהר פאָן סטאַנצידעס׳ן, באַראָן? — האָט עמי געפרעגט.

— יאָ, איך קען איהם.

— הייסט עס, אז ער עקזיסטירט טאַקי אויף אן אמת — האָט זי אויסגערופען.

— נו, ווייסטו! — האָט אָסקאַר געזאָגט — היינטיגען פריה־לינג האָט זי זיך אין פרידענאו אויף איהם געוואָטען און גע־וואונען א מאַסע געלד, און אצינד פרעגט זי, צי ער איז גאָר פאַראַן אויף דער וועלט.

— פארוואָס צווייפעלט איהר, פריילין, אין דער עקזיסטענץ פון סטאַנצידעס? — האָט זי געאָרג געפרעגט.

— יאָ, ווייסט איהר, יעדען מאָל, ווען איך ווייס ניט, וואו ער — איך מיין, אָסקאַר — איז מיר נעלם געוואָרען, הער איך איין תשובה: איך האָב געהאַט א ראַנדעוואו מיט סטאַנצי־דעס׳ן, אָדער: איך בין געפאָרען רייטען מיט סטאַנצידעס׳ן אין פּראַטער. סטאַנצידעס אהין, סטאַנצידעס אהער; ס׳קלינגט מיר מעהר, ווי אַן איינרעדעניש איידער א ריכטיגער נאָמען.

— אָבער איצט ווער אנשווינגען אמאָל — האָט אָסקאַר מילד געזאָגט.

— ניט נאָר עקזיסטירט סטאַנצידעס, — האָט געאָרג ער־קלערט — נאָר ער האָט אויך די שענסטע, שווארצע וואָנצען און די גליהענדסטע שווארצע אויגען, וואָס זיינען פאַראַן נאָר.

— דאָס איז אפשר אמת, אָבער בעת איך האָב איהם גע־זעהן, האָט ער אויסגעזעהן, ווי א פּאַיאַץ — אין א געלען רעקעל, מיט א גרינע קעפּקע, און לילאַ־לענטעס.

— און זי האָט פערציג גולדען אויף איהם געוואונען, — האָט אָסקאַר געזאָגט לצנות׳דיג.

— וואו זיינען די פערציג גולדען? — האָט פריילין אמעליע אָפּגעזיפצט...

פלוצלונג איז זי געבליבען שטעהן און האָט אויסגערופען:

— אויף דעם בין איך אָבער נאָך קיינמאָל ניט געפאַרען.

— מען קען דאָס נאָך פאַרריכטען — האָט אָסקאַר איינפאַך געזאָגט.

דאָס איז געווען א גיגאַנטישע ראָד, וועלכע האָט זיך פאַר זיי געדרעהט מיט באַלויכטענע וועגעלאַך פאַמעליך און מאַיעסטעטיש. די יונגע לייט זיינען דורכגעגאַנגען דעם טורניקעט, האָבען זיך אַוועקגעזעצט אין א ליידיגען קופּע און ארויפגעשוועבט אין דער הויך.

— ווייסט איהר, געאָרג, מיט וועמען איך האָב זיך היינטיגען זומער באַקענט? — האָט אָסקאַר געזאָגט, — מיט'ן פּרינץ גוואַסטאַלאַ.

— מיט וועלכען פּרינץ? — האָט געאָרג געפרעגט.

— מיט'ן אינגסטען, פאַרשטעהט זיך, מיט קאַרל פרידריך. ער האָט דאָרטען געלעבט אונטער א פרעמדען נאָמען. ער איז זעהר באַפריינדעט מיט סטאַנציידעס'ן, ס'איז א מערקווירדיגער מענש. איך קען אייך פאַרזיכערען — האָט ער שטיל צוגעגעבען, — אויב עמיצער פון אונז וואָלט כאָטש איין הונדערט־חלק פון דעם געערדט, וואָס דער פּרינץ, וואָלטען מיר אונזער גאַנצען לעבען ניט ארויסגעקראָכען פון תפיסה.

— קוק נאָר, אָסקאַר, — האָט עמי אויסגעשריען, — די טישען און די מענשען דאָרטען אונטען! ווי אין א קעסטעלע, ניט אמת! און די מאַסע פייערען דאָרטען, גאַנץ ווייט, דאָרטען איז געווים שוין פּראַג. גלויבט איהר ניט, הערר בערמאַן?

— ס'קען זיין, — האָט בערמאַן געענטפערט, און מיט א צוזאַמענגעקנייטשטען שטערן האָט ער דורכ'ן גלעזערנעם ווענטעל ארייגעקוקט אין דער פינסטערקייט פון דער נאַכט.

ווען זיי האָבען פאַרלאָזען דעם קופּע און זיינען ארוים אויף

דרויסען, האָט זיך דער זונטאָג־טומעל געהאַלטען שוין אין איינ־
שטילען.

— די קליינע, — האָט אָסקאַר עהרענבערג געזאָגט צו גע־
אָרג׳ן, בעת היינריך מיט עמי׳ן זיינען אוועק פאָראויס, — איז
אפילו ניט חושד, אז מיר שפּאַצירען היינט דעם לעצטען מאָל צו־
זאַמען אין פּראַטער.

— פאַרוואָס עפּעס צום לעצטען מאָל? — האָט געאָרג א פרעג
געטאָן אָהן א שום טיפען אינטערעס.

— עס קען אנדערש ניט זיין — האָט אָסקאַר געענטפערט, —
אזעלכע זאַכען טאָרען ניט דויערען מעהר, ווי העכסטענס, איין
יאָהר. איהר קענט, אגב, פון דעצעמבער אָן קויפען ביי איהר
אייערע הענטשקעס, — האָט ער פרעהליך, אָבער ניט אָהן א גע־
וויסען טרויער צוגעגעבען. — איך מאַך איהר א קליינעם גע־
שעפט. דאָס בין איך איהר אין א געוויסער מאָס שולדיג, ווייל
איך האָב זי ארויסגעריסען פון א גאַנץ זיכערער לאַגע.

— פון א זיכערער?

—יא, זי איז געוועזען פאַרלאָבט. מיט א פּוטליאַרען־מאַכער.
האָט איהר געוואוסט, אז ס׳איז פאַראַן אזא פאַך?

דערווייל האָט זיך עמי מיט היינריך׳ן אָפּגעשטעלט ביי א
נעדרעהטער טרעפּ, וועלכע האָט דורך א שמאָלען און שאַרפען
ארויפשטייג געפיהרט צו א פּלאַטאָ, און האָבען געוואַרט אויף די
אנדערע. אלע זיינען מסכים געוועזען דערצו, אז מ׳דאַרף ניט אוועק
פונ׳ם פּראַטער, איידער מ׳איז געפאָהרען אויף דער גליטש־באַן.

זיי האָבען זיך אַלאָז געטאָן דורך דער פינסטערניש, ארויף
און אראָפּ אין א ווענעלע, וואָס האָט שטאַרק געשליידערט. און
אין דעם באַטויבענד־ריטמישען ליאַרעם האָט פּאַר געאָרג׳ן בים־
לעכווייז אַנגעהויבען ארויסצוקלינגען א משונה׳דיגע מעלאָדיע
אין דריי־פערטעל טאַקט. בעת ער איז מיט די אנדערע געגאַנ־
גען אראָפּ פון די געדרעהטע טרעפּ, האָט ער שוין געוואוסט, אז
די מעלאָדיע דאַרף ארויסגעבראַכט ווערען פון האָבאָען און קלאַר־

געטען, אקאמפאנירט פון א וויאלאנצעל מיט א קאנטראבאס. ס'איז קענטיג געווען, אז דאס איז א סקערצא, — מעגליך פאר א סימפאניע.

— ווען איך וואלט געווען אן אונטערנעמער, — האט הייג־ריך מיט באשטימטקייט דערקלערט, „וואלט איך אויפגעבויט א גליטש־באן אויף מיילען לאנג, דורך לאנקעס, אפגרונדען, דורך וועלדער און טאנצזאלען; פארשיעדענע איבערראשונגען וואלטען אויך געווען אויפ'ן וועג. — אויף יעדען פאל, איז שוין געקו־מען די צייט, לויט זיין מיינונג, אז מ'זאל דעם פאנטאסטישען עלעמענט אין די פארוויילונגען אין פראטער ברייגנען צו דער העכסטער מדרגה. ער אליין האט דערווייל די אידעע פון א קארוסעל, וועלכע זאל זיך דורך א מערקווירדיגען מעכאניזם דרע־הען אין ספיראל־פארם אלץ העכער און העכער פון דער ערד און זאל צום סוף דערגרייכען צו א טורם־שפיץ. ליידער האבען איהם געפעהלט די נויטיגע טעכנישע ידיעות, ער זאל קענען גענויער דערקלערען זיין פלאן. ווייטער־געהענדיג האט ער אויסגעקלערט משונה'דיגע פיגורען און גרופען פאר די שיס־ביידלאך און צום סוף האט ער זיך ארויסגעזאגט פאר דער דרינגענדער נויטיגקייט פון א גרויסארטיגען מאריאנעטען־טעאטער, פאר וועלכען אריגינע־לע דיכטער זאלען שרייבען טיפזיניג־לוסטיגע פיעסען.

אזוי איז מען דערגאנגען ביז'ן ארויסגאנג פונ'ם פראטער, וואו ס'האט געווארט אסקאר'ס קארעטע. צוזאמענגעשטיקט, אבער אין א גוטער שטימונג, זיינען זיי אוועקגעפאהרען אין א וויין־רעסטאראן אין שטאדט. זיי האבען פארנומען א באזונדער קאבינעט, און אסקאר האט באשטעלט שאמפאניער. געארג האט זיך אוועקגעזעצט לעבען פיאנא און האט פאנטאזירט איבער דער מעלאדיע, וואס איז איהם אויף דער גליטש־באן איינגעפאלען. עמי האט זיך אנגעשפארט אן ווינקעל פון סאפא, און אסקאר האט איהר פארשיעדענעם איינגערוימט אין אויער, פון וואס זי האט גע־מוזט לאכען. הייגריך איז ווידער שטום געווארען און האט פא־מעליך געדרעהט זיין גלאז צווישען די פינגער אהין און אהער.

פלוצלונג האָט געאָרג אויפגעהערט צו שפּילען און האָט געלאָזען די הענט אויף די קלאַווישען ליגען. אַ געפיהל פון דער צוועקלאָזיגקייט און ניט ממשות'דיגקייט פונ'ם לעבען האָט איהם אַרומגענומען, ווי ס'פלעגט זיך מיט איהם אַמאָל טרעפען, ווען ער האָט געטרונקען וויין. ס'האָט זיך איהם געדוכט, אַז שוין מיט אַ סך טעג צוריק איז ער אַראָפּגעגאַנגען פון די שלעכט באַלויכטענע טרעפּ אין דער פּאַאולאַנער גאַס, און דער שפּאַציר מיט היינריך'ן דורך דער הערבסט־טונקעלער־אַלעע איז געווען העט ווי לאַנג. להיפּך האָט ער זיך אָבער דערמאָנט אַזוי לעבעדיג, ווי ס'וואָלט ערשט נעכטען געווען, ווענען אַ זעהר יונגער און זעהר פאַרדאָרבענער פרוי, מיט וועלכער ער האָט מיט אַ סך יאָהרען צוריק פאַרבראַכט עטליכע וואָכען אויף אַזאַ לוסטיג־נאַרישען אופן, ווי אַ שטייגער איצט אָסקאַר עהרענבערג מיט עמי'ן. איינמאָל אַן אבענד האָט זי איהם צו לאַנג געלאָזט וואַרטען אויפ'ן גאַס. אומגעדולדיג איז ער אַוועקגעגאַנגען און האָט זי שוין מעהר ניט געזעהן און ניט געהערט פון איהר. ווי גרינג ס'האָט זיך צייטענווייז געגעבען דאָס לעבען... ער האָט דערהערט עמי'ס שטילען לאַכען, האָט זיך אומגעדרעהט, און זיין בליק האָט זיך באַגעגענט מיט אָסקאַר'ס אויגען, וועלכע האָבען איבער עמי'ס בלאָנדען קאָפּ געקוקט אויף איהם. איהם איז געווען ניט אַנגענעהם אָסקאַר'ס קוק, ער האָט זיך בכיוון אָפּגעקערט און האָט ווידער גענומען אַ פּאָר טענער אויפ'ן פּיאַנאָ אין אַ מעלאַנכאָלישען גייסט פון אַ פאָלקס־לידער־מעלאָדיע. איהם האָט זיך פאַרוואָלט אויפשרייבען דאָס אַלץ, וואָס איז איהם היינט איינגעפאַלען, און ער האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן זייגער, וואָס איז געהאַנגען איבער'ן וואַנט. ס'איז שוין געווען נאָך איינס. ער האָט זיך דורכגעקוקט מיט היינריך'ן, און ביידע האָבען זיך אויפגעהויבען. אָסקאַר האָט אַ וואונק געטאָן אויף עמי'ן, וועלכע איז איינגעשלאָפען אין זיינע אָרעמס, האָט מיט אַ שמייכעל אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען, ווי געבענדיג צו פאַרשטעהן, אַז ביי די אומשטענדען קען ער נאָך ניט טראַכטען וועגען אַוועקגעהן. זיי האָבען איהם ביידע דער־

לאנגט די הענט, שטיל א שעפטשע געטאָן א גוטע נאַכט און זיי־
נען אוועקגעגאַנגען.

— ווייסט איהר, וואָס איך האָב געטאָן, — האָט היינריך
געזאָגט, — בעת איהר האָט אויף דעם שרעקליכען פיאַנא אזוי
וואונדער־שען פאַנטאַזירט? איך האָב פּראָבירט צוזאַמענשטעלען
דעם סיוזשעט, וועגען וועלכען איך האָב מיט אייך אין פריהלינג
גערעדט.

— אָה, די אָפּערא־ליברעטאָ! דאָס איז אינטערעסאַנט.
ווילט איהר מיר עס אפשר דערצעהלען?

היינריך האָט א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— איך וואָלט שוין גראָד געוואָלט, אָבער די צרה איז,
וואָס איצט גראָד האָט זיך ארויסגעוויזען, אז קיין טעמא איז דאָ
גאָר ניטאָ. דאָס איז דער סוף פון אַלע מיינע טעמאָס."

געאָרג האָט איהם פרעגענדיג אָנגעקוקט.

— אין פריהלינג, ווען מיר האָבען זיך דעם לעצטען מאָל גע־
זעהן, האָט איהר דאָך געהאַט א מאַסע סיוזשעטען.

— יא, פאַרשריבען איז ביי מיר גאָר א סך. אָבער היינט
איז פון דעם מעהר גאָרנישט ווי פראַזען פאַראַן... ניין, ווערטער!
ניין, אותיות אויף'ן ווייסען פּאַפּיר. ס'איז פונקט אזוי, ווי א
טויטען־האַנט האָט דאָס אַלץ אָנגערירט. איך האָב מורא, דעם
צווייטען מאָל, ווען איך וועל זיך נאָר א נעם טאָן צו מיין מאַטע־
ריאַל וועט ער פאַנאַנדערפאַלען אין אַש. יא, איך לעב איצט
דורך א שווערע צייט; און ווער ווייס, צי וועט אמאָל קומען א
בעסערע.

געאָרג האָט געשוויגען. דאַן האָט ער זיך פלוצלונג דער־
מאָנט, אז ער האָט ערגיץ וואו געלעזען אין א צייטונג־נאָטיץ וועג־
גען היינריך'ס פאָטער, דעם דעפּוטאַט פון פּאַרלאַמענט, דאָקטאָר
בערמאַן; טראַכטענדיג, אז דאָס האָט עפּעס א שייכות צו היינ־
ריך'ס שטימונג, האָט ער א פרעג געטאָן: — איז אייער פאָטער
קראַנק, ניט אזוי?

ניט קוקענדיג אויף איהם, האָט היינריך געענטפערט:

— יאָ, מיין פאָטער איז שוין זינט יוני אין א האָספּיטאַל פאַר גייסטיג קראַנקע.

גנעאָרג האָט מיט מיטגעפיהל א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

היינריך האָט ווייטער גערעדט:

— יאָ, דאָס איז א שרעקליכע זאַך. כאָטש אפילו איך בין מיט איהם די לעצטע צייט ניט געווען זעהר נאָהענט, דאָך איז דאָס שרעקליכער, איידער מ'קען דאָס אַרויסזאָגען.

— ביי אַזעלכע אומשטענדען, — האָט געאָרג געזאָגט, — איז דאָך קיין וואונדער ניט, וואָס די אַרבייט געהט ניט ביי אייך.

— יאָ, — האָט היינריך געענטפערט מיט א געוויסען ישוב־הדעת, — אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. דעם אמת זאָגענדיג, אין מיין איצטיגען נשמה־צושטאַנד שפּילט דאָס בערך א קליינע ראָלע. איך וויל זיך ניט ווייזען בעסער, ווי איך בין. בעסער...! וואָלט איך דאָן בעסער געווען...?

ער האָט זיך צולאַכט און האָט נאָכדעם ווייטער גערעדט:

— איהר זעהט, נעכטען האָב איך אויך נאָך געטראַכט, אַז מיין געמיט איז שווער צוליעב פאַרשיעדענע סבות. אָבער היינט האָב איך געהאַט א גאַנץ זיכערען, ניט אָפּנאַרענדען באַווייז, אַז קליינינקייטען, כמעט נאַרישע זאַכען טשעפּען מיך מעהר ווי די וויכטיגסטע, ווי, למשל, די קראַנקהייט פון מיין פאָטער. ס'איז העסליך, ניט אַזוי?

געאָרג האָט געקוקט פאַר זיך. „פאַרוואָס באַגלייט איך איהם אייגענטליך," האָט ער געטראַכט, „און פאַרוואָס עפּעס דוכט זיך דאָס איהם אוים גאַנץ נאַטירליך?"

היינריך האָט ווייטער גערעדט מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ציין אין א צו העפטיגען טאָן:

— היינט נאָכמיטאָג האָב איך גראָד באַקומען צוויי בריוו. יאָ, צוויי בריוו. . . איינעם פון מיין מוטער, וועלכע איז נעכטען געווען ביי מיין פאָטער אין האָספּיטאַל. אין דעם בריוו איז פאַראַן א ידיעה, אַז עס האַלט מיט איהם שלעכט, זעהר שלעכט; קורץ און גוט, ס'וועט שוין, מסתמא, ניט לאַנג דויערען.

ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט.

— ווי איהר פאַרשטעהט, איז דערמיט פאַרבונדען נאָך אַ סך זאַכען. פאַרשידענע שוועריגקייטען, זאָרגען פאַר מיין מוטער און שוועסטער, פאַר זיך אַליין. און איצט שטעלט זיך נאָר פאָר: צוזאַמען מיט דעם בריוו האָב איך דערהאַלטען אַן אַנדערען, אין וועלכען ס'איז ניט געווען קיין שום זאַך, וואָס מ'זאָל קענען רעכענען פאַר וויכטיג. אַ בריוו פון אַ פּערזאָן, מיט וועלכער איך בין אין משך פון צוויי יאָהר אין נאָהענטער באַציהונג געווען. און אין דעם בריוו איז געווען אַ זאַץ, וועלכער האָט זיך מיר אויסגעוויזען אַ ביסעל פאַרדעכטיג. איין איינציגער זאַץ... אַזוי איז דער בריוו געווען, ווי אַלע בריוו פון דער פּערזאָן, זעהר ליעב, זעהר צאַרט... און איצט, שטעלט זיך פאָר, דעם גאַנצען טאָג פאַרפאָלגט מיך, פּייניגט מיך אָט די איינציגע פאַרדעכטיגע שטעלע, וועלכע אַן אַנדערער וואָלט בכלל ניט באַמערקט. איך טראַכט ניט וועגען מיין פאָטער, וועלכער איז אין משוגעים-הויז, ניט וועגען מיין מוטער און שוועסטער, וואָס זיינען פאַרצווייפעלט, נאָר וועגען דעם אומבעדייטענדען זאַץ אין דעם נאָרישען בריוו פון אַ פרוי, וועלכע צייכענט זיך בשום אופן ניט אויס מיט קיין שום זאַך. דאָס פרעסט אין מיר אַלץ אויף, מאַכט מיך ניט פעהיג צו פיהלען ווי אַ זון, ווי אַ מענש... איז דאָס ניט העסליך!

פאַרוואונדערט האָט גענאַרג זיך צוגעהערט. ס'האָט איהם אויסגעזעהן מאָדנע, וואָס אָט דער שווייגענדיגער, פאַרטרויערטער מענש האָט מיט אַמאָל פאַר איהם, אַן אויבערפלעכליכען באַקאַנטען, אויסגעגאָסען זיין האַרץ, און ער האָט זיך געפיהלט אין אַ פּייגליכער פאַרלעגענהייט פון אָט דער אומערוואַרטעטער אָפענהערציגקייט. ער האָט אויך ניט געהאַט דעם איינדרוק, אַז הייניך האָט זיך פאַר איהם מתודה געווען דערפאַר, ווייל ער פיהלט צו איהם אַ באַזונדערע נאָהענטקייט. ער האָט דאָס גיכער געהאַלטען פאַר אַ געוויסע טאַקטלאָזיגקייט, פאַר אַן אומפעהיגקייט זיך אַליין צו באַהערשען, וואָס מ'וואָלט געקענט אָנרופען מיט'ן

וואָרט „שלעכטע־ערציהונג.‟; אימיצער, — איז דאָס ניט געווען האָפּראַט ווילט? — האָט זיך שוין אויסגעדריקט מיט דיזעלבע ווערטער וועגען היינריך׳ן. זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם בורג־טויער. איבער דער שטומער שטאָדט איז געלעגען אַ שטערנלאָזער הימעל. צווישען די ביימער פון פאָלקס־גאָרטען האָט שטיל גערוישט, פון ערגיץ־וואו האָט זיך דערטראָגען דער טומעל פון אַ פאָרענדען וואָגען וועלכער האָט זיך דערווייטערט.

אזוי ווי היינריך איז ווידער אַנשוויגען געוואָרען, האָט זיך געאָרג אָפּגעשטעלט און האָט, ווי ווייט מעגליך, אין אַ פריינדליכען טאָן געזאָגט:

— איצט מוז איך זיך דאָך מיט אייך זעגענען, ליעבער הערר בערמאַן.

— אָ, — האָט היינריך אויסגערופען, — איצט באַמערק איך ערשט, אז איהר האָט מיך אַזוי ווייט באַגלייט, און איך דערצעהל אייך, אָדער ריכטיגער, איך רייד אין אייער אַנוועזענהייט, אומטאַקטישע געשיכטעס, וועלכע קענען אייך גאָר ניט אינטערעסירען... זייט מיר מוחל.

— וואס איז דאָ צו פאַרציייהען, — האָט געאָרג שטיל געענטפערט, און האָט זיך פון היינריך׳ס זעלבסט־אַנקלאַגע דערפיהלט, ווי מ׳וואָלט איהם געכאַפּט ביי עפּעס; ער האָט איהם דערלאַנגט די האַנט. היינריך האָט זי גענומען און געזאָגט:

— אויף ווידערזעהן, ליעבער באַראָן — און ווי ער וואָלט פּלוצלונג דערפיהלט, אז יעדער איבעריגער וואָרט וואָלט געווען צודרינגליך, איז ער אין איילעניש אוועק.

געאָרג האָט איהם נאָכגעקוקט מיט מיטגעפיהל און אין דערזעלבער צייט מיט אַ געוויסער מאָס פון אונצופרידענהייט, און פּלוצלונג האָט איהם אַרומגעכאַפּט אַ פרייע, כמעט גליקליכע שטימונג. ער האָט זיך דערפיהלט יונג, זאָרגלאָז און האָט פאַר זיך געזעהן אַ גליקליכע צוקונפט. ער האָט זיך געפרעהט מיט׳ן ווינטער, וועלכער איז שוין געווען אויפ׳ן שוועל. אין אויסזיכט איז

פאַר איהם געווען אַרבייט, אונטערהאַלטונג, צערטליכקייט, און אין גרונד איז איהם ניט געווען קיין שום נפקא מינא, פון וואַנען אַט די אַלע פריידען וועלען קומען צו איהם. לעבען דער אָפּערא האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע אין ישוב הדעת. אויב ער וועט געהן דורך דער פּאָולינערגאַס אהיים, וועט ער ניט אָנלייגען פיעל וועג. ער האָט געשמייכעלט, דערמאָנענדיג זיך אָן זיינע שפּאַצירען אַרום פענסטער אין די יונגערע יאָהרען. ניט ווייט פון דאַנען איז די גאַס, וואו ער פלעגט ניט זעלטען ביינאַכט אַרויפ־קוקען צו אַ פענסטער, הינטער די פאָרהאַנגען פון וועלכען עס פלעגט זיך באַווייזען מאַריאַנאַ, ווען איהר מאַן איז שוין געווען איינ־געשלאָפען. אָט די פרוי, וועלכע פלעגט זיך שטענדיג שפּילען מיט געפאַר און אַליין ניט גלויבען אין איהר ערנסט, איז באמת קיין מאָל ניט ווערט געווען געאַרג'ן... אָן אַנדערע, פיעל ווייטערע ערינערונג איז איהם געווען אַ סך אָנגענעמער. אין פלאָרענץ, אַלס זיבעצען־יאָהריגער בחור, פלעגט ער אָפט ביינאַכט אַרומ־שפּאַצירען ביים פענסטער פון אַ שענער מיידעל, וועלכע האָט זיך איהם, דעם אומשולדיגען נאָך, אַלס בתולה אָפּגעגעבען. און ער האָט געטראַכט וועגען דער שעה, ווען ער האָט געזעהן זיין גע־ליעבטע געהענדיג מיט איהר חתן צום קלויסטער־אַלטאַר, וואו דער פּריסטער האָט זיי געדאַרפט בענטשען צו דער חתונה. אונטער'ן ווייסען שלייער האָט זי איהם אַ בליק צוגעוואָרפען צום אייביגען צושיידען זיך...

ער איז שוין געווען ביים ציעל. נאָר ביי די ביידע עקען פונ'ם קליינעם געסעל האָבען נאָך געברענט די לאַמטערנעס, אַזוי אַז ער איז געשטאַנען אַנטקעגען דעם הויז איינגעצען אין דער פינס־טער. דאָס פענסטער אין אַנאַ'ס צימער איז געווען אָפען, און ווי ביי טאָג האָבען זיך די צוזאַמענגעשפּילעטע טיול־פאָרהאַנגען לייכט באַוועגט פון דעם ווינט. הינטער זיי איז געווען שטאָק־פינסטער. אַ שטילע צערטליכקייט האָט זיך דערוועקט אין גע־אָרג'ן. פון אַלע פרויען, וועלכע האָבען ניט באַהאַלטען זייער סימ־פּאַטיע צו איהם, האָט זיך איהם אַנאַ אויסגעוויזען די בעסטע און

די ריינסטע. זי איז אויך געווען די ערשטע, וועלכע האָט זיך באמת פאראינטערעסירט מיט זיינע קינסטלערישע שטרעבונגען; איהר אנערקענונג איז אויף יעדען פאַל געווען מעהר אויפריכטיג, איידער מאַיאראנאַ׳ס, ביי וועלכער ס׳פלעגען זיך גיסען טרערען פון די באַקען, וואָס ער זאָל ניט האָבען געשפּילט פאַר איהר אויפ׳ן פּיאַנאָ; פּיעל טיפער פון עלזע עהרענבערג׳ס, וועלכע האָט זיך געוואָלט פארזיכערען די שטאָלצע באַוואוסטקייט, אז זי האָט די ערשטע ענטדעקט זיין טאַלאַנט. און אויב עמיצער, איז דאָס אנאַ מעהר פון אַלעמען געווען פעהיג צו באַקעמפּפען זיין נייגונג צו פוילקייט און נאַכלעסיגקייט און באַאיינפלוסען איהם צו סיס־טעמאַטישער ארבייט, וועלכע זאָל איהם אויך אריינברייגנען הכנסה. שוין לעצטען ווינטער האָט ער געטראַכט וועגען קריגען אַ שטעלע אין אַ דייטשען אָפּערא־טעאַטער, אַלס קאַפּעלמייסטער אָדער קאָנצערט־מייסטער; ער האָט פאַרבייגעהענדיג גערעדט וועגען דעם ביי די עהרענבערגס, אָבער זיי האָבען ניט ערנסט גע־נומען זיין פּלאַן: פראו עהרענבערג האָט מיט מוטערליכען מיט־געפיהל און פּראַקטישען שכל געראַטען איהם בעסער צו מאַכען אַ טור אין אמעריקא אַלס קאָמפּאָזיטאָר און דיריזשענט, און עלזע האָט דערויף באַמערקט: „און אַן אמעריקאַנער יורש׳טע וואָלט אויך ניט געווען קיין שלעכטע זאַך.״ בעת ער האָט זיך וועגען אָט דעם שמועס דערמאָנט, האָט ער זיך מיט פאַרגעניגען אָפּגע־שטעלט אויפ׳ן געדאַנק צו לאָזען זיך אַביסעל איבער דער וועלט, צו באַקענען זיך מיט פרעמדע שטעדט און מענשען, צו געווינען ערגיץ־וואו־ווייט ליעבע און באַריהמטקייט, און ער האָט איינגע־פונען צום סוף, אז זיין לעבען ביזאהער איז געווען צופּיעל רוהיג און איינטאָניג.

ער האָט שוין לאַנג די פּאַאולינערגאַס פאַרלאָזען, ניט זע־געגענדיג זיך אין געדאַנק מיט אַנאַ׳ן, און איז באַלד שוין גע־ווען אין דער היים. ווען ער איז אריין אין עס־צימער, האָט ער דערזעהן, אז אין פעליציאַנ׳ס צימער איז ליכטיג.

— גוט׳ן אבענד, פעליציאַן — האָט ער אַ רוף געטאָן.

די טיר האָט זיך געעפענט, און פעליציאַן, איינגאַנצען נאָך אָנ־געטאָן, איז אַרויסגעקומען.

די ברידער האָבען זיך דערלאַנגט די הענט.

— דו קומסט אויך ערשט אַהיים ? — האָט פעליציאַן גע־זאָגט, — איך האָב געמיינט, אַז דו שלאָפסט שוין לאַנג. — בעת ער האָט גערעדט, האָט ער, ווי זיין שטייגער איז, געקוקט ערגעץ פאַרביי און האָט זיין קאָפּ אָנגעבויגען אויף רעכטס.

— וואָס האָסטו דו דען געטאָן ?

— איך בין געוועזן אין פּראַטער, — האָט געאָרג געענטפערט.

— אַליין ?

— ניין, איך האָב געטראָפען מענשען. אָסקאַר עהרענבערג'ן מיט זיין דאַמע און דעם שרייבער בערמאַן. מיר האָבען אין ציל געשאָסען און אויף דער גליטש־באַן געפאָהרען. ס'איז געווען גאַנץ פרעהליך... וואָס האלטסטו דו אין האַנט ? — האָט ער זיך אַליין די רייד איבערגעשלאָגען, — ביסט דו אַזוי שפּאַצירען געגאַנ־גען ? — האָט ער מיט שפּאַס צוגעגעבען.

אינ'ם ליכט פון דעם לאָמפּ האָט אַ בליסטשע געטאָן פעלי־ציאַנ'ס שווערד, וועלכען ער האָט געהאַלטען אין דער רעכטער האַנט.

— איך האָב איהם אַט ערשט אַראָפּגענומען פון וואַנט. מאָרגען הויב איך ווידער ערנסט אָן. דער טורניר איז שוין אין מיטען נאָוועמבער, און הייער וויל איך פּרובירען צו פאַרמעס־טען זיך אויך מיט פאַרעסטיער'ן.

— צו אַל די רוחות ! — האָט געאָרג אויסגעשריען.

— ס'איז אַ חוצפּה, טראַכסטו דו זיך, אמת ? אָבער ביז מיטען נאָוועמבער איז נאָך ווייט. און דאָס מערקווירדיגסטע איז, וואָס איך האָב דאָס געפיהל, אַז איך האָב היינטיגען זומער, גראַד אין די זעקס וואָכען, ווען איך האָב אין האַנט ניט גענומען דעם שווערד, עפּעס זיך צוגעלערענט. ס'איז, ווי מיין אָרעם וואָלט פאַר דער צייט באַקומען עפּעס נייע אידעען. איך קאָן דאָס דיר ניט געבען ריכטיג צו פאַרשטעהן.

— איך פארשטעה שוין, וואָס דו מיינסט.

פעליציאַן האָט געהאַלטען דעם שווערד אויסגעשטרעקט פאַר זיך און האָט איהם באַקוקט מיט צערטליכקייט.

— ראַלף האָט זיך אויף דיר נאָכגעפרעגט, — האָט ער געזאָגט, — און גווידא אויך... אַ שאָד, וואָס דו ביסט מיט אונז ניט געוועזן.

— האָסט דו דעם גאַנצען נאָכמיטאָג מיט זיי פארבראַכט ?

— אָ, ניין ! נאָכ'ן עסען בין איך געבליבען אין דערהיים. דו ביסט גראַד דעמאָלט, מסתמא, אוועק. איך האָב שטודירט.

— שטודירט ?

— יאָ, איך מוז זיך איצט ערנסט נעמען דערפאַר. אין מאַי שפּעטסטענס וויל איך מיין דיפּלאָם־עקזאַמען האַלטען.

— דו האָסט, אַלזאָ, שוין אויף זיכער באַשלאָסען ?

—— אבסאָלוט. ווייטער צו בלייבען אין מיניסטעריום האָט באמת פאַר מיר קיין זין ניט. וואָס לענגער איך בין דאָרטען, אַלץ קלערער ווערט דאָס פאַר מיר. די צייט וועט, אגב, ניט פאַרלאָרען זיין. זיי רעכענען זיך אַ היפּשע ביסעל דערמיט, ווען איינער האָט אַפריהער דאָ אין לאַנד דורכגעמאַכט עטליכע יאָהר דינסט.

— דו וועסט שוין, אַלזאָ, אין הערבסט, מסתמא, פאַרלאָזען וויען ?

— מ'דאַרף רעכענען.

— און וואוהין וועלען זיי דיך שיקען ?

— יאָ, ווען מ'וואָלט דאָס געקענט וויסען.

געאָרג האָט געקוקט פאַר זיך. אזוי נאָהענט אַלזאָ איז שוין געוועזן דאָס צושיידען זיך ! נאָר פאַרוואָס האָט דאָס איהם פּלוצלונג אזוי שטאַרק אָנגעריררט ?... ער אַליין האָט דאָך באַשלאָסען אוועקצופאָהרען, און ערשט ניט לאַנג האָט ער מיט'ן ברודער גערעדט וועגען זיינע פּלענער פאַר'ן קומענדיגען יאָהר. ניט שוין זשע גלויבט נאָך אַלץ ניט דער ברודער אין דעם ערנסט פון זיינע שטרעבונגען ? ווען מ'וואָלט זיך מיט איהם נאָכאַמאָל געקענט

דורכריידען, ברידערליך, הארציג, ווי אין יענעם אבענד נאָכ'ן פאַ־טערס לויה. באמת, נאָר אין די טראַגישע מינוטען פון לעבען האָ־בען זיי זיך דערפיהלט נאָהענט. אזוי איז צווישען זיי שטענדיג געווען אַ מין מערקווירדיגע אָפּגעפרעמדקייט. ס'האָט אנדערס, ווי ס'ווייזט אויס, ניט געקאָנט זיין. מ'האָט זיך געמוזט באַנוגע־נען, שמועסענדיג צווישען זיך אויפ'ן שטייגער פון גוטע באַקאַנ־טע. און ווי זיך מיאש זייענדיג, האָט געאָרג ווייטער געפרעגט:

— וואָס האָסט דו אין אבענד געטאָן?

— איך האָב מיט גווידאָ און מיט אַן אינטערעסאנטער יונגער דאמע אבענד־מאָלצייט געגעסען.

— אזוי?

— ער איז שוין ווידער אין צאַרטע קייטען.

— ווער איז דאָס?

— אַ שילערין פון קאָנסערוואַטאָריום, אַ אַי־ישע מיידעל, אַ פידעלשפּילערין. זי האָט אָבער ניט געהאט דאָס פידעל מיט זיך. ניט איבעריגס שען, אָבער ליעב. זי לערנט איהם און ער האָט דרך־ארץ פאַר איהר. ער וויל, זי זאָל זיך שמד'ן. אַ קאָמישעס פּאַרהעלטניס, זאָג איך דיר. דו וואָלסט זיך גאַנץ גוט אַמיזירט.

געאָרג האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן שווערד, וואָס פעליציאַן האָט נאָך אַלץ געהאלטען אין האַנט.

— האָסט דו נאָך אפשר חשק אביסעל צו פעכטען? — האָט ער געפרעגט.

— פאַרוואָס ניט? — האָט פעליציאַן געענטפערט און גע־בראַכט פון זיין צימער אַ צווייטען שווערד. געאָרג האָט דערווייל אָפּגערוקט צום וואַנט דעם גרויסען טיש.

— פון מאַי אַן האָב איך דאָס ניט געהאלטען אין האַנט, — האָט ער געזאָגט נעמענדיג דעם שווערד. זיי האָבען אויסגעטאָן די רעקלאַך און האָבען געקרייצט די קלינגען. אין אַ רגע ארום האָט פעליציאַן שוין אָנגערירט דעם ברודערס האַנט.

— נאָך, נאָך! — האָט געאָרג אויסגערופען און האָט זיך גע־פיהלט, ווי גליקליך, וואָס ער קען שטעהן אַנטקעגען זיין ברו־

דער אין אַ העלדישער פּאָזע, מיט אַ בלאַנקענדען שווערד אין דער האַנט.

פעליציאַן האָט געטראָפען דעם ברודער מיט'ן שווערד אַזוי אָפּט ווי איהם האָט זיך נאָר געוואָלט, בעת געאָרג'ן איז ניט געלונגען קיין איינמאָל אָנצורירען איהם. ער האָט אַראָפּגעלאָזען דעם שווערד און האָט געזאָגט:

— דו ביסט היינט צו מיד, ס'האָט קיין זין ניט. דו זאָלסט אָבער ווידער מיט מעהר התמדה קומען אין קלוב. איך פאַרזיכער דיך, ס'איז אַ שאָד דיינע פעהיגקייטען.

געאָרג האָט זיך געפרעהט פון דעם ברודערס קאָמפּלימענט. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם שווערד אויפ'ן טיש, האָט טיף אָפּגעאָטעמט און איז צוגעגאַנגען צו דעם אָפענעם, ברייטען מיטעלסטען פענסטער

— די לופט איז וואונדערבאר! — האָט ער געזאָגט.

אין פּאַרק האָט געשימערט אַן איינזאַמע לאַמטערנע, ס'איז געווען אַ טיפע שטילקייט.

פעליציאַן איז צוגעגאַנגען צו געאָרג'ן, און בעת יענער האָט זיך מיט ביידע הענט אָנגעלענט אויפ'ן פענסטער, איז דער עלטערער ברודער געבליבען שטעהען אויסגעשטרעקט און האָט מיט זיין רוהיג־שטאָלצען בליק אַ קוק געטאָן איבער'ן גאַס, פּאַרק און שטאָדט. זיי האָבען ביידע לאַנג געשוויגען. זיי האָבען געוואוסט, אַז ביידע טראַכטען זיי וועגען איין זאַך: וועגען דער מאַינאַכט היינטיגען פריהלינג, ווען זיי זיינען ביידע דורכ'ן פּאַרק אַהיים געגאַנגען, און דער פאָטער האָט זיי פון דעמזעלבען פענסטער, ביי וועלכען זיי זיינען איצטער געשטאַנען, מיט אַ שטורמען שאָקעל מיט'ן קאָפּ באַגריסט. און ביידע האָבען אַביסעל אַ ציטער געטאָן ביים געדאַנק, אַז זיי האָבען היינט דעם גאַנצען טאָג אַזוי פרעהליך פאַרבראַכט, ניט דערמאָנענדיג זיך מיט וועהטאָג אויף דעם געליעבטען מענשען, וועלכער איז איצטער אונטער דער ערד געלעגען.

— אַלזאָ, אַ גוטע נאַכט, — האָט פעליציאַן געזאָגט, ווייכער

ווי געוויינליך און האָט דערלאַנגט געאָרג'ן די האַנט. יענער האָט זי אָהן ווערטער געדריקט און יעדערער איז אַוועק אין זיין צי־מער.

געאָרג האָט אָנגעצונדען דעם לאָמפּ אויפ'ן שרייבטיש, האָט ארויסגענומען נאָטען־בלעטלאך און האָט אָנגעהויבען צו שרייבען. דאָס איז ניט געווען דאָס סקערצאָ, וואָס איז איהם איינגעפאַלען, בעת ער האָט זיך מיט דריי שעה צוריק געטראָגען אין דער פינס־טערניש אונטער'ן געררויש פון ווינט, ס'איז אויך ניט געווען דער מעלאַנכאָלישער פאָלקס־ליעד־מאָטיוו, וועלכען ער האָט געשפּילט אין רעסטאָראַן; דאָס איז געווען גאָר אינגאַנצען אַ נייער מאָ־טיוו, וואָס איז לאַנגזאַם און ניט איינגעהאַלטען ארויסגעשוואָר־מען, ווי פון געהיימע באַהעלטענישען. געאָרג האָט געפּיהלט, ווי ער וואָלט זיך געמוזט באַפרייען פון עפּעס אומבעגרייפליכעס. ער האָט אָנגעשריבען די מעלאָדיע, וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פון אַן אַלט־שטים געזונגען, אָדער אויף אַ וויאָלאַ געשפּילט; און אַ מערקווירדיגער אַקאָמפּאַנימענט האָט איהם מיטגעקלונגען, וועלכער, — ער האָט דאָס געוואוסט, — וועט קיינמאָל ניט פאַר־שווינדען פון זיין זכרון.

ס'איז געווען פיער פאַרטאָג, ווען ער האָט זיך געלייגט, באַ־רוהיגט, ווי איינער וועמען קיין שלעכטס קען ניט באַגעגענען אין לעבען, און אויף ווענען איינזאַמקייט, אָרימקייט און טוידט האָ־בען קיין שליטה ניט...

## צווייטער קאַפּיטעל.

אין דעם אויבערשטען צימער, אויף אַ גרין־סאַמעטענער סאָפאַ, איז געזעסען פרוי עהרענבערג און האָט אויסגענייט. אנטקעגען איהר איז געזעסען עלזע און האָט געלייענט אַ בוך. פון דעם טיפען און טונקעלען טייל פונ׳ם צימער, הינטער׳ן פּיאַנאָ, האָט אַרויסגעשיינט דער ווייסער קאָפּ פון דער מאַרמאָרנער איזיס, און דורך דער אָפענער טיר פון דעם דערבייאיגען צימער האָט זיך געצויגען אַ פּאַס ליכט אויפ׳ן גראָען טעפּיך. עלזע האָט זיך אָפּגעקערט אַ ווײַלע פון בוך, האָט אַ קוק געטאָן דורכ׳ן פענסטער אויף די הויכע בוימער־שפּיצען אין שוואַרצענבערג־פּאַרק, וועלכע האָבען זיך געשאָקעלט פון הערבסט־ווינט, און האָט פאַרבייגעהענדיג געזאָגט:

— מ׳האָט געקענט אפשר געאַרג ווערגענטין׳ען אָפּטעלעפאָנירען, ער זאָל קומען היינט אַבענד.

פרוי עהרענבערג האָט אַראָפּגעלאָזען אויפ׳ן שויס איהר שטיקעריי.

— איך ווייס ניט, — האָט זי געזאָגט. — דו געדענקסט דאָך, וואָס פאַר אַ באמת אויסגעצייכענטען טרויסט־בריוו איך האָב איהם געשריבען און ווי שטאַרק איך האָב איהם געבעטען צו קומען צו אונז אויפ׳ן אוהאָף. ער איז ניט געקומען, און זיין ענטפער איז געווען מערקווירדיג קאַלט. איך וועל איהם ניט טעלעפאָנירען.

— מ׳קען איהם ניט באַהאַנדלען, ווי די אַנדערע, — האָט עלזע געענטפערט. — ער געהערט צו די מענשען, וועמען מ׳דאַרף

פון צייט צו צייט דערמאָנען, אז מ'לעבט אויף דער וועלט. ווען מ'האָט איהם שוין דערמאָנט, דעמאָלט פרעהט ער זיך דערמיט.

פרוי עהרענבערג האָט ווייטער אויסגענייט.

— ס'וועט דאָך סיי ווי סיי גאָרנישט ניט ווערען, — האָט זי רוהיג געזאָגט.

— עס זאָל טאַקי גאָרנישט ניט ווערען, — האָט עלזע גע־ענטפערט. — ווייסט דו דאָס נאָך אַלץ ניט, מוטער? ער איז מיין גוטער פריינד, ניט מעהר — און דאָס אויך ניט אַלעמאָל, מיט געוויסע הפסקות. אָדער מיינסט דו באמת, מוטער, אז איך בין אין איהם פאַרליבט? יא, אַלס קליינע מיידעל אין ניצא, ווען מיר האָבען צוזאַמען טענים געשפּילט, בין איך אין איהם פאַר־ליבט געווען, אָבער דאָס איז שוין לאַנג אַוועק.

— נו, און אין פלאָרענץ?

— אין פלאָרענץ בין איך גיכער אין פעליציאַן'ען פאַרליבט געווען.

— און איצט? — האָט פרוי עהרענבערג לאַנגזאַם גע־פרעגט.

— איצט...? דו מיינסט, מסתמא, אין היינריך בערמאַן... דו האָסט, אַלזאָ, אַ טעות, מוטער.

— איך וואָלט צופרידען געווען, ווען איך בין אין טעות. אָבער היינטיגען זומער האָב איך באמת געהאַט דעם איינדרוק, אז...

— איך האָב דיר שוין געזאָגט — האָט עלזע זי איבער־שלאָגען אַביסעל אומגעדולדיג. עס איז גאָרנישט, און ס'איז גע־ווען גאָרנישט. איין איינציג מאָל, אין דעם הייסען נאָכמיטאָג, ווען מיר זיינען אויפ'ן שיפעל געפאָהרען — דו האָסט אונז פונ'ם באַלקאָן געזעהן, אפילו מיט אַ לאָרנעטע געקוקט — דעמאָלט איז אַביסעל געפערליך געווען. אָבער, ווען מיר וואָלטען זיך אפילו אמאָל ארומגעהאַלזט, וואָס איז אגב, קיינמאָל ניט פאָרגעקומען, וואָלט דאָס אויך גאָרנישט באַדייט. ס'איז געווען אַ זומער־אינ־צידענט, און דאָס גאָר.

— ער האָט, אגב, אויך א זעהר ערנסט ליעבעס־פארהעלט־ניס, — האָט פרוי עהרענבערג געזאָגט.

— דו מיינסט... מיט דער שווישפילערין, מוטער?

פרוי עהרענבערג האָט זי אָנגעקוקט.

— האָט ער דיר דערצעלט וועגען איהר?

— דערצעהלט...? אזוי דירעקט ניט. אָבער, ווען מיר זיינען צוזאמען געגאנגען שפאצירען אין פארק, אָדער אין אבענד ביים ים, האָט ער כמעט נאָר פון איהר גערעדט. פארשטעהט זיך, ניט אָנרופענדיג איהר מיט'ן נאָמען... און וואָס מעהר איך בין איהם געפעלען געווען — די מענער זיינען דאָך אזא קאָמיש פאָלק — אַלץ מעהר אייפערזיכטיג איז ער געווען אויף דער אַנדערער... אגב, ווען דאָס אַליין וואָלט נאָר געווען די מניעה! וועלכער יונגערמאַן האָט ניט קיין ערנסט ליעבעס־פארהעלטניס? גלויבסט דו אפשר, מוטער, אז געאָרג ווערנער... האָט ניט?

— אָן ערנסט פארהעלטניס?... ניין. מיט איהם וועט דאָס קיינמאָל ניט טרעפען. ער איז צו קאַלט דערצו, צו מיושב'דיג... און האָט צו ווייניג טעמפעראמענט.

— גראָד דערפאַר, — האָט עלזע ערקלערט אין א טאָן פון א קענערין פון מענשען. — ער וועט זיך אין עפּעס אריינציהען און וועט אַליין ניט באמערקען, ווי ס'וועט איהם פארפּלאָנטערן. און אין איין שענעם טאָג וועט ער זיין פארהייראַט... פון ריינער נאַכלעסיגקייט... מיט עפּעס א פערזאָן, וועלכע וועט איהם, מסתמא, גאנץ גלייכגילטיג זיין."

— דו מוזט האָבען א באַשטימטען חשד, — האָט פרוי עהרענבערג געזאָגט.

— יא, איך האָב טאקי.

— מאַריאַנא?

— מאַריאַנא! אָבער דאָס איז דאָך שוין לאַנג אוועק, מוטער. און באזונדערס ערנסט איז דאָס קיינמאָל ניט געווען.

— אַלזאָ, ווער דען איז דאָס?

— נו, ווער, רעכענסט דו, איז דאָס, מוטער?

— איך האָב קיין שום באַגריף.

— דאָס איז אַנאַ, — האָט עלזע קורץ געזאָגט.

— וועלכע אַנאַ?

— אַנאַ ראָסנער, פאַרשטעהט זיך.

— אַך!

— דו קענסט זיך אַך'ען וויפיעל דו ווילסט, ס'איז פאָרט אַזוי.

— עלזע, דו גלויבסט דאָך ניט ערנסט, אַז אַנאַ, אַזאַ איינ־געהאַלטענע נאַטור, זאָל זיך אַזוי ווייט פאַרגעסען...!

— אַזוי ווייט זיך פאַרגעסען...! ניין, מוטער, דו האָסט אַמאָל אַזעלכע מאָדנע אויסדריקען! אגב, געפין איך, אַז מ'דאַרף גאָר דערצו ניט זיין אַזוי פאַרגעסענדיג.

פרוי עהרענבערג האָט געשמייכעלט, ניט אָהן אַ געוויסען שטאָלץ.

דרויסען האָט אַ קלונג געטאָן דער גלעקעל.

— צום סוף איז ער דאָס דאָך, — האָט עלזע געזאָגט.

— דאָס קען אויך דעמעטער סטאַנצידעס זיין, — האָט פרוי עהרענבערג באַמערקט.

— סטאַנצידעס האָט געדאַרפט אַמאָל מיטברייננגען מיט זיך דעם פּרינץ צו אונז, — האָט עלזע פאַרבייגעהענדיג געזאָגט.

— דו גלויבסט, אַז דאָס איז מעגליך? — האָט פרוי עהרענ־בערג געפרעגט און האָט אַראָפּגעלאָזען איהר שטיקעריי אויפ'ן שויס.

— פאַרוואָס דען ניט? — האָט עלזע געזאָגט, — זיי זיינען דאָך אַזוי באַפריינדעט.

די טיר האָט זיך געעפענט, אָבער ס'איז קיינער ניט אריין פון די, וועמען זיי האָבען ערוואַרט, נאָר עדמונד נירנבערגער. ער איז געוועזן, ווי שטענדיג, זעהר פיין, אויב ניט נאָך דער לעצטער מאָדע אָנגעטאָן. זיין שפּאַציר־ראָק איז געוועזן אַביסעל צו קורץ, און אין זיין שוואַרץ־אַטלעסענעם רייכען קראַוואַט האָט געשטעקט אַ סמאַראַגד־נאָדעל. שוין ביין טיר האָט ער זיך פאַרנייגט, און

אויף זיין פנים האָט מען געקענט באַמערקען אַ געוויסען שפּאָט איבער זיין אייגענער העפליכקייט.

— בין איך דער ערשטער? — האָט ער געפרעגט. — ס'איז נאָך קיינער ניטאָ? ניט קיין האַפּראַט, ניט קיין גראַף, ניט קיין דיכטער און ניט קיין דעמאַנישע פרוי?

— נאָר איינע, וועלכע איז לײַדער קיינמאָל ניט געווען דע־מאַניש, — האָט פרוי עהרענבערג געענטפערט, דערלאַנגענדיג איהם די האַנט, — און איינע... וועלכע וועט דאָס אפשר אַמאָל ווערען.

— אָ, איך בין איבערצייגט, — האָט נירענבערגער געזאָגט, אַז פרײַלין עלזע וועט דאָס געוויס דערגרייכען, אויב זי וועט נאָר ערנסט וועלען. — און ער האָט לאַנגזאַם אַ גלעט געטאָן מיט דער לינקער האַנט זיינע שווארצע, גלאַטע, אַביסעל גלענצענ־דע האָר.

פרוי עהרענבערג האָט אויסגעדריקט איהר באַדויערען, וואָס מ'האָט אויף איהם אומזיסט געוואַרט אויפ'ן אוהאָף. איז ער באמת דעם גאַנצען זומער געווען אין וויען?

— פאַרוואָס וואונדערט דאָס אייך, ליעבע פרוי? צי איך שפּאַציר זיך אום אין די בערג, אָדער ביים ברעג פון ים, אָדער אין מיינע פיר ווענט, דאָס איז דאָך אין גרונד גענומען כמעט גלייכגילטיג.

— איהר האָט זיך אָבער געמוזט היבש איינזאַם פיהלען, — האָט פרוי עהרענבערג געזאָגט.

— די איינזאַמקייט פיהלט זיך, אגב, שטאַרקער, ווען לעבען זיך איז קיינער ניטאָ, וועלכער ווייזט אַרויס וועלכען עס איז חשק צו מאַכען מיט אייך אַ שמועס... אָבער לאָמיר בעס־סער ריידען פון אינטערעסאַנטערע מענשען, וואָס גיבען מעהר האָפנונג, איידער איך. וואָס מאַכען די פיעלע פריינד פון אייער באַליעבטען הויז?

— פריינד! — האָט עלזע ווידערהאָלט, — מ'מוז דאָך אַפּריהער ויסען, ווען איהר מיינט דערמיט.

— נו, אלע מענשען, וואָס זאָגען אייך ביי וועלכער עס איז געלעגענהייט אנגענעהמע זאכען, און איהר גלויבט זיי.

די טיר פונ'ם שלאָפצימער האָט זיך געעפענט, ס'איז אריינגעקומען דער אַלטער עהרענבערג און האָט באגריסט נירנבערגער'ן.

— האָסט זיך שוין איינגעפּאַקט? — האָט עלזע געפרעגט.

— איך בין פיקס און פארטיג, — האָט עהרענבערג געענטפערט; ער האָט געטראָגען א צו ברייטען גראָען אנצוג און האָט צווישען די ציין געהאלטען א גראָבע ציגאַר. ער האָט זיך געווענדט צו נירנבערגער'ן און ערקלערט:

— ווי איהר זעהט מיך, פאָהר איך היינט אוועק אין קאַרפּו... אויף דערוויילע. דער סעזאָן הויבט זיך אָן, און מיר ווילט זיך זיין פון דערווייטען פון די גאַסט־אבענדען אינ'ם הויז עהרענבערג.

— ס'פארלאנגט דאָך קיינער ניט, — האָט פרוי עהרענבערג מילד געענטפערט, אז דו זאָלסט זיי באעהרען מיט דיין אנוועזענהייט.

— ס'איז טאקי אמת אזוי, לאָמיר זאָגען, — האָט עהרענבערג געענטפערט און פאררויכערט זיין סיגאַר. — פון דיינע גאַסט־אבענדען קען איך זיך טאקי אָפּזאָגען, אָבער, ווען איך האָב גראד חשק אמאָל א דאָנערשטאָג צו עסען רוהיג מיין אבענד־מאָלצייט אין דערהיים, און אין איין ווינקעל זיצט אַן אַטאַשע, אין אנדערען א הוזאַר, דאָרטען שפּילט זיך איינער זיינע קאָמפּאָזיציעס אויפ'ן פּיאַנאָ, אויפ'ן סאָפאַ רעדט זיך אַן אנדער זיינע וויצען, און ביים פענסטער מאכט זיך פרוי אָבערבערג איהרע ראַנדעוואוס מיט וועמען עס טרעפט זיך... טאָ מאכט דאָס מיך נערוועז. אמאָל פארטראָגט מען דאָס, א צווייטען מאָל ניט.

— רעכענט איהר דאָרטען דעם גאַנצען ווינטער צו פאַרבלייבען? — האָט נירנבערגער געפרעגט.

— ס'איז מעגליך, איך האָב אייגענטליך בדעה ווייטער צו פאָהרען, אין עגיפּטען, סיריע, ס'קען זיין אויך אין פּאַלעסטינא. יא, אפשר צוליעב דעם, וואָס מ'ווערט עלטער, אפשר צוליעב

דעם, וואָס מ'לעזט זיך אָן אַזויפיל וועגן ציוניזם, אָבער איך קען זיך ניט העלפען, איך וואָלט געוואָלט זעהן ירושלים איידער איך שטאַרב.

פרוי עהרענבערג האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען.

— דאָס זיינען זאַכען, — האָט עהרענבערג געזאָגט, — וועל־כע מיין פרוי פאַרשטעהט ניט — און מיינע קינדער נאָך ווייניגער. וואָס ווייסט דו דערפון, עלזע, דו אויך ניט. אָבער ווען מ'לעזט זיך אָן, וואָס ס'קומט פאַר אין דער וועלט, הויבט מען אַמאָל אָן אַליין צו גלויבען, אַז ס'איז ניטאָ פאַר אונז קיין אַנדער אויסוועג.

— פאַר אונז? — האָט נירענבערגער ווידערהאָלט. — איך האָב ביזאַהער ניט באַמערקט, אַז אייך זאָל דער אַנטיסעמיטיזם פיעל געשאַדט האָבען.

— איהר מיינט, ווייל איך בין געוואָרען רייך? ווען איך זאָל אייך זאָגען, אַז דאָס געלט קימערט מיך ניט, וועט איהר מיר, פאַרשטעהט זיך, ניט גלויבען, און איהר וועט זיין גערעכט. אָבער ווי איהר זעהט מיך דאָ, שווער איך אייך, אַ האַלבען פאַרמעגען מיינעם וואָלט איך אָפּגעגעבען, כדי צו זעהן די ערגסטע פון אונ־זערע שונאים אויפגעהאַנגען.

— איך האָב נאָר מורא — האָט נירענבערגער באַמערקט, — אַז איהר וועט לאָזען אויפהענגען ניט די, וואָס מ'דאַרף.

— די סכנה איז ניט אַזוי גרויס, — האָט עהרענבערג גע־ענטפערט. — און ווען איהר וועט גלאַט איינעם אָנכאַפּען פון דער זייט, וועט איהר אויך איינעם פון זיי פּאַקען.

— איך באַמערק שוין ניט צום ערשטען מאָל, ליעבער הער עהרענבערג, אַז איהר באַהאַנדעלט אָט די פראַגע ניט מיט דער נוי־טיגער אָביעקטיוויטעט.

עהרענבערג האָט צוביסען פלוצלונג זיין ציגאַר און האָט זי מיט פון כעס ציטערנדיגע פינגער אוועקגעלייגט אין אַש־בעכער.

— ווען עמיצער קומט צו מיר מיט אַזעלכע טענות... און דערצו נאָך... זייט מיר מוחל... אָדער זייט איהר אפשר גע'שמדט...? מ'קאָן דאָך היינטיגע צייטען ניט וויסען...

— איך בין ניט געטויפט, — האָט נירענבערגער רוהיג גע־ענטפערט. — אָבער אויף יעדען פאַל בין איך אויך ניט קיין איד. איך האָב זיך שוין לאַנג ערקלערט פריי פון יעדער רעליגיע, ווייל איך האָב זיך קיינמאָל ניט געפיהלט אַלס אַ איד.

— ווען מ׳וועט אייך אמאָל אויף דער רינגשטראַסע דעם צילינדער צוקוועטשען דערפאַר, וואָס איהר האָט, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, אַ אידישע נאָז, וועט איהר שוין, — איהר מעגט זיך שוין אויף דעם פאַרלאָזען, — געוויס זיך דערפיהלען אַלס איד.

— אָבער, וואָס רעגסט דו זיך אזוי אויף, פאָטער — האָט עלזע געזאָגט און האָט איהם אַ גלעט געטאָן איבער זיין פליכע־וואַטען, רויטליך גלאַנצענדען שיידעל.

דער אַלטער עהרענבערג האָט אָנגענומען איהר האַנט, האָט זי אַ גלעט געטאָן און האָט לפנים גאַנץ גלייכגילטיג אַ פרעג גע־טאָן:

— וועל איך, אגב, נאָך האָבען דאָס פאַרגניגען צו זעהן פאַר׳ן אוועקפאָר מיין זון?

פרוי עהרענבערג האָט געענטפערט:

— אָסקאַר קומט באַשטימט באַלד אהיים.

— ס׳וועט אייך געוויס פרעהען צו דערוויסען זיך, — האָט זיך עהרענבערג געווענדט צו נירענבערגער׳ן, — אַז אויך מיין זון אָסקאַר איז אַן אַנטיסעמיט.

פרוי עהרענבערג האָט לייכט אָפּגעזיפצט.

— דאָס איז ביי איהם עפּעס אַ מיחוש — האָט זי געזאָגט צו נירענבערגער׳ן, — אומעטום זעהט ער אַנטיסעמיטען, אַפילו אין זיין אייגענער פאַמיליע.

— דאָס איז די נייסטע נאַציאָנאַלע קראַנקהייט ביי אידען, — האָט נירענבערגער געזאָגט. — מיר אַליין האָט זיך ביזאהער איינגעגעבען צו זעהן נאָר איין איינציגען עכטען אַנטיסעמיט. איך קען פון אייך ניט פאַרבאָרגען, ליעבער הער עהרענ־בערג, אַז דאָס איז געוועזן אַ באַוואוסטער ציוניסטען־פיהרער.

עהרענבערג האָט נאָר פיעל־באַדייטענד אַ מאַך געטאָן מיט׳ן האַנט.

דעמעטר סטאַנצידעס און ווילי אייסלער זיינען אַריינגעקו־מען, און אַ לעבהאַפטער גלאַנץ האָט זיך גלייך פאַרשפּרייט אַרום זיי. לייכט און פּראַכטיג איז אויף דעמעטר׳ן געלעגען זיין מונ־דיר, ס׳האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי ער וואָלט ציווילע און ניט מיליטערישע קליידער געטראָגען; ווילי אין סמאָקינג, הויך, בלאַס און אַביסעל מאַט, אַזוי ווי ניט אויסגעשלאָפען, האָט תיכף איבערגענומען די פיהרערשאַפט אין דעם געשפּרעך, און זיין שטים, הייזעריג־אַנגענעהם, באַפעהלעריש און אין דערזעלבער צייט פריינדליך־ליעב, האָט געקלונגען אין דער לופט. ער האָט דער־צעהלט וועגען די הכנות צו אַן אַריסטאָקראַטישער פאָרשטעלונג, אין וועלכער ער באַטייליגט זיך, פּונקט אַזוי ווי פאַראַיאָהרען, אַלס ראַטנגעבער, רעזשיסאָר און אַרטיסט; ער האָט געשילדערט אַ זיצונג פון׳ם קאָמיטעט פון די יונגע־לייט, וואָס האָט אויסגעזעהן, אויב מ׳זאָל איהם גלויבען, ווי אַ פאַרזאַמלונג פון חסר דעה׳ס.

ער האָט פאַרגעשטעלט אַ קאָמישען שמועס צווישען צוויי גרע־פינס, און האָט אויסגעצייכענט נאָכגעמאַכט זייער אַרט ריידען. עהרענבערג האָט פון ווילי אייסלער׳ס מעשות שטענדיג הנאה געהאַט. דער ניט קלאָרער באַוואוסטזיין, אַז אָט דער אונגאַרישער איד לאַכט זיך אויס פון דער פאַרהאַסטער באַנדע אַריסטאָקראַ־טען און, וויפיעל זיי זאָלען זיך אַנטקעגען איהם ניט קלינגען, מאַכט ער זיי שטענדיג צום נאַר, — דאָס האָט דעם יונגען מאַן אויפ־געהויבען אין עהרענבערג׳ס אויגען.

עלזע איז געזעסען ביים קליינעם טישעל אין ווינקעל מיט דעמעטר׳ן און האָט געהערט זיין דערצעהלונג וועגען „אינזעל ווהייט.”

— איהר זייט דאָרטען געוועזען מיט אייער פריינד? — האָט זי געפרעגט. — מיט׳ן פּרינץ קאַרל־פרידריך?

— מיין פריינד, דער פּרינץ?... דאָס איז ניט גאָר אינגאַנ־

צען אזוי, פרייל‏ין על‏זע. דער פּרינץ האָט ניט קיין פריינד, און איך האָב אויך ניט. מיר ביידע זיינען ניט פון דעם סאָרט.

— ער מוז זיין אַן אינטערעסאַנטער מענש, לויט דעם אַל‏ע־מען, וואָס מ׳הערט וועגן איהם.

— אינטערעסאַנט, דאָס קען איך ניט זאָגען. יעדענפאַלס האָט ער נאָכגעדענקט וועגען אַזעל‏כע זאכען, וואָס געוועגל‏יך קו־מען זיי אפילו ניט ארויף אויפ׳ן זינען. ער וואָלט אויך אפשר געקענט עפּעס שאַפען, ווען מ׳גיט איהם די מעגל‏יכקייט. אגב, ווער ווייס, ס׳איז אפשר בעסער, וואָס מ׳האָט איהם געבונדען די הענט — בעסער פאַר איהם און סוף כל סוף אויך פאַר דער לאַנד. איינער אליין קען דאָך גאָרנישט ניט אויפטאָן: ערגעץ ניט און קיינמאָל ניט. אויף אַזא אופן איז שוין בעסער, אז מ׳לאָזט דאָס געהן, ווי ס׳געהט און מען רוקט זיך אָפּ אָן א זייט, ווי ער האָט געטאָן.

עלזע האָט איהם אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג.

— איהר האָט זיך היינט אזוי צופילאָזאָפירט, וואָס איז דער מעהר? מיר דוכט זיך, ווילי אייסלער האָט אייך איבערגעפיהרט.

— ווילי מיך?

— יאָ, ווייסט איהר, איהר האָט זיך גאָרניט געדאַרפט טרע־פען מיט אַזעל‏כע קלוגע לייט.

— פאַרוואָס דען ניט?

— פאַר אייך פּאַסט בעסער פשוט צו זיין יונג, גלאַנצען, לעבען, און נאָכדעם, ווען דאָס וועט זיך ענדיגען — טאָן, וואָס עס וועט זיך אייך פאַרגעלוסטען... אָבער ניט נאָכדענקען וועגען זיך און דער וועלט.

— דאָס האָט איהר מיר פריהער געדאַרפט זאָגען, פרייל‏ין על‏זע. ווען מ׳האָט שוין איינמאָל אָנגעהויבען קלוג צו ווערען...

על‏זע האָט א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— אָבער ביי אייך האָט מען דאָס אפשר געקענט פאַרמייד־

דען, — האָט זי געזאָגט אין אַ גאַנץ ערנסטען טאָן, און נאָכדעם האָבען זיי זיך ביידע צולאַכט.

עס זיינען אַנגעצונדען געוואָרען די ליכט אין דעם קראַנ־לייכטער. געאָרג פאָן ווערגענטין און היינריך בערמאַן זיינען אריינגעקומען. איינגעלאַדען דורך איהר שמייכעל, האָט זיך געאָרג אוועקגעזעצט לעבען עליזע׳ן.

— איך האָב געוואוסט, אַז איהר וועט קומען — האָט זי ניט אויפריכטיג, אָבער האַרציג געזאָגט און האָט איהם געדריקט די האַנט. דאָס, וואָס ער איז ווידער נאָך אַזאַ לאַנגער צייט גע־זעסען אַנטקעגען איהר, דאָס וואָס זי האָט ווידער געקענט זעהן זיין ליעבליך־שטאָלצען פּנים און הערען זיין שטילע, אָבער וואַרע־מע שטים, האָט זי דערפרייט מעהר, ווי זי האָט אַליין ערוואַרט.

ס׳איז אַריינגעקומען פרוי וויינער; קליין, לוסטיג, מיט רויטע באַקען און אַביסעל שעמעוודיג. איהר טאָכטער זיסי איז אויך געווען מיט איהר. באַגריסענדיג איינער דעם אַנדערען, האָט זיך די געזעלשאַפט צוטיילט אין גרופּעס.

— נו, האָט איהר שוין פאַר מיר אָנגעשריבען אַ ראָמאַנס? — האָט זיסי געפרעגט געאָרג׳ן מיט לאַכענדיגע אויגען און לאַ־כענדיגע ליפּען.

זי האָט זיך געשפּילט מיט דער הענטשקע און האָט זיך, ווי אַ שלאַנג, באַוועגט אין איהר טונקעל־גרינעם שימערנדען קלייד.

— אַ ראָמאַנס? — האָט געאָרג געפרעגט. ער האָט זיך באמת ניט געקאָנט דערמאָנען, אַז ער האָט עפּעס צוגעזאָגט זיסי׳ן.

— אָדער אַ וואַלס, אָדער עפּעס אַזוינס. איהר האָט מיר אָבער צוגעזאָגט, אַז עפּעס וועט איהר פון מיינטוועגען אָנשריי־בען.

בעת זי האָט גערעדט, האָבען איהרע אויגען אַרומגע־בלאָנדזשעט. זיי האָבען אַ גליה געטאָן פאַר ווילי׳ן, פאַרביי־געהענדיג אַ שמייכעל געטאָן צו דעמעטער׳ן, האָבען זיך מיט אַ רעטזעלהאַפטער פראַגע אָפּגעשטעלט אויף היינריך בערמאַן.

ס'האָט זיך געדוכט, ווי בלאָנדזשענדיגע פייערלאַך וואָלטען אַרומ־געטאַנצט איבער'ן זאַל.

פרוי ווינער, טיף רויט ווערענדיג, איז פּלוצלונג צוגעגאַנגען צו דער טאָכטער:

— זיסי איז אַזוי נאַריש... וואָס טראַכסט דו זיך, זיסי? דער באַראָן האָט הייער געהאַט וויכטיגערע זאַכען צו טאָן, איידער קאָמפּאַנירען ליעדער פאַר דיר.

— וואָס רעדט איהר? — האָט געאָרג העפליך געזאָגט.

— איהר האָט אייער פאָטער פאַרלאָרען, דאָס איז ניט קיין קליינינקייט.

געאָרג האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען. פרוי ווינער, אום גאָרנישט קימערנדיג זיך, האָט ווייטער גערעדט:

— אייער פאָטער איז דאָך נאָך געווען גאָר ניט אַלט, ניט אמת? און אַזאַ שיינער מאַן... איז דאָס אמת, אַז ער איז גע־ווען אַ כעמיקער?

— ניין, — האָט געאָרג קורץ געענטפערט, — ער איז גע־ווען דער פּרעזידענט פון דער באָטאַנישער געזעלשאַפט.

היינריך, אָנשפּאַרענדיג זיך מיט איין אָרים אויפ'ן פאַרמאַכ־טען פּיאַנאָ־דעקעל, האָט גערעדט מיט עלזע'ן.

— איהר זייט דאָך געווען אין דייטשלאַנד? — האָט זי גע־פרעגט.

— אָ, — האָט היינריך געענטפערט, — שוין לאַנג צוריק, פיער־פינף וואָכען.

— און ווען פאָרט איהר נאָכאַמאָל?

— דאָס ווייס איך ניט. אפשר קיינמאָל ניט.

— אָך, דאָס גלויבט איהר אַליין ניט. — וואָס אַרבייט איהר איצט? — האָט זי שנעל צוגעגעבען.

— פאַרשידענעס, — האָט ער געענטפערט.

— איך לעב איצט דורך אַ ביסעל אַן אומרוהיגע צייט. איך נעם זיך פאַר פיעל זאַכען, פאַרענדיג אָבער גאָרנישט. צום פאַר־

ענדיגען האָב איך בכלל זעלטען חשק. ס'ווייזט אויס, ווער איך אינערליך צו שנעל פאַרטיג מיט די זאַכען.

— און מיט די מענשען, — האָט עלזע צוגעגעבען.

— ס'קען זיין. דער אומגליק איז נאַר, וואָס דאָס געפיהל בלייבט נאָך ווייטער צוגעבונדען צום מענשען, בעת דער שכל איז שוין לאַנג פון איהם פּטור געוואָרען. אַ דיכטער — אויב איהר ערלויבט מיר דאָס וואָרט צו באַנוצען — האָט נעדאַרפט פון יעדערען גלייך אַוועקגעהן, באַלד ווי ער זעהט אין איהם ניט מעהר קיין סוד... דערהויפּט, הייסט עס, פון יעדערען, וועמען ער האָט ליעב.

— מ'זאָגט דאָך, — האָט עלזע איהם איבערגעשלאָגען, — אז ווייניגער פון אַלעמען קענען מיר גראָד די, וועמען מיר האָבען ליעב.

— דאָס זאָגט נירענבערגער, אָבער דאָס איז ניט אינגאַנצען אמת. וואָלט דאָס באמת אזוי געווען, ליעבע עלזע, וואָלט דאָס לעבען געווען מסתמא שענער, ווי עס איז. ניין, די, וועמען מיר ליעבען, קענען מיר נאָך בעסער, איידער אַנדערע, — נאָר מיר קענען זיי מיט שאַנדע, מיט פאַרביטערונג און מיט מורא, טאָמער קענען זיי אַנדערע אויך אזוי גוט, אזוי ווי מיר. ליעבען הייסט: שרעקען זיך דערפאַר, אז אַנדערע זאָלען ניט דערזעהן די פעהלערן, וועלכע מיר האָבען אַנטדעקט ביי אונזערע געליעבטע. ליעבען הייסט: פעהיג זיין אריינצוקוקען אין דער צוקונפט און פאַרשילטען די דאָזיגע פעהיגקייט... ליעבען הייסט: עמיצען אזוי גוט קענען, אז מ'זאָל פון דעם צו גרונד געהן.

עלזע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפ'ן פּיאַנאָ, נייגעריג־געלאַסען, אויף איהר קינדערש־ווייבערשען שטייגער, און האָט זיך צו איהם צוגעהערט. ווי שטאַרק ער איז איהר געפעלען אין אזעלכע מאָמענטען. זי וואָלט איהם ווידער וועלען גלעטען איבער די האָר, ווי דאַמאָלסט אויפ'ן טייך, ווען ער איז פון ליעבע צו יענער אַנדערער אזוי ווי צוריסען געוואָרען. אָבער ווען ער האָט זיך דאַמאָלסט פּלוצלונג צוריקגעצויגען, קאַלט, טרוקען און ווי אויסגעלאָ־

שען, האָט זי דערפיהלט, אַז זי וואָלט מיט איהם קיינמאָל ניט גע־קענט לעבען, אַז זי וואָלט פון איהם אין אַ פּאָר וואָכען אַרום גע־מוזט אַנטלויפען... מיט אַ שפּאַנישען אָפיצער אָדער מיט אַ באַ־ריהמטען פידלער.

— ס'איז גוט, — האָט זי געזאָגט מיט אַ פּראָטעזשירענ־דען טאָן, — וואָס איהר טרעפט זיך מיט גענאָרג ווערגענטין. ער וועט אויף אייך גוט ווירקען. ער איז רוהיגער פון אייך. איך וויים ניט, צי איז ער אַזוי באַגאַבט, און געווים איז ער ניט אַזוי קלוג, ווי איהר...

— וואָס ווייסט איהר פון זיינע טאַלאַנטען, — האָט איהר היינריך במעט גראָב איבערגעשלאָגען.

גענאָרג איז צוגעגאַנגען און האָט געפרעגט עלזע'ן, צי וועט מען היינט ניט האָבען דאָס פאַרגניגען צו הערען איהר עפּעס זינ־גען. זי האָט געענטפערט, אַז זי איז ניט אויפגעלעגט. אגב, שטער־דירט זי די לעצטע צייט נאָר אָפּערא־זאַכען. דאָס אינטערעסירט איהר מעהר. זי איז דאָך אייגענטליך ניט קיין לירישע נאַטור. גענאָרג האָט געפרעגט אין שפּאָס, צי האָט זי ניט אפשר בדעה צו געהן אויף דער ביהנע.

— מיט מיין אומבאַדייטענדער שטים! — האָט עלזע גע־זאָגט.

נירענבערגער איז צוגעגאַנגען צו זיי.

— דאָס וואָלט גאָר ניט געווען קיין מניעה, — האָט ער באַ־מערקט. — פאַרקעהרט, איך בין זיכער, אַז באַלד וואָלט זיך געפונען אַ מאָדערנער קריטיק, וועלכער וואָלט אייך, פריילין על־זע, גראַד דערפאַר, ווייל איהר האָט ניט קיין שטים, פּראָקלאַמירט אַלס גרויסע זינגערין. ער וואָלט דערפאַר געפונען אין אייך אַן אַנדער טאַלאַנט, ווי למשל, די פעהיגקייט כאַראַקטעריסטיש פאַר־צושטעלען טיפען. מיר האָבען דאָך היינטיגען טאָג בארימטע מאַ־לערס, וועלכע האָבען ניט קיין חוש פאַר פאַרבען, זיי האָבען אָבער גייסט; פּאָעטען מיט אַ נאָמען, וועלכען פאַרמאָגען טאַקי ניט קיין ברעקעל חוש פאַר פּאָעזיע, זייער עובדא איז נאָר פאַר יעדען

הויפט־וואָרט צוצוטראַכטען עפּעס אַ בייוואָרט, וואָס קלעפּט זיך, ווי אַן ארבעס צום וואַנט.

עלזע האָט באַמערקט, אַז נירענבערגער'ס ארט ריידען מאַכט געאָרג'ן נערוועז, און זי האָט זיך צו איהם געווענדט:

— איך האָב אייך געוואָלט עפּעס פרעגען, — ביי די ווער־טער האָט זי געמאַכט אַ פּאָר שריט צו דער נאָטען־עטאַזשערקע. געאָרג איז איהר נאָכגעגאַנגען.

— אָט איז אַ זאַמלונג פון אַלט־איטאַליענישע פאָלקס־ליעדער, איך וואָלט געוואָלט, איהר זאָלט מיר אָנווייזען די בעסטע פון זיי. איך אַליין פאַרשטעה זיך ווייניג אויף דעם.

— איך באַגרייף ניט, — האָט געאָרג שטיל געזאָגט, — ווי אַזוי איהר פאַרטראָגט לעבען זיך אַזעלכע מענשען, ווי נירענ־בערגער. ער פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ נעבעלהאַפטע אַטמאָספערע פון אומצופריעדענהייט און פיינדשאַפט.

— איך האָב אייך, געאָרג, אָפט שוין געזאָגט: קיין מענ־שען־קענער זייט איהר ניט. וואָס ווייסט איהר בכלל וועגען איהם? ער איז גאָר אַן אַנדערער, ווי איהר שטעלט זיך פאָר. פרעגט זיך אָקאָרשט נאָך אַמאָל ביי אייער פריינד היינריך בערמאַן.

— אָ, איך ווייס, אַז יענער איז אויך אַנטציקט פון איהם," — האָט געאָרג געענטפערט.

— איהר רעדט וועגען נירענבערגער'ן? — האָט געפרעגט פרוי עהרענבערג, וועלכע איז ערשט צו זיי צוגעקומען.

— געאָרג קען איהם ניט פאַרטראָגען — האָט עלזע געזאָגט אין איהר געוועהנליכען לייכטען טאָן.

— איהר באַגעהט אָבער דערמיט אַ גרויסען אומרעכט; האָט איהר בכלל עפּעס געלעזען פון זיינע ווערק?

געאָרג האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף ניין.

— ניט אפילו זיין ראָמאַן, וועלכער האָט מיט פופצען זעכ־צען יאָהר צוריק געמאַכט אַזאַ גרויסען רושם? דאָס איז כמעט אַ בזיון! אַנומעלט האָבען מיר דאָס בוך אַנטליהען דעם האָפּ־ראַט ווילט. איך זאָג אייך, ער איז נשתומם געוואָרען, ווי אין

דעם בוך איז דאָס גאַנצע איצטיגע עסטרייך פאַראויסגעזעהן געוואָרען.

— אזוי, אזוי, — האָט געאַרג געזאָגט ניט איבערצייגט.

— איהר קענט זיך גאַרניט פאָרשטעלען, — האָט פרוי עהרענבערג ווייטער גערעדט, — מיט וואָס פאַר אַן ענטוזיאַזם נירענבערגער איז דעמאָלסט באַגריסט געוואָרען. מ'קען זאָגען, טיר און טויער זיינען פאַר איהם פאַנאַנדערגעעפענט געוואָרען.

— אפשר איז דאָס געווען פאַר איהם גענוג, — האָט עלזע פאַרטראַכט באַמערקט.

היינריך איז געשטאַנען ביים פּיאַנאָ און האָט געשמועסט מיט נירענבערגער'ן. ער האָט זיך באַמיהט, ווי ער האָט שוין דאָס אָפטמאָל געטאָן, איינצורייִדען איהם, ער זאָל אָנהויבען אַרבייטען אויף אַ נייע ווערק, אָדער לפּחות אָפּדרוקען אַ נייע אויסגאַבע פון זיינע עלטערע שריפטען.

נירענבערגער האָט זיך ניט געלאָזען איינריידען. איהם האָט געמאַכט שווידערן דער געדאַנק, ווידער אַרויסצושטעלען זיין נאָמען אין דער עפענטליכקייט פאַר זלזולים, ווידער אַריינוואַרפען זיך אין דעם ליטעראַרישען געפּילדער, וועלכער האָט איהם אויסגעזעהן אַ עקעלהאַפט, אַ נאַריש. ער האָט ניט קיין חשק אַריינצולאָזען זיך אין אַ ליטעראַרישער קאָנקורענץ. צו וואָס? אומעטום הערשט די קליקע, וועלכע באַמיהט זיך ניט אפילו צו זיין באַפוצט אין אַ מאַנטעל פון אַנשטענדיגקייט. איז דען נאָך פאַראַן אַ טיכטינער, ערליכער טאַלאַנט, וועלכער דאַרף ניט זיין גרייט יעדע רגע אַריינגעצווינגען ווערען אין בלאָטע; איז דען פאַראַן וואו אַ פלאַך־קאָפּ, וואָס זאָל זיך ניט קענען דערשלאָגען צו פראָקלאַמירט ווערען אַלס זשעני אין אַ וואַסערען עס איז בלעטעל? האָט דען באַרימטקייט אין אונזערע טעג אַ וועלכע עס איז שייכות צו עהרע? און אַז מ'ווערט פאַרזעהען און פאַרגעסען, איז כדאי דען וועגען דעם צו מצער זיין זיך? און ווער קען סוף כל סוף וויסען, וואָס פאַר אַן אָפּשאַצונג וועט זיך אויסלאָזען אין דער צוקונפט אַלס ריכטיג? זיינען באמת די נאַראָנים ניט געווען די

ריכטיגע גאונים, און די גאונים די נאראָנים? ס'וואָלט געווען לעבערליך איינצושטעלען אין קאָן די אייגענע רוה און זעלבסט־אכטונג אין א שפיל, וואו אפילו דער גרעסטער געווינס קען ניט ברייגנען קיין באפרידיגונג.

— נאָר קיין באפרידיגונג? — האָט היינריך געפרעגט. — איך בין אויך גרייט אָפּצוזאָגען זיך פון כבוד, עשירות, פון דער ווירקונג אויפ'ן המון; — נאָר אויב דאָס זיינען אַלץ זאכען פון צווייפעלהאפטען ווערט, טאָ פאר וואָס זאָל מען זיך אויך אָפּזאָגען פון דעם, וואָס איז אָהן שום ספק ווערטפול — פון די מינוטען, ווען דו האָסט ביכולת אויסצודריקען די קראַפט פון דיין אינערליכען געפיהל...

— די קראַפט פון דעם אינערליכען געפיהל! פאר וואָס זאָגט איהר שוין ניט „דער תענוג פון שאפען?..."

— יא, נירענבערג, דאָס איז פאראַן!

— ס'קען זיין. מיר דאַכט זיך, איך דערמאָן זיך, אז א לאנגע צייט צוריק האָב איך צייטענווייז אליין אויך געפיהלט עפּעס אזוינס... נאָר איהר ווייסט דאָך, די פעהיגקייט זיך אליין אָפּצונארען איז ביי מיר אין משך פון דער צייט אינגאנצען פארשוואונדען.

— אפשר דאַכט זיך דאָס אייך נאָר, — האָט היינריך געענטפערט. — ווער ווייס? ס'קען זיין, אז גראד אָט די פעהיגקייט זיך אליין אָפּצונארען, האָט זיך ביי אייך פאר דער צייט נאָך שטארקער אויסגעארבייט!

נירענבערגער האָט זיך פאנאנדערגעלאַכט.

— ווייסט איהר, ווי איך פיהל זיך, בעת איך הער אייך אזוי ריידען? כדומה למשל, ווי א פעכט־מייסטער, וועלכער באקומט א שטאָך אין הארצען פון זיינעם אן אייגענעם תלמיד.

— און דערצו נאָך ניט פון דעם בעסטען — האָט היינריך געזאָגט.

פּלוצלונג האָט זיך אין טיר באוויזען הער עהרענבערג. זיין פרוי, וועלכע האָט גערעכענט, אז ער איז שוין אויפ'ן וועג צום

וואקזאל, האָט זיך ניט וועניג פאַרוואונדערט. ער האָט אונטער'ן האַנט געפיהרט אַ יונגע דאַמע, אָנגעטאָן איינפאַך אין שוואַרץ, און די האָר אַלטמאָדיש, זעהר הויך פאַרקעמט. איהרע ליפּען זיינען געווען פול און רויט, די אויגען אין דעם לעבעדיג בלאַסען פּנים האָבען געקוקט קלאָר און האַרט.

— קומט נאָר אַריין, — האָט עהרענבערג געזאָגט מיט אַ גע־וויסען צו־להכעיס־פייערל אין זיינע קליינע אויגען און האָט צו־געפיהרט דעם גאַסט גלייך צו עלזע'ן, וועלכע האָט געשמועסט מיט סטאַנצידעס'ן.

— איך ברייננג דיר דאָ אַ גאַסט.

עלזע האָט איהר דערלאַנגט די האַנט.

— דאָס איז פון דיר אַ פיינקייט.

זי האָט פאַרגעשטעלט.

— הער דעמעטער סטאַנצידעס, פריילין טערעזע גאַלאָוו־סקי.

טערעזע האָט זיך קורץ פאַרנייגט און האָט איהם אַ ווייַלע אָנגעקוקט, רוהיג און אונזשעניִרט, פּונקט ווי זי וואָלט אַ שענע חיה באַטראַכט. דאַן האָט זי זיך געווענדט צו עלזע'ן:

— ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז איהר האָט היינט אַזאַ גרויסע געזעלשאַפט...

— ווייסט איהר, ווי זי קוקט אויס? — האָט סטאַנצידעס שטיל אַ זאָג געטאָן צו געאָרג'ן, — ווי אַ רוסישע סטודענטקע. איז דאָס טאַקי אַזוי?

געאָרג האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— כמעט אַזוי. איך קען זי. זי איז אַ שול־פריינדין פון עלזע'ן, און איצט, שטעלט זיך פאָר, שפּילט זי אַ וויכטיגע ראָלע ביי די סאָציאַליסטען. זי איז דאָ ניט לאַנג געזעסען אַפילו אין טורמע, דאַכט זיך, פאַר מאַיעסטעטס־באַליידיגונג.

— יאָ, מיר דאַכט זיך, איך האָב עפּעס וועגען דעם געלעזען, — האָט דעמעטער געענטפערט. — מיט אַזאַ פרוי וואָלט אינטע־

דעסאַנט געווען אַביסעל נעהענטער צו באַקענען זיך. שען איז זי. אַ פּנים, ווי פון עלפען־ביין.

— און פיעל ענערגיע ליגט אין די שטריכען פון פּנים — האָט געאַרג צוגעגעבען. — איהר ברודער, אגב, איז אויך אַ מערק־ווירדיגער מענש; אַ פּיאַנאַ־שפּילער און מאַטעמאַטיקער. איך האָב זיך מיט איהם דאָ ניט לאַנג באַקענט. און דער פאָטער, זאָגט מען, איז אַ רואינירטער אידישער פעל־הענדלער.

— ס'איז שוין איינמאָל אַ מערקווירדיגע ראַסע, — האָט דעמעטר באַמערקט.

דערווייל איז פרוי עהרענבערג צוגעגאַנגען צו טערעזע'ן און האָט געפונען פאַר ריכטיג ניט אַרויסצואווייזען קיין שום איבעראַשונג.

— זעצט זיך אַוועק, טערעזע, — האָט זי געזאָגט, — וואָס מאַכט איהר דאָך? זינט איהר האָט זיך אַריינגעלאָזען אין פּאָ־ליטיק, קימערט איהר זיך שוין מעהר ניט וועגען אייערע אַלטע באַקאַנטע?

— יאָ, ליידער צוליעב מיין באַרוף, בלייבט מיר ווייניג צייט צו באַזוכען מיינע קרובים, — האָט טערעזע געענט־פערט און האָט אַרויסגערוקט פאַראויס איהר קין, וואָס האָט צו־געגעבען איהר פּנים אַ מענליכען און כמעט אַ העסליכען אויס־זעהן.

פרוי עהרענבערג האָט זיך געשלאָגען אין דער דעה, צי זאָל זי עפּעס דערמאָנען וועגען טערעזע'ס זיצען אין טורמע אדער ניט. מ'האָט אויף יעדען פאַל געדאַרפט האָבען אין זינען, אַז אין וויען איז קוים פאַראַן אַן אַנדער הויז, וואוהין ס'זאָלען קו־מען צו גאַסט דאַמען, וועלכע זיינען ניט לאַנג ערשט געזעסען אין טורמע.

— וואָס מאַכט דיין ברודער? — האָט עלזע געפרעגט.

— ער דיענט הייער, — האָט טערעזע געענטפערט. — דו קענסט זיך אַן ערך פאָרשטעלען, וואָס ער מאַכט... — און זי האָט איראָניש אַ קוק געטאָן אויף דעמעטר'ס הוזאַרען־מונדיר.

— ס'קומט איהם, מסתמא, ניט פיעל אוים צו שפילען אויפ'ן פיאנא, — האָט פרוי עהרענבערג געזאָגט.

— אָך, ער טראַכט שוין ניט מעהר וועגען דעם צו ווערען א פיאניסט, — האָט טערעזע געענטפערט. — ער איז אינגאַנצען פארטאָן אין פּאָליטיק. — און ווענדענדיג זיך מיט א שמייכעל צו דעמעטר'ן, האָט זי צוגעגעבען:

— איהר וועט דאָך איהם ניט אַרויסגעבען, הער אָבער־לייטענאַנט?

סטאַנצידעס האָט זיך צולאַכט, אביסעל פארלעגען.

— וואָס הייסט דאָס: פּאָליטיק? — האָט עהרענבערג גע־פרעגט. — וויל ער ווערען מיניסטער?

— אין עסטרייך פאַר קיין פאַל ניט, — האָט טערעזע גע־ענטפערט. —ער איז א ציוניסט.

— וואָס? — האָט עהרענבערג אויסגערופען, און זיין פּנים האָט געשיינט.

— דאָס איז, אגב, א פראַגע, אין וועלכער מיר שטימען ניט אינגאַנצען צווישען זיך, — האָט טערעזע צוגעגעבען.

— ליעבע טערעזע... — האָט עהרענבערג אָנגעהויבען.

— דו וועסט דעם צוג פארשפעטיגען — האָט איהם זיין פרוי איבערגעריסען.

— איך וועל דעם צוג ניט פארשפעטיגען, און מאָרגען וועט נאָך אויך געהן א צוג. ליעבע טערעזע, איך זאָג נאָר: יעדערער מעג טאָקי זוכען זיין גליק אויף זיין אייגענעם שטייגער, אָבער אין דעם פאַל האָט אייער ברודער מעהר שכל. זייט מיר מוחל, איך בין אפשר א דילעטאַנט אין פּאָליטיק, אָבער איך פארזיכער אייך, טערעזע, די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען וועלען האָבען דעמזעלבען סוף, ווי די אידישע ליבעראַלען און נאַציאָנאַל־דייטשען.

— אין וואָסער פּרט? — האָט טערעזע מיט שטאָלץ געפרעגט.

— אין וואָסער פּרט?... דאָס וועל איך אייך באַלד זאָגען. —

ווער האָט געשאַפען די ליבעראַלע באַוועגונג אין עסטרייך?... די אידען!... פון וועמען זיינען די אידען פאַררעטען און פאַרלאָזען געוואָרען? פון די ליבעראַלען. ווער האָט אין עסטרייך די דייטש־נאַציאָנאַלע באַוועגונג געשאַפען? די אידען. ווער האָט זיך פון די אידען אָפּגעטרייסעלט... וואָס זאָג איך, אָפּגעטרייסעלט זיך... באַשפּיגען, ווי די הינט?... די נאַציאָנאַל־דייטשען! און דעמ־זעלבינגען סוף וועלען זיי האָבען פון דעם סאָציאַליזם און קאָ־מוניזם. ווען מ'וועט דערלאַנגען דעם זופּ, וועט מען אייך פאַר־טרייבען פון טיש. אזוי איז דאָס שטענדיג געוועזען, און אזוי וועט עס זיין.

— דאָס וועלען מיר נאָך זעהן, — האָט טערעזע רוהיג געענטפערט.

געאָרג און דעמעטער האָבען זיך איבערגעקוקט, ווי צוויי פריינד, וועלכע זיינען צוזאַמען פאַרוואָרפען געוואָרען אויף אַן אינזעל. אָסקאַר, וועלכער איז אריינגעקומען גראַד בעת דעם פאָ־טערס רעדע, האָט פאַרביסען די ליפּען און איז געווען אין פאַר־לעגענהייט. אַלע האָבען זיך דערפיהלט, ווי באַפרייט, ווען עהרענ־בערג האָט פּלוצלונג אַ קוק געטאָן אויפ'ן זייגער און האָט זיך געזעגענט.

— מיר וועלען זיך היינט מיט אייך סיי ווי סיי צו גאָרנישט ניט דעררעדען, — האָט ער געזאָגט צו טערעזע'ן.

טערעזע האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— ס'איז אַ גרויסער ספק. גליקליכע רייזע, און נאָכאַמאָל אין דעם נאָמען פון...

— ש־שאַ, — האָט עהרענבערג געזאָגט און איז פאַרשוואונ־דען.

— פאַרוואָס אייגענטליך דאַנקסט דו דעם פאָטער? — האָט עלזע שטיל געפרעגט.

— פאַר אַ נדבה. עס איז מיר אפילו ניט אָנגעשטאַנען ביי איהם צו בעטען, אָבער קיין אַנדערער רייכער מענש איז צווישען

מיינע באקאנטע ניטאָ. ווענגען דעם צוועק האָב איך קיין רעכט ניט צו ריידען.

פרוי עהרענבערג איז צוגעגאַנגען צו בערמאַן׳ען און נירענבערגער׳ן, וועלכע האָבען איבער׳ן פּיאַנאָ געשמועסט צווישען זיך, און האָט שטיל געזאָגט:

— איהר ווייסט דאָך, אַז זי... — זי האָט אָנגעוויזען מיט די אויגען אויף טערעזע׳ן, — איז ערשט אַרויס פון טורמע?

— איך האָב ווענגען דעם געלעזען, — האָט היינריך געענטפערט.

נירענבערגער האָט אַ פינקעל געטאָן מיט די אויגען, האָט געוואָרפען אַ בליק אויף דער גרופּע אין ווינקעל, וואו די דריי מיידלאַך מיט סטאַנצידעס׳ן און ווילי אייסלער האָבען געשמועסט, און האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— וואָס פאַר אַ בייזען געדאַנק האָט איהר אין קאָפּ? — האָט פרוי עהרענבערג געפרעגט.

— איך טראַכט ווענגען דעם, ווי לייכט ס׳האָט זיך געקענט טרעפען, אַז פריילין עלזע זאָל דאַרפען צוויי חדשים שמאַכטען אין טורמע, און אַז טערעזע, אַלס די טאָכטער פון דעם הויזהער, זאָל אויפנעמען געסט אין אַן עלעגאַנטען סאַלאָן.

— דאָס וואָלט זיך געקענט לייכט טרעפען?...

— הער עהרענבערג האָט געהאַט מזל, און גאַלאָווסקי׳ן איז געגאַנגען מיט די פוטער אַראָפּ... דאָס איז אפשר די גאַנצע נפקא־מינא.

— נו, נירענבערגער, וואָס פאַלט אייך איין, — האָט היינריך געזאָגט: — איהר וועט דאָך ניט אָפּלייקענען גאָר אינגאַנצען דעם אינדיווידועלען מהות... עלזע און טערעזע זיינען דאָך כמעט פאַרשידענע נאַטורען.

— איך מיין דאָס אויך, — האָט פרוי עהרענבערג באַמערקט.

נירענבערגער האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען.

— ביידע זיינען יונגע מיידלאַך, גאַנץ טאַלאַנטפולע, גאַנץ שענע... און דאָס איבעריגע אַלץ, איז ווי ביי דאָס רוב יונגע

דאַמען — און ווי אויך ביי דאָס רוב יונגע מענשען, מעהר אָדער ווייניגער פון אויבען אויף אָנגעשמעקטע.

היינריך האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און האָט ענט־שידען געזאָגט:

— ניין, ניין, אַזוי איינפאַך איז אָבער דאָס לעבען ניט.

— דאָ האַנדעלט זיך גאָר ניט אום איינפאַכקייט, ליעבער היינריך.

פרוי עהרענבערג האָט געקוקט אויפ'ן טיר, און איהרע אויגען האָבען אויפגעלויכטען. אַקאָרשט איז אַריינגעקומען פעליציאַן. מיט דער זיכערקייט פון אַ נאַכט־וואַנדלער איז ער צוגעגאַנגען צו דער ווירטין און האָט אַ קוש געטאָן איהר האַנט.

— איך האָב אָט ערשט געהאַט דאָס פאַרגניגען צו טרעפען אויף די טרעפּ העד עהרענבערג'ן... ער פאָרט אין קארפו, ווי ער האָט מיר געזאָגט. דאַרטען מוז איצט זיין וואונדער־שען.

— זייט איהר באַקאַנט מיט קארפו?

— יאַ, ליעבע פרוי, פון קינדערשע זכרונות.

ער האָט באַגריסט נירענבערגער'ן און בערמאַנ'ען, און זיי אַלע האָבען גערעדט וועגען דרום, וואוהין בערמאַנ'ען האָט זיך געבענקט און אין וואָס נירענבערגער איז געווען אַן אַפּיקורס.

געאָרג האָט געדריקט זיין ברודער די האַנט, באַגריסענדיג און גלייכצייטיג זעגענענדיג זיך מיט איהם. ער איז אומבאַמערקט אַרויסגעגאַנגען דורך דער אָפענער טיר פון דעם עס־צימער, און ווען ער האָט זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט, האָט ער דערזעהן מאַריאַנאַ'ן, וועלכע איז געזעסען אין דעם ווייטסטען ווינקעל פון סאַלאָן און איהם שפּאָטיש נאָכגעקוקט מיט'ן לאָרנעט. דאָס איז געווען די וואונדערבאַרע פעהיגקייט פון דער פרוי צו באַווייזען זיך אַזוי פּלוצלונג, אַז מ'זאָל ניט וויסען, פון וואַנען זי איז געקומען. אויף די טרעפּ האָט איהם אַ פאַרשלייערטע דאַמע פאַרשטעלט דעם וועג.

— איילט זיך דאָך ניט אַזוי, זי מעג שוין נאָך אַ מאָמענט וואַרטען, — האָט זי געזאָגט. — מ'דאַרף די פרויען בכלל ניט

אזוי נאָכגעבען... וואָלט איהר זיך אַזוי געאיילט אויך, ווען איהר וואָלט געהאַט אַ ראַנדעוואו מיט מיר...? דערפון אָבער ווילט איהר גאָרנישט וויסען. מסתמא, ווייל איהר האָט מורא, אַז מיין מאַן וועט אייך שיסען, ווען ער וועט קומען צוריק פון סטאָק־האָלם; היינט איז ער שוין געווים אין קאָפּענהאַגען. אָבער ער האָט פאָלשטענדיג צוטרוי צו מיר. און, אַגב, מיט רעכט. איך קען אייך שווערען: ווייטער, ווי אַ קוש אין האַנט..., ניין, איך וויל ניט זאָגען קיין ליגען, ווייטער ווי אַ קוש אין האַלז איז נאָך קיינער ניט געגאַנגען. איהר גלויבט, מסתמא, אויך, אַז איך בין סטאַנצידעס'עם אַ געליעבטע? ניין, ער איז ניט פאַר מיר! ס'עקעלט מיך בכלל פון שענע מענער. אויך אין אייער ברודער פעליציאַן קען איך גאָרנישט געפינען...

מ'האָט געקענט שווער פאָראויסזאָגען, ווען די דאַמע אין וואואל וועט אויפהערען צו ריידען, ווייל דאָס איז געווען פרוי אָבערבערגער. ביי אַנדערע פרויען וואָלט אַזאַ פאַרהאַלטען זיך געקענט אויסגעטייטשט ווערען אַלס אַן איינלאַדונג צום פלירט. דאָס איז אָבער ניט געווען דער פאַל מיט איהר. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס איהרע מאַנערען האָבען געקענט אַרויסרופען אַ חשד, האָט קיינער ניט געקענט אָנווייזען אויף עמיצען אַלס איהר גע־ליעבטען. איהר פאַמיליען־לעבען אָהן קינדער איז געווען אַביסעל מאָדנע, אָבער ס'האָט אויסגעזעהן, אַז זי לעבט גליקליך. איהר שענער און גלענצענדער מאַן, אַ געלאָג, לויט זיין פראָפעסיע, פלעגט אין פריהערדיגע צייטען מאַכען וויסענשאַפטליכע נסיעות, און, ווי האָפראַט ווילט האָט גע'טענה'ט, איז איהם מעהר געלעגען אין קאָפּ די באַקוועמליכקייטען פון דער רייזע און די גוטסקייט פון דער קיך, איידער די אויספאָרשונג פון די שטיקער לאַנד, וואוהין ער איז געפאָרען. פאַר די לעצטע יאָהרען פלעגט ער פאָרען נאָר צו האַלטען פאָרטראַגען און געווינען די הערצער פון פרויען. ווען ער פלעגט קומען אַהיים, פלעגט ער לעבען מיט זיין פרוי אין די בעסטע חבר'שע באַציהונגען. שוין ניט איינמאָל, כאָטש פאַרבייגעהענדיג, האָט געאָרג געטראַכט וועגן דער מענ־

ליבקייט צו פאַרפיהרען אַ ליעבעס־פאַרהעלטנים מיט פרוי אָבער־בערגער. ער איז דאָס טאַקי געווען דער, וואָס האָט איהר אַמאָל אַ קוש געטאָן אין האַלז, כאָטש זי אַליין האָט, ווי ס'ווייזט אויס, וועגען דעם פאַרגעסען. און ווען זי האָט איצט אָפּגעוואָרפען דעם שלייער, האָט איהר שוין ניט זעהר יונגער, אָבער לעבעדיג־חן'־עוודיגער פּנים אַרויסגערופען ביי געאָרג'ן אַ רייצענדיגען פאַרגניגען. ער האָט געוואָלט אַריינפאַלען איהר אין די רייד, אָבער זי האָט איהם ניט געגעבען די געלעגענהייט און האָט ווייטער גערעדט:

— איהר ווייסט, אַז איהר קוקט אויס זעהר בלאַס? איהר מוזט לעבען אַ גוטען טאָג. אגב, וואָס פאַר אַ פרוי איז דאָס די, וואָס נעמט אייך דאָס מאָל פון מיר אוועק?

האָפּראַט ווילט, ווי שטענדיג, כמעט גנב'יש שטיל, איז אַזוי ווי פּלוצלונג אויסגעוואַקסען לעבען זיי. מיט אַ זיכערער, גלאַנ־צענדער שטימע האָט ער זיי באַגריסט:

— איך קוש אייך די האַנט, שענע פרוי. וואָס מאַכט איהר, באַראָן?... — און האָט געוואָלט אַוועקגעהן.

פרוי אָבערבערג האָט אָבער געפונען פאַר פּאַסיג אַ פריהער מודיע צו זיין איהם, אַז באַראָן געאָרג געהט דאָס איצט צו ... הור־ליאַנקע, ווי ס'איז זיין שטייגער פון תּמיד, — נאָכדעם איז זי אַרויף צוזאַמען מיט'ן האָפּראַט אויפ'ן צווייטען שטאָק, כאָטש זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט מורא, מען זאָל איהם ניט האַלטען פאַר איהר פינף־און־נײַנציגסטען געליעבטען, אויב זי וועט צוזאַמען מיט איהם זיך באַווייזען ביי די עהרענבערגס.

עס איז שוין געווען זיבען אַזייגער, ווען געאָרג האָט, סוף כּל סוף, געקענט אַריינזעצען זיך אין דראָזשקע, כדי צו פאָהרען אין מאַריאַהילף. ער האָט זיך געפּיהלט מיד פון די צוויי שעה, וואָס ער האָט פאַרבראַכט ביי די עהרענבערגס, און נאָך מעהר, ווי שטענדיג, האָט ער זיך געפרייט, וואָס ער וועט קענען פאַר־ברייננגען מיט אַנאַ'ן. זינט יענעם נאָכמיטאָג אויף דער מיניאַ־טורען־אויסשטעלונג האָבען זיי זיך כמעט יעדען טאָג געזעהן:

אין גערטענער, אויף בילדער־אויסשטעלונגען און ביי איהר אין דער היים. על פי רוב האָבען זיי געשמועסט וועגען אלע קליי־ניגקייטען פון זייער טאָג־טעגליכען לעבען אָדער וועגען ביכער און מוזיק. וועגען פארגאנגענע צייטען האָבען זיי זעלטען גערעדט, און ווען דאָס פלעגט שוין יאָ אמאָל טרעפען, איז אָהן ספקות און חשדים. דערפאַר האָט געאָרג׳ס פארגאנגענהייט מיט זיינע ליעבעס־ גע־שיכטען ניט געהאַט פאַר אנאַ׳ן דעם אינטערעס פון אַן אָפּשרע־קענדען פארשלייערטען סוד; אַז אנאַ אליין האָט שוין אויך דורכגעלעבט אייניגע ראָמאַנען, האָט שוין געאָרג פארשטאַנען פון איהרע וויציגע רמזים, און ער האָט דאָס אויפגענומען לייכט, ניט פאַנאַנדערפרעגענדיג ביי איהר וועגען דעם און ניט ווערענדיג פון דעם אומרוהיג. מיט אכט טעג צוריק, אין דעם זאַל פון דער ליכטענשטיין־גאַלעריע, בעת קיינער איז דאָרטען ניט געווען, האָט ער זי צום ערשטען מאָל אַ קוש געטאָן, און פון דער מינוט אָן האָט זי איהם געדוצט, פונקט ווי זי וואָלט גערעכענט פאַר אַ פאַלשקייט און ליגען צו ריידען צו איהם אנדערש.

די דראָזשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים עק גאַס. געאָרג איז ארויסגעגאַנגען, האָט פאררויכערט אַ סיגאַרעט און איז גע־גאַנגען הין און צוריק אַנטקעגען דעם הויז, פון וואַנען אנאַ האָט געדאַרפט ארויסגעהן.

אין עטליכע מינוטען ארום איז זי שוין ארויס פון טויער. ער איז אין איילעניש געגאַנגען איהר אַנטקעגען איבער דער גאַס, און אַ גליקליכער האָט ער איהר אַ קוש געטאָן אין האַנט. ווי געוועהנ־ליך, האָט זי אין האַנט געהאַלטען אַ בוך איינגעבונדען אין גע־פּרעסטען לעדער, ווייל זי פלעגט על פי רוב לעזען בשעת דעם פאָהרען.

— ס׳איז קאַלט, אנאַ, — האָט געאָרג געזאָגט. ער האָט ביי איהר צוגענומען דעם בוך פון האַנט און איהר געהאָלפען אָנטאָן דעם זשאַקעט, וועלכען זי האָט אויפ׳ן האַנט געטראָגען.

— איך האָב זיך אביסעל פארשפּעטיגט, — האָט זי גע־זאָגט, — און בין געוועזען זעהר אומגעדולדיג דיך צו זעהן. יאָ, —

האָט זי מיט אַ שמייכעל צוגעגעבען, — ביי יעדערען איז פּאַראַן זיינע טעמפּעראַמענט־אויסברוכען. וואָס זאָגסטו דו אויף מיין נייעם קלייד? — האָט זי איהם געפרעגט, בעת זיי האָבען געשפּאַצירט ווייטער.

— עס קליידט דיר זעהר גוט.

— אויף מיין לעקציע האָט מען מיר געזאָגט, אַז איך זעה אויס, ווי אַ הויף־דאַמע.

— ווער האָט דאָס געזאָגט?

— פרוי ביטנער אַליין, און איהרע ביידע טעכטער, וועלכע לערנען זיך ביי מיר.

— איך וואָלט גיכער געזאָגט: דו זעהסט אויס, ווי אַ געבוירענע הערצאָגין.

אַנאַ האָט אַ צופרידענע אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

מיט אַן ערנסטען טאָן האָט זי אָנגעהויבען צו דערצעהלען:

— צוועלף אַזייגער, נאָכדעם ווי איך האָב זיך מיט דיר געזעגענט ביי דער טיר פון הויז — האָב איך געגעסען מיטאָג אין דער היים. נאָכמיטאָג אַביסעל גערוהט און וועגען דיר געטראַכט. פון פיער ביז האַלב־זיבען האָב איך געהאַט ביי זיך שילערינס, נאָכדעם געלעזען דעם „גרינעם היינריך" און די אַבענד־צייטונג. צו פויל צו געהן אויפ'ן גאַס, האָב איך זיך נאָך אַביסעל אַרומגעדרייט אין הויז. אַבענד־מאָלצייט. די געוועהנליכע סצענע אין דער היים.

— דער ברודער? — האָט געאַרג געפרעגט.

זי האָט געענטפערט מיט אַזאַ „יאָ", אַז אַלע ווייטערדיגע פראַגעס זיינען דערמיט געווען אָפּגעהאַקט.

— נאָכ'ן אַבענד־מאָלצייט אַביסעל געשפּילט מוזיק... געפּרובט אפילו זינגען.

— ביזט דו געווען צופרידען?

— פאַר מיר איז דאָס שטענדיג גענוג, — האָט זי געזאָגט, און געאָרג'ן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַ לייכטער טרויער האָט אין איהרע ווערטער געקלונגען.

— האַלב נאָך עלף בין איך שוין אין בעט געלעגן, גוט געשלאָפן, אַכט אין דערפריה אויפגעשטאַנען... מ׳קען דאָך ביי אונז לעננער ניט ליגן... ביז האַלב צעהן אָנגעטאָן זיך, ביז עלף אין הויז...

— אַרומגעדרייט זיך, — האָט געאָרג פאַרענדיגט.

— ריכטיג. נאָכדעם צו די ווײַלס געגאַנגען, מיט דעם אינגעל געלערנט.

— ווי אַלט איז ער אייגענטליך? — האָט געאָרג געפרעגט.

— דרייצען, — האָט אַנאַ געענטפערט, מאַכענדיג דערביי אַ קאָמיש־ערנסטען פּנים.

— הייסט עס, ער איז שוין ניט קיין קינד.

— געוויס ניט, — האָט אַנאַ געזאָגט. — נאָר כדי צו באַרוהיגען זיך, זיי וויסען, אַז ער ליעבט זיין מומע אַדעלע, אַ צאַרטע בלאָנדינקע פון דריי און דרייסיג יאָהר, און דערווייל טראַכט ער גאָר ניט צו ווערען אומגעטריי צו איהר... אַלזאָ — פאָרטזעצונג פון דער כראָניק. האַלב־צוויי געקומען אַהיים, אַליין געגעסען. דאַנקען גאָט, דער פאָטער איז שוין אין ביוראָ אַוועק, די מוטער האָט זיך געלייגט שלאָפען. פון דריי ביז פיער ווידער גערוהט, נאָך מעהר און פיעל באַדייטענדער, ווי נעכטען, געטראַכט וועגען דיר, נאָכדעם בין איך אַוועק איינקויפען אין שטאָדט הענטשקעס, שפּילקעס און עפּעס פאַר דער מוטער, און צום סוף מיט׳ן טראַמוויי, לעזענדיג געפאָהרען אין מאַריאַהילף צו די צוויי ביטנער־מיידלאַך... נו, איצט ווייסטו שוין אַלעס. צופרידען?

— מיט אַלץ, אויסער דעם דרייצען־יאָהריגען אינגעל.

— אַלזאָ, איך בין מסכים, אַז דאָ איז טאַקי פאַראַן פון וואָס צו זיין אומרוהיג, אָבער איצט וויל איך אָקאָרשט הערען פון דיר, צי וועסטו זיך ניט מתודה זיין פאַר מיר אין טרויעריגערע זאַכען.

זיי זיינען געווען אין אַ שמאָלער, שטילער גאַס, וועלכע איז געאָרג׳ן אינגאַנצען פרעמד געווען, און אַנאַ האָט איהם אָנגענומען ביים אָרים.

— איך קום ערשט פון די עהרענבערגס, — האָט ער אָנגע־הויבען.

— נו, — האָט אַנאַ געפרעגט, — האָט מען דאָרטען זיך שטאַרק געפּרובט צו פאַרהאַלטען דיר?

— דאָס קאָן איך גראַד ניט זאָגען. — ס'האָט אויסגעזעהן, אַז זיי זיינען אביסעל באַליידיגט, וואָס איך בין דעם זומער גאָר ניט געווען אין אוהאַף, — האָט ער צוגעגעבען.

— האָט די קליינע עלזע אַרויסגעוויזען איהרע טאַלאַנטען?

— האָט אַנאַ געפרעגט.

— ניין. וואָס עס איז פאָרגעקומען נאָך מיין אַוועקגעהן, דאָס, פאַרשטעהט זיך, ווייס איך ניט.

— נאָכדעם איז שוין ניט געווען, פאַר וועמען אויסצופּיינען זיך, — האָט אַנאַ געזאָגט מיט פיעל שפּאָט.

— דו האָסט אַ טעות, אַנאַ. ס'זיינען דאָרטען פאַרבליבען יונגע לייט, פאַר וועלכע עס וואָלט שוין כדאי געווען אַ זינג צו טאָן.

— ווער זיינען דאָס?

— היינריך בערמאַן, ווילי אייסלער, דעמעטער סטאַנצידעס.

— אַ, סטאַנצידעס! — האָט אַנאַ אויסגעשריען. — איצט פאַרדריסט מיר אייגענטליך, וואָס איך בין דאָרטען ניט געווען.

— מיר דוכט, אַז דו מיינסט עס טאַקי, כאָטש דו זאָגסט עס כלומר'שט אויף אַ געלעכטער.

— געוויס, — האָט אַנאַ געענטפערט — איך געפין, אַז דעמעטער איז מערקווירדיג שען.

געאָרג האָט געשוויגען אַ פּאָר סעקונדען און, פּלוצלונג אויפ־גערעגט, ווי דאָס איז געווען אין זיין טבע, האָט ער געפרעגט:

— לאָזט זיך אוים אפשר, אַז דאָס איז ער?

— וואָס פאַר אַן „ער"?

— אָט דער, וועמען... דו האָסט מעהר געליבט איידער מיך!

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן, צוגעטולעט זיך שטאַרקער צו

איהם און האָט געענטפערט איינפאַך, אָבער דאָך אַביסעל מיט שפּאָט:

— האָב איך באמת עמיצען ליב געהאַט מעהר פון דיר?

— דו האָסט זיך דאָך אַליין אין דעם מודה געווען, — האָט נעאָרג געענטפערט.

— איך האָב זיך פאר דיר אָבער אויך „מודה" געווען, אַז מיט דער צייט וועל איך דיך ליב האָבען מעהר, ווי איך האָב עמיצען ווען עס איז געליבט, אָדער געקאָנט ליבען.

— ביזט דו אין דעם זיכער, אַנאַ?

— יאָ, געאָרג, דאָס ווייס איך גאַנץ זיכער.

זיי זיינען ווידער אריין אין אַ לעבעדיגער גאַס, און ניט ווילענדיג האָבען זיך זייערע הענט צושיידט. זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט ביי פארשיעדענע קראָם־פענסטערס. אונטער איינעם אַ הויז־טויער האָבען זיי אַנטדעקט אַ גלאָז־קאַסטען מיט פאָטאָ־גראַפישע בילדער און האָבען זיך זעהר לוסטיג געמאַכט איבער די געמאַטערטע כלומר'שט פרייע פּאָזעס, אין וועלכע ס'האָבען זיך פאָטאָגראַפירט פארשיעדענע ליבעס־פּאָרלאַך: ערשט־גראַדואיר־טע אָפיצערען, דינסטמיידלאַך, יום־טוב'דיג אויסגעפּוצט, און דאַ־מען, פארמאַסקירטע צום באַל.

געאָרג האָט אין אַ לייכטען טאָן ווידער געפרעגט:

— אַלזאָ איז דאָס געווען סטאַנצידעס?

— אָבער וואָס פאַלט דיר איין? איך האָב מיט איהם אין מיין גאַנצען לעבען ניט אויסגערעדט קיין הונדערט ווערטער.

זיי האָבען ווייטער געשפּאַצירט.

— אַלזאָ, מסתמא, לעאָ גאָלאָווסקי? — האָט געאָרג גע־פרעגט.

זי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געשמייכעלט.

— דאָס איז געווען די יוגענד־ליבע, — האָט זי געענטפערט.

— דאָס געהט בכלל ניט אריין אין חשבון. אגב, וואָלט איך געוואָלט וויסען, וועלכע זעכצען־יאָהריגע מיידעל, זייענדיג אויף אַ זומער פּלאַץ, וואָלט זיך ניט פארליבט אין אַ שענעם בחור,

וואָס האָט זיך אויף אַ דועל געשלאָגן מיט אַ ווירקליכען גראַף און האָט נאָכדעם אכט טעג ארומגעשפּאַצירט — מיט אַ פּאָר־באַנדאַזשירטען אָרים.

— ער האָט עס דאָך אָבער ניט פונדיינטוועגען געטאָן, נאָר, אַזוי צו זאָגען, צוליעב דעם כבוד פון זיין שוועסטער.

— צוליעב טערעזע'ס כבוד! וואָס פאַלט דיר איין?

— דו האָסט דאָך מיר דערצעהלט, אַז דער יונגער מענש האָט טערעזע'ן אין וואַלד פאַרטשעפּעט, בעת זי האָט שטודירט „עמיליא גאַלאָטי".

— יאָ, דאָס איז אמת. אגב, האָט זי גאַנץ גערן געלאָזט פאַרפיהרען מיט זיך אַ שמועס. לעאָ'ן איז די געשיכטע נאָר דער־פאַר געווען דערווידער, ווייל דער גראַף האָט געהערט צו אַ געזעלשאַפט פון יונגע חברה־לייט, וועלכע זיינען באמת געווען חוצפה'דיג און טאַקי אויך אַביסעל אַנטיסעמיטיש. ווען טערעזע איז אַמאָל מיט איהר ברודער געגאַנגען ביים ים שפּאַצירען און דער גראַף האָט זי באַגעגענט, האָט ער אָנגעהויבען צו טערעזע'ן ריידען, ווי צו אַן אַלטער באַקאַנטער און לעאָ'ן האָט ער נאָר פאַרביילוי־פענדיג צוגעמורמעלט זיין נאָמען; לעאָ האָט זיך דעמאָלט אָפּגע־שטעלט, האָט זיך פאַרנייגט פאַר'ן גראַף און פאָרגעשטעלט זיך בזה הלשון: „לעאָ גאָלאָווסקי, איד פון קראַקוי". וואָס עס האָט דערנאָך פּאַסירט, ווייס איך ניט גענוי. זיי האָבען זיך צוואווער־טעלט, און אויפ'ן צווייטען טאָג איז פאָרגעקומען דער דועל אין דער קאַוואַלעריע־קאַזאַרמע אין קלאַגענפורט.

— בין איך דאָך גערעכט, — האָט געאָרג געענטפערט מיט שפּאָט, — פאַר דעם כבוד פון זיין שוועסטער האָט ער זיך גע־שלאָגען.

— ניין, זאָג איך דיר. איך בין דאָך דערביי געווען, ווען ער האָט אַמאָל מיט טערעזע'ן גערעדט וועגען דער געשיכטע און געזאָגט: „פון מיינטוועגען קענסט דו טאָן, וואָס דיר געלוסט זיך, קענסט ערלויבען צו פלירטען מיט זיך, ווען דו ווילסט"...

— נאָר אַ איד מוז ער זיין... — האָט געאָרג צוגעגעבען.

אנא האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— ער איז באמת גאָר ניט אזא.

— איך ווייס, — האָט געאָרג געענטפערט,— מיר זיינען זעהר גוטע פריינד געוואָרען די לעצטע צייט, דיין לעא און איך. נעכטען אבענד ערשט זיינען מיר ווידער צוזאמען געוועזן אין קאפע, און ער איז באמת לייטזעליג געוועזן צו מיר. איך גלויב, מיר איז ער אפילו מוחל מיין אָפּשטאַמונג. אגב, האָב איך דיר גאָר ניט דערצעהלט, אז טערעזע איז אויך היינט אבענד געוועזן ביי די עהרענבערגס.

און ער האָט איהר איבערגעגעבען וועגען טערעזע׳ס אריינ־קומען אין סאלאָן פון די עהרענבערגס און וועגען דעם איינדרוק, וואָס זי האָט געמאכט אויף דעמעטער׳ן.

אנא, א צופרידענע, האָט געשמייכעלט פון זיין דערצעהלונג.

שפעטער, ווען זיי זיינען אויף א שטילערער גאס ווידער גע־גאנגען נעארעמט, האָט געאָרג אָנגעהויבען:

— איצט ווייס איך נאָך פאָרט ניט, ווער איז געוועזן דיין גרויסע ליבע.

אנא האָט געשוויגען און געקוקט פאר זיך.

— נו, אנא! דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט, ניט אמת?

ניט קוקענדיג אויף איהם, האָט זי געענטפערט:

— ווען דו וואָלסט נאָר געוואוסט, ווי מערקווירדיג מיר זעהט היינט אוים די געשיכטע.

— פארוואס מערקווירדיג?

— ווייל דער, וועגען וועמען דו פרעגסט, איז אייגענטליך געוועזן אַן אלטער מאַן.

— פינף און דרייסיג, — האָט געאָרג זיך געוויצעלט, — ניט אמת?

זי האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— ער איז געוועזן אכט און פופציג אָדער זעכציג.

— און דו? — האָט געאָרג לאנגזאם געפרעגט.

— דעם זומער איז געוואָרען צוויי יאָהר. איין־און־צוואַנציג בין איך דאַמאָלסט געווען.

נעאָרג איז געבליבען פּלוצלונג שטעהן.

— איצט ווייס איך שוין, דאָס איז געווען דיין געזאַנג־לעהרער, ניט אמת?

אַנאַ האָט ניט געענטפערט.

— אַלזאָ, בין איך גערעכט, — האָט נעאָרג געזאָגט, ניט נתפּעל ווערענדיג פון דעם, ווייל ער האָט נאָך פריהער געוואוסט, אַז אין דעם באַרימטען לעהרער, ניט קוקענדיג אויף זיינע גרויע האָר, פלעגען זיך אַלע זיינע תּלמידות פאַרליבען.

— און איהם, — האָט נעאָרג געפרעגט, — האָסט דו ליב געהאַט מעהר פון אַלע מענשען, וואָס דו האָסט באַגעגענט?

— ס'איז מערקווירדיג, ניט אמת? אָבער ס'איז דאָך אַזוי...

— האָט ער פון דעם געוואוסט?

— איך גלויב, אַז יאָ.

זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף אַן אויסגעברייטען פּלאַץ, וואו עס איז געווען פאַרפלאַנצט אַ קליינער גאָרטען־סקוועאַר, זעהר אָרים באַלויכטען. פון הינטען האָט זיך געזעהן אַ קירכע, רויטליך שימערענד. דאָרטען, ווי ס'וואָלט זיי געצווינגען צו אַ שטילען אָרט, האָבען זיי אַרומגעוואַנדערט צווישען די טונקעלע, לייכט־רוישענ־דיגע צווייגען.

— און וואָס איז צווישען איך אייגענטליך פאָרגעקומען, אויב איך מעג דאָס פרעגען?

אַנאַ האָט געשוויגען, און נעאָרג' האָט אין דער מינוט אַלץ געהאַלטען פאַר מעגליך, אפילו, אַז אַנאַ איז געווען די גע־ליבטע פון יענעם מאַן. אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם אומ־אַנגענעמען געפיהל, וואָס ער האָט אָט ביי דעם געדאַנק דורכ־געלעבט, האָט זיך שטיל און קוים באַוואוסט אין איהם דערוועקט דער וואונש, אַז זי זאָל באַשטעטיגען זיין חשד. ווייל ווי לייכט און אונפאַראַנטוואָרטליך וואָלטען זיינע באַציהונגען צו אַנאַ'ן געוואָרען, ווען עס זאָל זיך אַרויסווייזען, אַז זי האָט שוין מיט

אן אנדערען געהאט צו נאָהענטע באַציהונגען, איידער זי האָט זיך איהם אָפּגעגעבען.

— איך וויל דיר די גאַנצע געשיכטע דערצעהלען, — האָט אַנאַ צום סוף געזאָגט. — זי איז באמת ניט אַזוי שרעקליך.

— אַלזאָ? — האָט געאָרג געפרעגט, מערקווירדיג געשפּאַנט.

— איינמאָל נאָך דער שטונדע, — האָט אַנאַ, שלאָגענדיג זיך אין דעה, אָנגעהויבען צו דערצעהלען: — האָט ער מיר גאַלאַנט געהאָלפען אָנטאָן דעם זשאַקעט און פּלוצלונג האָט ער מיך אַ ציה געטאָן צו זיך, — אַרומגעאָרימט און געקושט.

— און דו...?

— איך... איך בין געווען אינגאַנצען באַרוישט.

— באַרוישט...

— יאָ, עס איז געווען עפּעס אומבאַשרייבליכעס. ער האָט מיר דעם שטערן געקושט, די ליפּען און די האָר... ער האָט מיין האַנט גענומען און האָט געמורמעלט אַלערליי ווערטער, וועלכע איך האָב זיך אַפילו ניט גוט איינגעהערט...

— און...

— און נאָכדעם... נאָכדעם האָבען זיך דערהערט פון דער־ביי שטימען... ער האָט מיין האַנט אַרויסגעלאָזען... און אַלץ האָט זיך געענדיגט.

— געענדיגט?

— יאָ, געענדיגט. זעלבסטפאַרשטענדליך האָט זיך אַלץ געענדיגט.

— ס'איז אייגענטליך ניט אַזוי זעלבסטפאַרשטענדליך. דו האָסט איהם דאָך ווידער געזעהן.

— געוויס. איך האָב זיך ביי איהם ווייטער געלערענט.

— און...?

— איך זאָג דאָך דיר, עס האָט זיך געענדיגט... אינגאַנצען, ווי ס'וואָלט גאָר קיינמאָל, גאָרנישט ניט געטראָפען.

געאָרג האָט זיך געוואונדערט, וואָס ער האָט זיך דערפיהלט באַרוהיגט.

— און ער האָט גאָר קיינמאָל מעהר ניט געפּרובט? — האָט געאָרג געפרעגט.

— קיינמאָל מעהר ניט. דאָס וואָלט אויך לעבערליך געוועזען. און ער איז געוועזען קלוג, ער האָט דאָס אַליין זעהר גוט געוואוסט. אפריהער, דאָס איז אמת, האָב איך איהם זעהר ליעב געהאַט, אָבער נאָך דעם פאַל איז ער פאַר מיר געוועזען ניט מעהר, ווי מיין אַלטער לעהרער, אין אַ געוויסער מאָס נאָך אפילו עלטער, ווי ער איז באמת געוועזען. איך ווייס ניט, צי דו קענסט דאָס אַזוי גוט פאַרשטעהן. ס'איז געוועזען, ווי ער וואָלט זיין גאַנץ ביסעל פאַר־בליבענע יוגענד אין אָט דער רגע פאַרשוואונדען.

— איך פאַרשטעה דאָס זעהר גוט, — האָט געאָרג געזאָגט.

ער האָט איהר געגלויבט און האָט זי געליעבט נאָך מעהר, ווי פריהער. זיי זיינען אריינגעגאַנגען אין קירכע. עס איז געוועזען כמעט פינסטער אין דעם גרויסען טעמפּעל. נאָר ביי דעם זייטיגען אַלטאַר האָבען טונקעל געברענט ליכט, און אַנטקעגען, הינטער דער קליינער סטאַטוע פון אַ הייליגען האָט געשימערט אַן אָרים ליכטעל. אַ שטראָם פון ווייערויך־ריחות האָט זיך געטראָגען צווישען באַלקען און די שטיינערנע פּלאַטען. דער שמש איז ארומגעגאַנגען און האָט געקלונגען מיט די שליסלען. אויף די הינטערשטע בענק, אין דער פינסטער האָבען זיך געזעהן פאַר־גליווערטע געשטאַלטען. לאַנגזאַם איז געאָרג געגאַנגען פאַראויס מיט אַנאַ'ן, און האָט זיך געפיהלט, ווי אַ יונגער מאַן אויף אַ לוסט־רייזע נאָך דער חתונה, וואָס געהט ארום מיט זיין יונגער ווייב באַקוקען אַ קירכע. ער האָט דאָס געזאָגט אַנאַ'ן. זי האָט נאָר אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— ס'וואָלט אָבער געוועזען נאָך אַ סך בעסער, — האָט געאָרג געענטפערט, בעת זיי זיינען, צוגעטולעט איינער צום אַנדרערען, געשטאַנען לעבען אַלטאַר, — ווען מיר וואָלטען באמת צוזאַמען געוועזען ערגעץ אין דער פרעמד...

זי האָט איהם אָנגעקוקט, ווי אַ באַגליקטע, און דאָך מיט אַ פראַגע; און ער האָט זיך דערשראָקען פון זיינע אייגענע ווער־

טער. וואָס, אויב אַנאַ וועט אָננעמען זיינע ווערטער אַלס אַן ערנסטען פאָרלאַנג, אָדער גאָר אַלס אַ פאָרשלאַג? איז ער ניט מחויב אויפצוקלערען זי, אַז ער האָט גאָרנישט געמיינט?... ער האָט זיך דערמאָנט אַ שמועס, דאָ אַנומעלט, בעת זיי זיינען אין אַ ווינטיג־רעגענדיגען טאָג צוזאַמען אונטער'ן שירם געגאַנגען שפּאַצירען הינטער'ן שטאָדט אין שענברון. ער האָט איהר געמאַכט דעם פאָרשלאַג, מיט איהם אין שטאָדט צו פאָרען און ערגעץ־וואו אין אַ באַזונדער צימער אין אַ האָטעל צו עסען אָבענד־ברויט; זי האָט מיט אַן אייז־קאַלטקייט, וועלכע פלעגט צייטענווייז איהר גאַנצען וועזען אַזוי ווי אַרומשמידען, דערויף געענטפערט: „איך בין ניט פאַר אַזוינע זאַכען". ער האָט ניט געפּרובט זי מעהר איינריידען. דאָך אין אַ פערטעל שעה אַרום, בעת זיי האָבען גע־רעדט וועגען געאָרג'ס לעבענס־אויפפיהרונג, האָט זי צו איהם מיט אַ פיל באַדייטענדען שמייכעל געזאָגט: „דו האָסט ניט קיין שום איניציאַטיווע, געאָרג." אין דער רגע האָט ער פּלוצלונג דער־פיהלט, ווי ס'וואָלטען זיך גאָר אומגעריכט געעפענט באַהאַלטענע טיפענישען פון איהר נשמה, פאַר וועלכע מען דאַרף זיך היטען. ער האָט איצטער ווידער געמוזט טראַכטען וועגען דעם, וואָס קומט אין איהר פאָר?... וואָס ווינשט זי און אויף וואָס איז זי געווען גרייט?... און וואָס ווינשט און פיהלט ער אַליין? דאָס לעבען איז דאָך געווען אַזוי אָהן אַ חשבון. איז דען דאָס ניט זעהר מעג־ליך, אַז ער וועט אַמאָל באמת מיט איהר אַרומפאָרען איבער דער וועלט, אַ צייט פון גליק מיט איהר דורכלעבען... און צום סוף זיך צושיידען מיט איהר, ווי ער האָט זיך צושיידט מיט פילע אַנ־דערע? — דאָך,בשעת ער האָט אַזוי געטראַכט וועגען דעם אומ־פאַרמיידליכען סוף, וואָס מוז דאָך אַמאָל קומען, אַלץ איינס, צי דאָס וועט אויסגעהן צום טויט אָדער צום לעבען, האָט ער גע־פיהלט אַ לייכטען וועהטאָג אין האַרצען...

זי האָט נאָך אַלץ געשוויגען. האָט זי ווידער געמיינט, אַז איהם פעהלט איניציאַטיווע?... אָדער האָט זי אפשר געטראַכט: עס וועט מיר פאַרט סוף כל סוף געלינגען צו ווערען זיין פרוי...?

דאָ האָט ער דערפּיהלט איהר האַנט זעהר לייכט גלעטענדיג זיינע מיט עפּעס אַ נייער צאַרטקייט, וואָס האָט אויף איהם אַזוי גוט געווירקט.

— הער אויס, געאָרג, — האָט זי געזאָגט.

— וואָס איז? — האָט ער געפרעגט.

— ווען איך וואָלט געווען פרום, — האָט זי געענטפערט, — וואָלט איך וועלען אויף עפּעס בעטען.

— אויף וואָס? — האָט געאָרג געפרעגט, כמעט מיט שרעק.

— אַז פון דיר, געאָרג, זאָל עפּעס אַרויסקומען, עפּעס זעהר באַדייטענדעס! אַן אמת'ער, גרויסער קינסטלער.

ניט ווילענדיג האָט ער אַראָפּגעלאָזען זיינע אויגען צו דער ערד, ווי פאַרשעמט פון דעם, וואָס איהרע געדאַנקען זיינען אויף אַזויפיל ריינער פון זיינע געווען.

אַ בעטלער האָט נעעפּענט דעם דיקען, גרינעם פאָרהאַנג, געאָרג האָט געגעבען דעם מאַן אַ מטבעה; זיי זיינען געווען אין דרויסען. די גאַסען־פייערן האָבען זיך אָנגעצונדען, דער גערויש פון וואָגענס און לאַדען איז געווען נאָהענט. געאָרג האָט געפיהלט, אַזוי ווי עס וואָלט צוריסען געוואָרען אַ שענער שלייער, וואָס האָט זיך אַרומגעוועבט אַרום איהם און איהר אינ'ם בין־השמשות פון קלויסטער; אין אַ פרייען טאָן האָט ער פאָרגעשלאָגען צו מאַכען אַ קליינע שפּאַציר־רייזע. אַנא האָט גערן איינגעשטימט. אין אַן אָפּענעם פיאַקער — דעם צודעק האָבען זיי געהייסען אויפהויבען —זיינען זיי געפאָרען די גאַס אַרונטער, דורך דעם „רינג", ניט זעהענדיג פיל פון די געביידעס און גערטענער, וועלכע זיי זיינען פאַרבייגעפאָרען; זיי האָבען קיין וואָרט ניט גערעדט צווישען זיך און האָבען זיך געטולעט איינער צום אַנדערן. זיי האָבען געפיהלט יעדערער זיין אייגענע און דעם צווייטענס אומגעדולד און האָבען געוואוסט, אַז קיין צוריק איז שוין מעהר ניטאָ.

ווען זיי זיינען געווען ניט ווייט פון אַנאַ'ס וואָהנונג, האָט געאָרג געזאָגט:

— ס'אַר אַ שאָד, וואָס דו מוזט שוין אַהיימגעהן.

זי האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען און האָט מאָדנע געשמייכעלט. די טיפּענישען אַנטפּלעקען זיך, האָט געאָרג ווידער געטראַכט, אָבער שוין אָהן מורא, כמעט מיט פרייד. איידער דער פּיאַקער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים עק גאַס, האָבען זיי אָפּגערעדט צו טרעפען זיך אויף מאָרגען פאַר מיטאָג אין שוואַרצענבערגער־גאָרטען, נאָכדעם זיינען זיי אַרויס פון ,,ער דראָזשקע. אַנאַ האָט זיך געאיילט אַהיים, און געאָרג האָט זיך פּאַמעלאַך געלאָזט געהן צום שטאָדט צו.

ער האָט זיך מישב געווען, צי ער זאָל געהן אין קאַפע. קיין שטאַרקען חשק דערצו האָט ער ניט געהאַט. בערמאַן איז דאָך, מסתמא פאַרבליבען ביי די עהרענבערגס אויף אָבענד־מאָלצייט. אַז לעאָ גאָלאָווסקי זאָל אַריינקומען, איז געווען קנאַפּ וואָס צו רעכענען דערויף; און צו די אַנדערע יונגע לייט, על פּי רוב אידישע שרייבער, מיט וועמען געאָרג האָט זיך אין דער לעצטער צייט באַקענט, האָט איהם ווייניג געצויגען, כאָטש אייניגע פון זיי זיינען, לויט זיין מיינונג, געווען ניט אומאינטערעסאַנט. בכלל האָט ער געפונען, אַז דער טאָן, אין וועלכען די יונגע לייט האָבען געשמועסט צווישען זיך, איז געווען אָדער צו אינטים, אָדער צו אָנגעצויגען; צו וויציג אָדער צו פּאַטעטיש; זייער באַציהען זיך איינער צו דעם אַנדערן און צו זיך אַליין האָט אויך אויסגעוויזען געאָרג'ן צופיל אָנגעשטרענגט. אגב, האָט היינריך אַנומעלט דערקלערט, אַז ער וויל מעהר נישט האָבען צו טאָן מיט דעם גאַנצען קרייז, וועלכער איז צו איהם זעהר פיינדליך געשטימט, זינט ער האָט אָנגעהויבען צו האָבען ערפאָלג. געאָרג האָט אפילו דערפון ניט שטאַרק געהאַלטען: ער האָט גערעכענט, אַז, ווייל בטבע האָט היינריך ליעב צו קוקען אויף אַלצדינג מיט חשד, קען זיך איהם אויסדוכטען, אַז מען האַסט און פאַרפאָלגט איהם, בעת אין דער אמת'ן איז מען צו איהם בלויז גלייכגילטיג אָדער מען האָט איהם אפשר ניט ליעב. געאָרג האָט אויך געוואוסט ביי זיך, אַז איהם האָט געצויגען צום יונגען ליטעראַט ניט אַזוי די פריינדשאַפט, ווי די נייגעריגקייט צו באַקענען זיך מיט אַ זעלטענעם מענשען;

און אפשר אויך דער אינטערעס נעהענטער אריינצוקוקען אין א וועלט, וואָס איז איהם ביז אהער געווען פרעמד. און בעת ער אליין פון זיין זייט איז איצט, אזוי ווי פריהער, געווען גאַנץ איינ־געהאַלטען און האָט דערהויפּט אויסגעמידען יעדען געשפּרעך וועגען זיינע באַציהונגען צו פרויען, האָט היינריך איהם ניט נאָר דער־צעהלט וועגען זיין אוועקגעפּאָרענער געליעבטער, צוליעב וועלכער, ווי ער האָט געַ׳טענה׳ט, ס׳איז איהם אויסגעקומען צו ליידען די שווערסטע אייפערזוכט־יסורים, נאָר ער האָט אויך פּאַרטרויט גע־אָרג׳ן א סוד, אז אין דער לעצטער צייט פאַרברייננגט ער די אָבענ־דען מיט א שענער בלאָנדינקע, — כדי צו באַטויבען זיך, ווי ער האָט צוגעגעבען, אַפּלאַכענדיג פון זיך אַליין. היינריך האָט איהם אויך דערצעהלט ניט נאָר וועגען זיינע סטודענטישע יאָהרען און זיין זשורנאַליסטישער טעטיגקייט אין וויען דאָ ניט לאַנג, נאָר אויך וועגען זיין קינדהייט און בחור־צייט אינ׳ם קליינעם בעהמי־שען פּראָווינץ־שטעדטעל, וואו ער איז מיט דרייסיג יאָהר צוריק געבוירען געוואָרען. געאָרג׳ן איז אויסגעקומען מאָדנע און צייטענ־ווייז כמעט פּיינליך דער טאָן, אין וועלכען היינריך האָט גערעדט פון די זייניגע און בפרט פון זיין קראַנקען פאָטער, וואָס איז גע־ווען אַן אדוואָקאַט אין יענעם קליין־שטעדטעל און א געוויסע צייט א דעפּוטאַט פון פּאַרלאַמענט. דער טאָן איז געווען א געמיש פון צאַרטקייט און עקעל, פון צוגעבונדענקייט און פאַרפרעמדקייט. ער האָט זיך אפילו אביסעל איבערגענומען דערמיט, וואָס זייענדיג אינגאַנצען אַלט צוואַנציג יאָהר, האָט ער שוין פאָראויסגעזאָגט זיין פאָטער, דעם בעל בטחון, די צוקונפט, און זיין נבואה איז מקוים געוואָרען: נאָך א קורצער צייט פון פּאָפּולאַריטעט האָט די אַלץ וואַקסענדע אַנטיסעמיטישע באַוועגונג אַרויסגעשטויסען זיין פאָטער פון דער דייטש־ליבעראַלער פּאַרטיי; דאָס רוב פון זיינע פריינד האָבען איהם פאַרלאָזען און פאַרראַטען; אויף זיין אָרט אין פּאַרלאַמענט איז אויסדערוועהלט געוואָרען עפּעס א שכור׳ער סטודענטעל, וואָס אויף די פאַרזאַמלונגען פלעגט ער פאַר׳מסר׳ען די אידען און די טשעכען אַלס די ערגסטע שונאים פון דייטשער

קולטור און מאָראַל, און ביי זיך אין דערהיים פּלעגט ער ממית'ען זיין ווייב און מאַנס זיין זיינע דינסטען. היינריך, ווען דעם פאָטערס אמת אויפריכטיגע מליצה וועגען דייטשטום, פרייהייט, פּראָגרעס איז געווען נוט צום הארצען, האָט לכתחילה צוגעזעהן מיט א געוויסען געפיהל פון נקמה־פרייד די מפּלה פון זיין אַלטען פאָטער. נאָר שפּעטער צו, ווען דער אמאָל פּאָפּולער געווע־זענער אדוואָקאט האָט אָנגעהויבען צו פארלירען זיינע קליענטען, און די מאַטעריעלע לאַגע פון דער פאַמיליע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרען ערגער, האָט היינריך אָנגעהויבען פיהלען צו זיין פאָטער עפּעס ווי א פארשפּעטיגטען מיטלייד. ער האָט געמוזט איבער־רייסען זיין יורידישע בילדונג, כדי ארויסצוהעלפען זיין פאַמיליע דורך זשורנאַליסטישע טאָג־ארבייט. זיינע ערשטע קינסטלערישע ערפאָלגען האָבען קיין שום רושם נים געמאַכט אין דעם פארטרוי־ערטען הויז פון זיין פאַמיליע. ביים פאָטער האָבען זיך שוין באַוויזען די שווערע סמנים פון גייסטיגער קראַנקהייט; פאַר דער מוטער האָט דאָס פאָטערלאַנד און די מלוכה אויפגעהערט צו עקזיסטירען, זינט איהר מאַן איז נים אויסדער־וועהלט געוואָרען מעהר אין פארלאַמענט. די גאַנצע וועלט אָבער איז פאַר איהר גאָר איינגאַנצען פארשוואונדען, בעת דער אַלטער בערמאַן איז פארזונקען געוואָרען אין דער פינסטערקייט פון משוגעת. די איינציגע שוועסטער היינריך'ס, ערשט נים לאַנג נאָך א בליהענדע און קלוגע מיידעל, איז צוליעב אַן אומגליקליכער ליעבע צו א קליינשטעדטעלדיגען דאָן־זשואַן אריינגעפאַלען אין מרה־שחורה און האָט מיט קרענקליכער איינגעשפּארטקייט באַ־שולדיגט דעם ברודער, מיט ווען זי האָט אין דער יוגענד זעהר גוט געלעבט, אין אַלע צרות, וואָס זיינען אויסגעפאַלען אויף זייער הויז. אויך וועגען די אַנדערע קרובים, אויף ווען ער האָט זיך דערמאָנט פון אַלטע צייטען, פלעגט היינריך דערצעהלען, און ווי געשטאַלטען פון אַן אַנדער וועלט, האָבען זיך געאָרג'ן פאָרגע־שטעלט די אַלטע אידען און אידענעס מיט זייערע לעבערליכע און צייטענוויז ריהרענדע שטריכען פון איינגעשפּארטער פרומקייט.

ער האָט געמוזט, סוף כל סוף, באַגרייפען, אַז היינריך האָט ניט געפּיהלט קיין שום בענקעניש נאָך יענעם פון פּאַרטיי־שטרייטיג־קייטען צוריסענעם קליין־שטעדטעל, און אַז ס׳האָט איהם ניט גע־צויגען צו דער שטיקענדיגער ענגשאַפט פון דעם חרוב ווערענדיגען הויז פון זיינע עלטערן; ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז אין היינריך׳ס עגאָאיזם איז געלעגען זיין רעטונג און אויך זיין באַ־פרייאונג.

פונ׳ם טורם פון דער סט. מיכאַל־קירכע האָט געשלאָגען ניין, ווען געאָרג איז געשטאַנען פאַר דעם קאַפע. ביי אַ פענסטער, וואָס איז ניט געווען פאַרשטעלט מיט קיין פאָרהאַנג, האָט ער געזעהן דעם קריטיקער ראַפּ זיצענדיג ביי אַ טיש אָנגעלייגט מיט אַ פּאַק צייטונ־גען. ער האָט אָקאָרשט אַראָפּגענומען די פּענסנע, אויסגעווישט זי, און זיין בלאַסער, געוועהנליך בייז־קלוגער פּנים, האָט אויסגע־זעהן ווי טויט צוליעב די אויסגעלאָשענע אויגען. אַנטקעגען איהם, זשעסטיקולירענדיג מיט די הענט, איז געזעסען דער דיכטער גלייסנער, איג׳ם גלאַנץ פון זיין געקינסטעלטער עלעגאַנץ; ער האָט געטראָגען אַ משונה׳דיגען, שוואַרצען קראַוואַט, אין וועלכען ס׳האָט געפינקעלט אַ רויטער שטיין. בעת געאָרג, ניט הערענדיג זייערע שטימען, האָט צוגעזעהן, ווי זייערע ליפּען באַוועגען זיך און ווי זיי וואַרפען זיך דורך מיט די אויגען, האָט ער עס קוים באַגריפען, ווי אַזוי זיי קענען אָט אין אַזאַ אַטמאָספערע פון שנאה אויסזיצען אפילו אַ פערטעל שעה צוזאַמען. ער האָט מיט אַמאָל דערפיהלט, אַז אָט דאָס איז די אַטמאָספערע, אין וועלכער עס שפּילט זיך אָפּ דאָס לעבען פון אָט דעם גאַנצען קרייז, און אַז זעלטען נאָר רייסט זיך דאָ דורך אַ בליץ פון גייסט און זעלבסט־דערקענונג. וואָס האָט ער מיט די מענשען צו טאָן? אַ מין שרעק האָט איהם אַרומגע־כאַפּט. ער האָט זיך אָפּגעקערט און האָט באַשלאָסען, אַנשטאַט אין קאַפע, ווידער אַמאָל אין קלוב צו געהן, וואו ער איז שוין זינט עטליכע חדשים ניט געווען. ס׳זיינען געווען נאָר עטליכע טריט ביז דאָרטען. באַלד איז געאָרג אַרויף אויף די ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ. ער איז אַריין אין דעם קליינעם עס־צימער מיט די העל־

גרינגע פֿאַרהאַנגען. ס'האָבן איהם באַגעגענט ראַלף סקעלעטאָן, דער אַטאַשע פֿון דעם ענגלישען געזאַנדטען, און דאָקטאָר פֿאָן ברייטנער, וועלכע זיינען געזעסען אין אַ ווינקעל און געגעסען אָבענדברויט; זיי האָבען איהם באַגריסט, איינגעהאַלטען, אָבער האַרציג, ווי אַ זעלטענעם גאַסט. מ'האָט גערעדט וועגען דעם קומענדיגען טורניר, וועגען דעם באַנקעט, וואָס ווערט געמאַכט לכבוד דעם אויסלענדישען פֿעכט־מייסטער; מ'האָט נעשמועסט וועגען דער נייער אָפּערעטע אין ווידנער טעאַטער, וואו פֿריילין לאָוואַן אין דער ראָלע פֿון אַ באַיאַדערע איז אַרויסגעטראָטען כמעט אַ נאַקעטע; און וועגען דעם דועל פֿונ'ם פֿאַבריקאַנט היידענ־פֿעלד מיט דעם ליוטענאַנט נאָוואַטני, וואו דער באַליידיגטער מאַן איז גע'הרג'עט געוואָרען. נאָכ'ן עסען האָט געאָרג מיט סקעלע־טאָן'ען געשפּילט אַ פּאַרטיע ביליאַרד און האָט געוואונען ביי איהם. ער האָט אָנגעהויבען צו פֿיהלען זיך דאָרטען אַלץ בעסער און האָט ביי זיך באַשלאָסען פֿון היינט אָן! אָפֿטער צו קומען אַהער אין די לופֿטיגע און שען פֿאַרפּוצטע צימערען, וואו ס'קומען אַריין שען אָנגעטאָנענע יונגע לייט, מיט וועמען מ'קען לייכט און אַנגע־נעהם אַ שמועס טאָן. ס'איז אַריינגעקומען פֿעליציאַן. ער האָט דערצעהלט דעם ברודער, אַז מ'האָט ביי די עהרענבערגס נאָך גאַנץ פֿיין פֿאַרבראַכט. ער האָט איהם אויך איבערגעגעבען אַ גרוס פֿון מאַריאַנע'ן. ברייטנער, מיט זיין באַרימט־גרויסער ציגאַר אין מויל, איז צוגעשטאַנען צו די ברידער. ער האָט דערצעהלט, אַז מ'וועט אין עס־צימער באַלד אויסהענגען די בילדער פֿון אייניגע חשוב'ע קלוב־מיטגליעדער, און פֿריהער פֿאַר אַלעמען דעם פּאָטרעט פֿון דעם יונגען לאַבינסקי, וועלכער האָט פֿאַראַיאָהרען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. געאָרג האָט זיך ניט ווילענדיג דערמאָנט וועגען גרייס, וועגען דעם מערקווירדיגען גליהענד־קאַלטען געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיט איהר דעמאָלט אויפֿ'ן בית־עולם אינ'ם צוגאַנגענעם פֿעברואַר־שניי, און וועגען יענער וואונדערליכער נאַכט אויפֿ'ן שיף־דעק, וואָס איז באַגאַסען געווען מיט לבנה־שיין, בעת זיי זיינען געפֿאָרען פֿון פּאַלערמאָ אין נעאַפּאָל. ער האָט קוים

געוואוסט, נאָך וועלכער פרוי ער בענקט אין אָט דעם מאָמענט שטאַרקער פון אַלעמען; נאָך דער פאַרלאָזענער מאַריאַנאַ, נאָך דער פאַרשוואונדענער גרייס, אָדער נאָך דער ליעבער, יונגער מיידעל, מיט וועלכער ער האָט ערשט מיט אַ פּאָר שעה פריהער גע־שפּאַצירט אין דעם בין־השמשות פון דער קירכע, ווי אַ יונגע פּאָר־פאָלק ערשט נאָך דער חתונה אויף אַ לוסטרייזע אין אַ פרעמדער שטאָדט, און וועלכע האָט געוואָלט תפילה טאָן, עס זאָל פון איהם ווערען אַ גרויסער קינסטלער. ער האָט דערפיהלט אַ לייכטע צאַרטקייט, דערמאָנענדיג זיך אָן דעם. זעהט עס ניט אוים אַזוי, ווי זי וואָלט אין זיין קינסטלערישער צוקונפט געווען מעהר פאַר־אינטערעסירט, ווי אין איהם אַליין?... ניין... ניט מעהר. זי האָט דאָך נאָר אויסגעדריקט דאָס, וואָס האָט שטענדיג געשלומערט אין די טיפענישען פון זיין נשמה. ער האָט נאָר צייטענווייז, ווי פאַרגעסען, אַז ער איז אַ קינסטלער. אָבער דאָס מוז אַנדערש ווערען. אַזויפיל איז שוין געווען אָנגעהויבען און צוגעגרייט. נאָר אַביסעל התמדה, און ער מוז דערגרייכען ערפאָלג.

אין דעם קומענדיגען יאָהר מוז ער זיך לאָזען איבער דער וועלט. אַ שטעלע פון אַ קאַפּעלמייסטער וועט ער לייכט קריגען און מיט איין שטאַרקען שפּרונג וועט ער דערגרייכען זיין באַרוף, וואָס וועט איהם ברייגנען געלט און רוהם. ער וועט זיך באַקענען מיט נייע מענשען. אַ נייער הימעל וועט אויפשיינען איבער איהם, און געהיימניספול, ווי פון אַ ווייטען נעבעל האָבען זיך ווייסע אָרימס אויסגעשטרעקט נאָך איהם. און בעת די יונגע לייט לעבען איהם האָבען ערנסט אַרומגערעדט די שאַנסען פון די קעמפער ביי דעם קומענדיגען טורניר, האָט זיך געאָרג אין זיין ווינקעל ווייטער גע־חלומ'ט פון אַ צוקונפט פול מיט אַרבייט, ליעבע און רוהם.

אין דערזעלביגער צייט איז אַנאַ געלעגען אין איהר טונקע־לען צימער, ניט שלאָפענדיג, מיט אָפענע אויגען און געקוקט אויפ'ן סטעליע; צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען מיט אַ זיכערען געפיהל, אַז ס'איז פאַראַן אַ מענש אויף דער וועלט, וואָס קען מיט איהר טאָן, וואָס איהם וועט זיך פאַרגעלוסטען; זי האָט גע־

פיהלט אין זיך א פעסטע ענטשלאָסענהייט צו געניסען די גאַנצע גליקזעליגקייט מיט אַלע ליידען, וואָס קענען אויספאַלען אויף איהר גורל, און אַ שטילע האָפנונג, שענער פון אַלע, וואָס זי האָט ווען עס איז געהאַט, האָט זיך אין איהר דערוועקט — אויף צו שטענדיגען רוהיגען גליק.

# דריטער קאַפּיטעל.

גאָרג און היינריך זיינען אַראָפּ פון זייערע וועלאָסיפּעדען. די לעצטע ווילעס זיינען געלעגען הינטער זיי, און דער ברייטער וועג, שטופּענוויז שטייגענדיג, האָט געפיהרט אין וואַלד אריין. די ביימער זיינען נאָך געווען געדיכט באַבלעטערט, אָבער דער קלענסטער ווינטעל האָט אַרונטערגעריסען בלעטלאַך, און לאַנגזאַם זיינען זיי געפאַלען אויף דער ערד. אַ הערבסטליכער גלאַנץ איז געלעגען אויף די געל־רויטליכע בערגלאַך. דער וועג איז געוואָרען אַלץ באַרגיגער. ער האָט זיך געצויגען פאַרביי אַ שענעם גאָרטען־רעסטאָראַן, וואוהין ס'האָבען געפיהרט שטיינערנע טרעפּ. נאָר עטליכע מענשען זיינען געזעסען אין דרויסען; דער גרעסערער עולם איז געווען אויף דער גלעזערנער וועראַנדע, אַזוי ווי ניט וועלענדיג זיך איינגאַנצען פאַרטרויען אויף דער באַטריגערישער וואַרימקייט פון אַ שפּעטיגען אָקטאָבער־טאָג, ווען אין דער וואַרימקייט גופא וועהט אַריין פון צייט צו צייט די געפאַהר פון דער קומענדיגער קעלט. גאָרג האָט זיך מיט בענקעניש דערמאָנט אָן יענעם ווינטער־אָבענד, ווען ער און מאַריאַנאַ זיינען געווען דאָ אַלס די איינציגע געסט. אָן אומעטיגער איז ער לעבען איהר געזעסען, האָט זיך מיט אומגעדולד צוגעהערט צו איהר פּלאַפּלעריי וועגען דעם נעכטיגען קאָנצערט, וואו בעליני האָט זיינע לידער געזונגען; און ווען ער האָט צוליעב מאַריאַנאַ'ס שרעקעדיגקייט געמוזט אומקעהרען זיך אין שטאָדט, האָט ער אויפגעאָטעמט ווי אַ באַפרייטער. אַזאַ מין געפיהל פון באַפרייאונג פלעגט ער איבערלעבען כמעט יעדען מאָל, ווען ער האָט זיך געזעגענט מיט זיינער אַ גע־

ליעבטער, אפילו ווען זיי האָבען זעהר גוט פאַרבראַכט צוזאַמען. אפילו בשעת ער האָט מיט דריי טעג צוריק פאַרלאָזען אנאַ'ן ביים טויער פון איהר הויז, נאָכ'ן ערשטען אבענד פון פּאָלקאָמענעם גליק, האָט ער אויך פריהער פון אלע אנדערע דורכלעבונגען דער־פיהלט די פרייד, וואָס ער איז ווידער איינער אליין. און באלד נאָכדעם, איידער נאָך זיין גאַנצע נשמה איז דורכגעדרונגען גע־וואָרען מיט דעם געפיהל פון דאַנקבאַרקייט און מיט'ן באַוואוסט־זיין פון אמת'ער נאָהענטקייט מיט אָט דער צאַרטער מיידעל, וועל־כע האָט זיך איהם איבערגעגעבען מיט ליב און לעבען, — האָט זיך אין איהם שוין דערוועקט אַ ליידענשאַפטליכער באַגעהר ארומ־צורייזען איבער גרויסע ימים, זעהן טומעלדיגע האַפענס, שפּאַצירען איבער ברעגען, וועלכע וועלען אויף מאָרגען פאַרשווינ־דען; ער האָט געטרוימט פון בלאָע ווייטקייטען, וואו צו זיין איינער אליין פריי און ניט געבונדען... אויף מאָרגען, ווען ער האָט אויפ־געוואַכט און האָט זיך דערפיהלט ארומגעוועבט פון צאַרטע ערי־נערונגען, האָט ער, פאַרשטעהט זיך, זיין רייזע אָפּגעלייגט אויף אַ שפּעטערדיגע, אפשר ניט צו ווייטע, אָבער מעהר פּאַסענדיגע צייט. אז אָט די ליעבע, ווי ערנסט און צאַרט זי האָט זיך ניט אָנגעהויבען, וועט זיך אויך ענדיגען, דאָס האָט געאָרג גע־וואוסט אפילו אין יענעם מאָמענט, אָבער דאָס האָט איהם ניט גע־מאַכט שווידערן. אַנאַ האָט זיך איהם אָפּגעגעבען, ניט אָנדייטענ־דיג מיט קיין וואָרט, מיט קיין בליק אָדער וואונק, אז פון איצט אָן הויבט זיך אָן פאַר איהר אין אַ געוויסער מאָס אַ נייער קאַפּי־טעל אין לעבען. און אזוי לייכט וועט אויך — דאָס האָט געאָרג טיף געפיהלט — זיין דאָס שיידען זיך: אָהן טרויער און פאַר־דראָס; אַ האַנט־דרוק, אַ שמייכעל, אַ שטילעם „ס'איז געווען אזוי שען". און נאָך גרינגער איז איהם געוואָרען אויפ'ן הארצען, ווען זי האָט איהם צום ערשטען מאָל נאָכדעם באַגעגענט מיט אַן איינ־פאַכען, הארציגען גרוס, אין וועלכען ס'האָט זיך ניט געפיהלט דער מאָן פון שטילער פאַרזאָרגטקייט אָדער אָהנמעכטיגען פּאַטאַליזם, ווי עס האָט זיך געפיהלט אין די ווערטער פון אַנדערע פרויען,

וועלכע האָבען נים צום ערשטען מאָל דורכגעלעבט דעם שטורם פון לײדענשאַפט.

פון װײטען האָט אַ שײן געטאָן אַ פּאַרוואָלקענטער באַרג־פּאַס און איז ווידער פאַרשוואונדען, וועגן דער וועג דורכ'ן געדיכטען וועלדעל האָט גענומען שטײגען אַלץ העכער. בלעטער־און־נאָדעל־בוימער האָבען פרידליך געוואַקסען אײנע לעבען די אַנדערע, און דורך די אײנפּאַרמיג קאָלירטע מאַסנעס האָבען דורכגעלויכטען די רייכע הערבסטליכע קאָלירען פון די באַבלעטערטע בעריאָזעס און בוקען.

ס'האָבען זיך באַוויזען וואַנדערער, אײניגע מיט רײזע־זעק אויף די פּלײצעס, מיט בערג־שטעקענס און מיט שטיוועל באַשלאָגען מיט טשוועקעס, אַנגעטאָן, ווי צו אַ באַדײטענדער עקסקורסיע אין די בערג; צײטענווײז פלעגען זיך איבער'ן וועג דורכטראָגען, מיט אַ לוסטיגער שנעלקײט, וועלאָסיפּעדיסטען.

הײנריך האָט דערצעהלט זײן באַגלײטער, וועגען אַ וועלאָסיפּעד־רײזע איבער די ברעגען פון ךהײן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אָנפאַנג סעפּטעמבער.

— איז דאָס נים מערקווירדיג — האָט געאָרג געזאָגט, — איך האָב שוין אַזויפיעל אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט, און די געגענד, וואָס איז געוועזן די היים פון מײנע אבות, קען איך נים.

— איז דאָס אמת? — האָט הײנריך געפרעגט. — און עס וועקט זיך אין אײך גאָרנישט נים אויף, ווען איהר הערט דעם וואָרט „רהײן” אַרויסזאָגען?

געאָרג האָט געשמײכעלט.

— ס'איז שוין, אגב, באַלד הונדערט יאָהר, זינט מײנע אורעלטערן האָבען פאַרלאָזען ביבריך.

— פאַר וואָס שמײכעלט איהר, געאָרג? זינט מײנע אור־אורעלטערן האָבען פאַרלאָזען פּאַלעסטינא, איז נאָך אַ סך לענגער, און דאָך פאָדערען אײניגע, אין פלוג גאַנץ לאָגישע מענשען, אַז מײן האַרץ זאָל ציטערן פאַר בענקעניש נאָך יענעם לאַנד.

געאָרג האָט מיט כעס אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— וואָס קימערט איהר זיך שטענדיג וועגען אָט די לייט? דאָס ווערט שוין ביי אייך באמת אַ מין פיקס־אידעע.

— אַך, איהר גלויבט, אַז איך טראַכט וועגען די אַנטיסעמי־טען? בשום אופן ניט. געגען יענע האָב איך גאָרנישט ניט, סיידען אין זעלטענע אויסנאַהמען. פרעגט אָבער אַמאָל אונזער פריינד לעאָ, וואָס ער טראַכט וועגען אָט דעם ענין.

— אַך, אַזוי, איהם מיינט איהר דאָס. נו, ער מיינט דאָך דאָס ניט אַזוי בוכשטעבליך, ווי איהר פאַסט דאָס אויף, נאָר גי־כער אַזוי צו זאָגען, סימבאָליש — — — אָדער פּאָליטיש, — האָט געאָרג מיט אומזיכערקייט צוגעגעבען.

היינריך האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— אָט די ביידע באַגריפען ליגען אין נאָהענטער שכנות אין די קעפּ פון אַזעלכע לייט.

ער האָט זיך פאַרטיפט אויף אַ ווײַלע אין זיינע רעיונות, האָט לייכט און אומגעדולדיג אַ שטויס געטאָן זיין וועלאָסיפּעד און איז באַלד געוועזן מיט עטליכע שריט ווייטער. נאָכדעם האָט ער ווידער אָנגעהויבען צו דערצעלען וועגען זיין סעפּטעמבער־ריי־זע, וועגען וועלכער ער האָט זיך כמעט מיט צערטליכקייט דער־מאָנט. דאָס אַליין־זיין, פרעמדקייט, באַוועגונג, איז דאָס ניט גע־ווען אַ דרייפאַכיגער גליק?

— וואָס פאַר אַ געפיהל פון אינערליכער פרייהייט האָט מיך דעמאָלט באַהערשט, — האָט ער געזאָגט, — קען איך אייך קוים באַשרייבען. קענט איהר אָט די שטימונגען, ווען אַלע זכרונות, נאָהענטע און ווייטע, פאַרלירען, אַזוי צו זאָגען, זייער לעבענס־שווערקייט; אַלע מענשען, מיט וועלכע דו פיהלסט זיך אויף וואָסער עס איז אופן פאַרבונדען דורך צער, זאָרג, אָדער צערט־ליכקייט, שטעלען זיך דיר פאָר בלויז ווי שאָטענס, אָדער ריכטי־גער געזאָגט, ווי געשטאַלטען, געשאַפען פון דיין אייגענער פאַנ־טאַזיע? און די אויסגעטראַכטע געשטאַלטען שטעלען זיך דיר פאָר לכל הפחות פונקט אַזוי לעבעדיג, ווי די ווירקליכע מענשען,

אָן וועמען דו דערמאָנסט זיך. און דאָ ענטוויקלען זיך די מערק־ווירדיגסטע באַציהונגען צווישען די ווירקליכע און אויסגעטראַכטע פיגורען. איך וואָלט אייך געקאָנט דערצעהלען וועגען אַ שמועס צווישען מיין געשטאָרבענעם זיידען, וואָס איז געווען אַ רב, און דעם הערצאָג העליאָדאָר, איהר ווייסט, אָט דעם, וואָס איז איינער פון די העלדען פון מיין אפּערא־ליברעטאָ... דער שמועס איז אַזוי אינטערעסאַנט, אַזוי טיפזיניג, ווי עס קומט פאָר זעלטען אין לע־בען אָדער אין אפּערא־ליברעטאָס... יאַ, וואונדערבאַר זיינען אַזעל־כע רייזעס! און אַזוי ציהען זיך פאַרביי דיר שטעדט, וועלכע דו האָסט קיינמאָל ניט געזעהן און וועסט אפשר קיינמאָל ניט זעהן. עס שוועבען פאַרביי דיר אומבאַקאַנטע פּנים׳ער, וועלכע פאַר־שווינדען באַלד ווידער אין דער אייביגקייט... און דו טראָגסט זיך נאָכדעם ווייטער איבער ליכטיגע וועגען צווישען טייכען און וויינגערטענער. אַזעלכע שטימונגען לייטערן באמת דעם גייסט. אַ שאָד, וואָס עס איז אונז אַזוי זעלטען באַשערט דורכצולעבען זיי!

געאָרג האָט זיך שטענדיג געפיהלט אביסעל אין פאַרלעגענ־הייט, ווען היינריך פלעגט אריין אין התפעלות.

— איצט וואָלט מען אפשר געקענט ווייטער פאָהרען, — האָט ער געזאָגט, און זיי האָבען זיך ארויפגעכאַפּט אויף די וועלאָסיפּעדען.

אַ שמאָלער, פאַרדרייטער שטיינערנער וועג צווישען וואַלד און לאָנקע האָט זיי געפיהרט צו אַן אומגעלומפּערט נאַקעטען צוויי־שטאָקיגען הויז, וואָס נאָך דעם גראָ־ברוינעם שילד האָט מען גע־קענט דערקענען, אַז דאָס איז געוועזען אַ שענק. אויף דער לאָנ־קע, וועלכע איז דורך דעם וועג געווען אָפּגעטיילט פון הויז, זיי־נען געשטאַנען אַ מאַסע טישען, צוגעדעקט מיט קאָלירטע אָדער אַמאָל וויים געוועזענע טישטיכער. גלייך לעבען וועג, ביי עטליכע צוזאַמענגעשטעלטע טישען זיינען געזעסען אַ צען אָדער צוועלף יונגע לייט, מיטגליעדער פון אַ וועלאָסיפּעדיסטען־קלוב. דאָס רוב פון זיי זיינען געזעסען אָהן רעק, אנדערע האָבען זיי געטראָגען

אריבערגעוואָרפֿען איבער די פּלייצעס; אויף די העל־בלוי, מיט געל אַרומגעזיימטע קאַפּטלאַך האָבען געגלאַנצט אין רויט און גרין אויסגענייטע עמבלעמעס. מעכטיג, אָבער ניט זעהר האַרמאָניש האָבען זיך געטראָגען צום הימעל די טענער פֿונ׳ם כאָר־ליד:

„דער גאָט, וואָס האָט געלאָזען וואַקסען אייזען,
האָט ניט געוואָלט קיין קנעכט.״

היינריך האָט מיט אַ שנעלען בליק באַטראַכט די געזעלשאַפֿט, האָט האַלב צוגעדריקט די אויגען און מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ציין אין אַ שאַרפֿען טאָן געזאָגט צו געאָרג׳ן:

— איך ווייס ניט, צי זיינען אָט די יונגע חברה־לייט נאָ־בעל, טריי און מוטיג, ווי זיי האַלטען פֿון זיך יעדענפֿאַלס; אָבער, אַז עס שמעקט פֿון זיי מיט וואָל און שוייס, דאָס איז געוויס, און דערפֿאַר מיין איך, אַז מיר דאַרפֿען זיך אַוועקזעצען וואָס ווייטער פֿון זיי.

„וואָס וויל ער אייגענטליך,״ האָט געאָרג געטראַכט ביי זיך. „וואָלט דאָס איהם געווען סימפּאַטישער, ווען דאָ וואָלט געזעסען אַ געזעלשאַפֿט פֿון פּוילישע אידען און זיי וואָלטען געזונגען פּסוקים פֿון תהילים?״

ביידע האָבען אַוועקגעשטעלט זייערע וועלאָסיפּעדען ביי אַ ווייטען טישעל און האָבען זיך אַוועקגעזעצט. ס׳איז געקומען דער קעלנער אין אַ שוואַרצען, פֿון פֿעטס און גרינס פֿאַרפֿלעקטען פֿראַק, און האָט מיט אַ שמוציגער סערוועטע, מיט פֿיעל אימפּעט אַראָפּ־געשאַרט פֿון טיש. ער האָט אָנגענומען די באַשטעלונג און איז פֿאַרשוואונדען.

— איז דאָס ניט שרעקליך, — האָט היינריך געזאָגט, — וואָס אין דער אומגעגענד פֿון וויען זיינען אומעטום אַזעלכע קלאָ־געדיגע רעסטאָראַנלאַך? ס׳וואַרפֿט אַרויף אויף איינעם ממש אַ מרה־שחורה.

געאָרג האָט געהאַלטען, אַז היינריך׳ס איבערטריבענע קלאָגען פּאַסען זיך גאָר ניט צום פּלאַץ.

— אַך, גאָט, אויפ׳ן דאָרף, — האָט ער געזאָגט, — מאַכט

מען זיך פון אזעלכע זאכען ניט וויסענדיג, און דערצו פאסט דאס גאר צו דער סביבה.

היינריך האט מיט דער מיינונג ניט מסכים געווען, ער האט אנגעהויבען צו אנטוויקלען א פלאן, ווי אויפצובויען א זיבען האר־טעלען אין דער וואלד־געגענד ארום וויען און האט אפילו אנגע־הויבען אויסצורעכענען, אז ס'איז נויטיג דערצו ניט מעהר, ווי א דריי־פיער מיליאן, אבער פלוצלונג איז צו זייער טישעל צוגע־גאנגען לעא גאלאווסקי. ער איז געווען אנגעטאן אין ציוויל־קליידער, און ווי ס'פלעגט זיך מיט איהם אפט טרעפען, איז זיין אנטאן זיך געווען אביסעל משונה'דיג. היינטיגס מאל האט ער געטראגען א העל־גראען רעקעל, א בלאע סאמעטענע וועסט און א געלבליכען זיידענעם שניפס, דורכגעצויגען דורך א גלאטען שטאלענעם רינג. געארג און היינריך האבען זיך מיט איהם דער־פרייט און, זייענדיג אביסעל איבערראשט, האבען זיי איהם פריינד־ליך באגריסט.

לעא האט זיך געזעצט לעבען זיי.

— איך האב דאך געהערט, — האט ער געזאגט, — ווי איהר האט נעכטען אבענד אפגערעדט צו מאכען דעם שפאציר, און אזוי ווי מ'האט אונז היינט שוין ניין א זייגער אפגעלאזט פון קאזארמע, האב איך זיך באטראכט, אז ס'וואלט דאך גוט גע־ווען צו פארברייננגען א שעה אויף פרייער לופט אין דער געזעל־שאפט פון צוויי קלוגע, סימפאטישע מענשען. איך בין גלייך אוועק אהיים, האב איך זיך איבערגעטאן אין ציוויל־קליידער און בין אהער געקומען.

ער האט דאס געזאגט אין זיין געוועהנליכען, פריינדליכען, כמעט נאאיווען טאן, וועלכער פלעגט געארג'ן שטענדיג באצווי־בערן, כאטש דערנאך — דערמאנענדיג זיך וועגען דעם, האט ער געפיהלט, אזוי ווי אין לעא'ס ארט רייִדען וואלט געווען א ביי־קלאנג פון איראניע און אפילו פון פאלשקייט. נאר אין אזא אומבאשטימטען טאן פלעגט לעא רייִדען בלויז דעמאלט, ווען מ'פלעגט שמועסען וועגען גלייכגילטיגע ענינים; אן ערנסטען גע־

שפּרעך פלעגט ער פיהרען מיט אזא זיכערקייט, וואָס פלעגט גע־אָרג׳ן גראָד אימפּאָנירען. אין דער לעצטער צייט האָט ער עט־ליכע מאָל געהאַט די געלעגענהייט צוצוהערען זיך אין קאפע, ווי לעאָ מיט היינריך׳ן האָבען דיסקוטירט וועגען דער טעאָריע פון קונסט, בעזונדערס וועגען די באַציהונגען צווישען די געזעצע פון מוזיק און מאַטעמאַטיק. לעאָ האָט געגלויבט, אַז ער האָט גע־כאַפּט אַ שפּור פון דער סיבה, פאַרוואָס די מאַזשאָר־און מינאָר־טענער ווירקען אַזוי פאַרשידען אויף דער מענשליכער נשמה. גע־אָרג האָט מיט פאַרגעניגען נאָכגעפאָלגט לעאָ׳ס קלאָרע און שאַרפ־זיניגע באַווייזען, כאָטש עפּעס אין איהם פלעגט פּראָטעסטירען געגען אַזאַ אויסטייטשען דעם גאַנצען כשוף און סוד פון די מו־זיק־טענער, ערקלערענדיג זיי מיט דער איינפאַכער ווירקונג פון געזעצען, וואָס זיינען געגליכען צו יענע אייביגע און אומפאַרענדער־ליכע געזעצען, נאָך וועלכע די ערד און שטערען באַוועגען זיך. ווען היינריך פלעגט אָבער נעהמען אָנווענדען לעאָ׳ס טעאָריעס אויף ליטעראַרישע ווערק, פלעגט געאָרג ווערען אומגעדולדיג און ער פלעגט זיך פיהלען אין ניט אויסגעשפּראָכענער סאָלידאַריטעט מיט לעאָ׳ן, ווען יענער פלעגט אָנהויבען שמייכלען פון היינריך׳ס ווילדע און פאַנטאַסטישע סברות.

מ׳האָט דערלאַנגט דאָס עסען, און די יונגע לייט האָבען זיך מיט אַ גאַנץ פיינעם אַפּעטיט גענומען פאַר דער אכילה; היינריך ניט וויניגער פון די אַנדערע, כאָטש ער האָט מיט פאַראַכטונג גע׳טענה׳ט, אַז די קיך טויג אויף כפּרות, אַז דער בעל־הבית איז אַ נידעריגע בריה, און די נידעריגקייט איז אַ כאַראַקטעריסטישער סימן ניט נאָר פאַר דעם מאַן פערזענליך, נאָר פאַר דעם גאַנצען מצב פון עסטרייך. דער שמועס איז אַריבער אויף די מיליטערישע באַציהונגען אין לאַנד, און לעאָ האָט געשילדערט פאַרשידענע טי־פּען פון זיינע קאַמעראַדען און העכערע בעאַמטע, וואָס האָט זעהר אַמיזירט זיינע צוהערער. דערהויפּט האָט אַרויסגערופען פיעל גע־לעכטער לעאָ׳ס דערצעהלונג וועגען אַ געוויסען אָבערלייטענאַנט, וועלכער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר דער אָפּטיילונג פון פּרייווי־

ליגע מיט פאָלגענדע שרעקליכע ווערטער: „ביי מיר וועט איהר ניט קריגען קיין שפּאַס, איך בין אַ בעסטיע אין מענשען־גע־שטאַלט.״

אין דער צייט, ווען זיי האָבען נאָך געגעסען, איז צום טיש צו־געגאַנגען אַ יונגער־מאַן, האָט מיליטעריש אַ זעץ געטאָן מיט די פּיס און סאַלוטירט, צולעגענדיג די האַנט צו זיין וועלאָסיפּעדיס־טען־קעפּקע. לשם וויץ האָט ער זיי באַגריסט אויפ׳ן מיליטערישען נוסח. לעאָ׳ן האָט ער באַזונדער באַגריסט מיט אַ חבר׳שען ברוך־הבא, האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר היינריך׳ן מיט די ווערטער: „מיין נאָמען איז יאָזעף ראָסנער,״ און דאַן האָט ער אָנגעהויבען אין זעהר אַ פרייען טאָן:

— איהר, מיינע הערען, מאַכט אַ וועלאָסיפּעדען־שפּאַציר...

אַזוי ווי קיינער האָט איהם ניט אָפּגעלייקענט, האָט ער וויי־טער גערעדט:

— מ׳דאַרף אויסנוצען די לעצטע שענע טעג, ווייל דען לאַנג וועט אָט דער תענוג שוין ניט מעהר אָנהאַלטען.

— ווילט איהר זיך ניט צוזעצען לעבען אונז, הער ראָסנער? — האָט געאַרג העפליך געפרעגט.

— אַ דאַנק אייך, אָבער... — ער האָט אָנגעוויזען מיט׳ן האַנט אויף דער געזעלשאַפט, — מיר קלייבען זיך שוין ווידער אין וועג, מיר האָבען נאָך פּיעל צו פאָרען, ביז טונין אַראָפּ און נאָכדעם דורך שטאָקעראַו קיין ווין. ערלויבט איהר, מיינע הערען...

ער האָט גענומען פון טיש אַ שוועבעלע און האָט מיט הרחבת הנפש פאַררייכערט זיין פּאַפּיראָס.

— אין וואָס פאַר אַ קלוב ביזט דו אייגענטליך? — האָט לעאָ געפרעגט, און געאָרג האָט זיך געוואונדערט, וואָס ער דוצט איהם, ביז ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דיביידע זיינען חברים פון קינדהייט אָן.

— דאָס איז דער זעקסהויזער וועלאָסיפּעדיסטען קלוב, — האָט יאָזעף געענטפערט, און כאָטש קיינער האָט ניט אויסגעדריקט קיין שום פאַרוואונדערונג, האָט ער צוגעגעבען:

— איהר וואונדערט זיך אודאי, וואס איך, אן אמת'ער שטאָדט־קינד, געהער צו א קלוב פון א פאָרשטאָדט, אָבער דאָס איז נאָר צוליעב דעם, וואס מיינער א גוטער פריינד איז דער פיהרער פונ'ם קלוב. זעהט איהר, אָט דער דיקער דאָרטען, וואָס קריכט גראָד איצט אריין אין רעקעל, דאָס איז דער יונגער יאַלאודעק, דער זון פון דעם שטאָדט־אבגעאָרדנעטען און פארלאַמענט־דעפוטאט.

— יאַלאודעק... — האָט היינריך ווידערהאָלט מיט קענטיגען עקעל אין דער שטים און האָט מעהר גאָרנישט געזאָגט.

— אָה, — האָט לעאָ געזאָגט, — דאָס איז יענער, וואָס האָט דאָ אנומעלט, בשעת דער דעבאַטע וועגען דעם פאָלקסביל־דונג־פעראיין ארויסגעזאָגט זיין משונה'דיגע פאָרמולירונג, וואָס וויסענשאַפט איז. האָט איהר דאָס ניט געלעזען? — האָט ער זיך געווענדט צו די אנדערע.

זיי האָבען זיך קיינער ניט געקענט דערמאָנען.

— „וויסענשאַפט," — האָט לעאָ ציטירט יאַלאודעק'ס ווער־טער, — „וויסענשאַפט איז דאָס, וואָס איין איד שרייבט איבער פונ'ם צווייטען."

אַלע האָבען געלאַכט. יאָזעף אויך, אָבער ער האָט באַלד צוגעגעבען:

— איינענטליך איז ער גאָר ניט אזיינער, איך קען איהם גוט. ער איז נאָר אין פאָליטישען לעבען אזוי גראָב... ווייל דאָ אויף דעם באָדען שפּרינגען ארויס אין אונזער געבענשטען עסטרייך די שאַרפסטע מחלוקות. אין פריוואַטען לעבען אָבער איז ער זעהר א ליעבער מענש. אין דעם פּרט איז דער יונגער יאַלאודעק פיעל ראַדיקאַלער.

— איז אייער קלוב קריסטליך־סאָציאַל, אדער געהערט ער צו דער דייטש־נאַציאָנאַלער ריכטונג? — האָט לעאָ העפליך גע־פרעגט.

—אָ, אין דעם פּרט איז ביי אונז ניטאָ קיין שום חילוק, כאָטש,

ס׳פארשטעהט זיך, ווי דאָס איז שוין אָנגענומען, אז... — ער האָט פּלוצלונג אין פארלעגנהייט איבערגעריסען זיינע רייד.

— נו, יא, — האָט איהם לעאָ ערמוטיגט, — אז אייער קלוב איז ריין פון אידען, דאָס איז דאָך זעלבסטפארשטענדליך. מ׳דערקענט שוין דאָס פון ווייטען.

יאָזעף האָט געפונען פאר נויטיג אַ לאַך צו טאָן און נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— אָ, איך בעט אייך זעהר, אויף די בערג שווייגט די פּאָליטיק; ווען עס איז שוין אָבער געקומען צו רייד, דארף איך אייך זאָגען, אז איהר האָט וועגען אונז אַ פאלשע פאָרשטעלונג. מיר האָבען, למשל, איינעם אין קלוב, וועלכער האָט אַ אידישע כלה. אָבער זיי ווינקען שוין צו מיר. אַ גוטען טאָג, מיינע הערען. — ער האָט ווידער סאלוטירט מיט׳ן האַנט און איז אוועק מיט וואַקעלדיגע טריט. די אַנדערע, נאָכקוקענדיג איהם, האָבען זיך ניט ווילענדיג צולאכט.

פּלוצלונג האָט זיך לעאָ אומגעקעהרט צו געאָרג׳ן און געפרעגט:

— ווי האלט דאָס ביי זיין שוועסטער מיט׳ן זינגען?

— ווי? — האָט געאָרג דערשראָקען געזאָגט און איז אביסעל רויט געוואָרען.

— טערעזע האָט מיר דערצעהלט, — האָט לעאָ רוהיג ווייטער גערעדט, — אז איהר שפּילט מיט אנא׳ן צייטענווייז מוזיק. איז איהר שטים איצט אין אָרדנונג?

— יא, — האָט געאָרג מיט אַ האלבען מויל געענטפערט, — איך רעכען אזוי. יעדענפאלס געפין איך איהר שטים זעהר אַנגענעם. זי קלינגט גוט, באַזונדערס אין די נידעריגע טענער. אַ שאָד, וואָס איהר שטים איז ניט גענוג פאר אַ גרעסערען זאַל.

— ניט גענוג — האָט לעאָ פארטראַכט ווידערהאָלט: — אזא וואָרט זאָגט גאָרנישט.

— נו, און ווי וואָלט איהר דאָס אָנגערופען?

לעאָ האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען און האָט רוהיג אַ קוק געטאָן אויף געאָרג׳ן.

— זעהט איהר, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב אויך שטענדיג געפונען, אז איהר שטים איז זעהר סימפּאַטיש, אָבער אפילו דעמאָלט, בעת אנא האָט זיך ארומגעטראָגען מיט'ן גע־דאַנק צו געהן אויף דער ביהנע... האָב איך, דעם אמת זאָגענדיג, קיינמאָל ניט געגלויבט, אז דערפון וועט עפּעס ארויסקומען.

— איהר האָט מסתמא געוואוסט, — האָט געענטפערט גע־אָרג, דוקא אין א לייכטען טאָן מיט א כיוון — אז פרייליין אנא האָט עפּעס א מאָדנעם פעהלער אין האַלז, וואָס שוואַכט אָפּ די שטים.

— יא, געוויס האָב איך דאָס געוואוסט ; אָבער ווען זי וואָלט געבאָרען געווען פאַר א קינסטלערישער קאַריערע, איך מיין, ווען זי וואָלט אינערליך געווען באַרופען דערצו, וואָלט זי אָט די שוואַכ־קייט בייגעקומען.

— גלויבט איהר?

— יא, דאָס גלויב איך גאַנץ באַשטימט. דאַרום מיין איך, אז אַזעלכע ווערטער, ווי „א מאָדנע שוואַכקייט", אָדער „די שטים איז ניט גענוג גרוים" באַדייטען בעצם עפּעס טיפערעס, וואָס ליגט אין דער נשמה. צו ווערען א קינסטלערין איז קענטיג ניט אויף דער ליניע, וועלכע דאָס שיקזאַל האָט פאַר איהר אָנגעצייכענט. זי איז לכתחלה דערצו באַשטימט געוואָרען צו בלייבען אין דער ביר־גערליכער סביבה. דאָס איז די הויפּטזאַך.

היינריך האָט אינגאַנצען מסכים געווען מיט דער טעאָריע און האָט ווייטער און ווייטער גענומען שפּינען דעם גע־דאַנק אויף זיין שטייגער, אַפּריהער שכל'דיג, דערנאָך פאַר־דרייט און דערפיהרט ביז צום אבסורד. דאַן האָט ער געמאַכט דעם פאָרשלאַג אוועקצולייגען זיך אויף א האַלבע שעה אויפ'ן לאָנקע אין דער זון, וועלכע וועט שוין דאָס יאָהר ניט אָפּט אַזוי וואַרימען, ווי איצט. די אַנדערע האָבען איינגעשטימט.

געאָרג און לעאָ האָבען זיך אויסגעצויגען ביי א הונדערט טריט ווייט פון רעסטאָראַן, אונטערבעטענדיג אונטער זיך זייערע מאַנטלען. היינריך האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן היילען גראָז,

ארומנעמענדיג די קני מיט די הענט, און האָט געקוקט פאַר זיך. צו זיינע פיס האָט זיך די לאַנקע ארונטערגעלאָזען אין וואַלד אריין. טיפער אונטען, צווישען שיטערע בוימער, זיינען געשטאַנען די דאָרף־הייזלאַך פון ניוואַלדעג. דורך בלויליך־גראָע וואָלקענס האָ־בען ארויסגעשיינט די טורם־שפּיצען און שטאָדטישע פענסטער, בעגילדט פון דער זון. גאַנץ ווייט האָט געשוועבט ווי א מי־ראַזש דער אין בין־השמשות פאַרזונקענער טאָל.

שפּאַציר־געהער זיינען פאַרבייגעגאַנגען דורך דער לאַנקע צום רעסטאָראַן. אַנדערע האָבען פאַרבייגעהענדיג באַגריסט, און איי־נער, נאָך גאָר א יונגערמאַן מיט א קינד ביי דער האַנט, האָט באַ־מערקט צו היינריך׳ן:

— דאָס איז אָבער היינט א שענער טאָג, פּונקט ווי אין מאַי.

היינריך האָט אין אָנהויב געגען זיין ווילען געפיהלט, ווי אין פלוג אַזאַ וואָכעדיגע, אָבער גאַנץ אומגעריכטע פריינדליכקייט רופט ביי איהם אין הארצען ארויס אַן אָפּקלאַנג. ער האָט זיך אָבער תיכף געכאַפּט, אַז דער יונגערמאַן איז מסתמא געווען באַרוישט נאָר פון דער מילדקייט פון דעם טאָג און פון דער פרידליכער לאַנדשאַפט; אין דער טיפעניש אָבער פון הארצען האָט דער אויך געווים געפיהלט צו איהם א שנאה, אַזוי, ווי די אַלע אַנדערע, וואָס געהען לעבען איהם פאַרביי, דאַכט זיך אָהן א שלעכטען מיין. און ער האָט זיך ווידער אַליין ניט געקאָנט גוט פאַר־שטעהן, פאַרוואָס עפּעס האָט אָט דער אָנבליק פון די זאַנפט־באַוועגטע בערג, פון דער אין בין־השמשות פאַרזונקענער שטאָדט ארויסגערופען ביי איהם אַזאַ זיסע הארצקלעמעניש, בעת פון די מענשען, וואָס זיינען דאָ ארום, האָט ער דאָך אַזוי ווייניג און זעלטען געקענט ערוואַרטען עפּעס גוטעס.

דער וועלאָסיפּעדיסטען־קלוב האָט זיך מיט א טומעל דורכגע־טראָגען דורך דעם נאָהענטען וועג. די רעקלאַך, וועלכע זיי האָבען אויף די פּלייצעס געטראָגען, האָט דער ווינט פאַנאַנדערגעבלאָזען,

זייערע עמבלעמעס האָבען געשיינט, און אַ גראָבער געלעכטער האָט געקלונגען אין טאָל.

— אַ מיאוסע חברה, — האָט לעאָ פאַרביילויפענדיג אַ זאָג געטאָן, ניט ענדערענדיג זיין פּאָזע.

היינריך האָט מיט אַן אומבאַשטימטען שאָקעל מיט'ן קאָפּ אָנגעוויזען אויף די וועלאָסיפּעדיסטען.

— און אַזעלכע חברה־לייט, — האָט ער געזאָגט מיט צוזאַ־מענגעפּרעסטע ציין, — ריידען זיך נאָך איין, אַז זיי זיינען דאָ מעהר בעלי־בתים פאַר אונז.

— נו יאָ, — האָט לעאָ רוהיג געענטפערט — זיי זיינען אין דעם פּרט ניט אַזוי אומגערעכט.

היינריך האָט זיך מיט אַ פאַרביסענקייט געווענדט צו איהם:

— זייט מיר מוחל, לעאָ, איך האָב זיך פאַרגעסען אויף אַ רגע, אַז איהר אַליין פאַרלאַנגט, מען זאָל אייך נאָר דולדען.

— דאָס ווינש איך בשום אופן ניט, — האָט לעאָ שמייכלענ־דיג געענטפערט, — און איהר דאַרפט גאָר ניט מיט אַזאַ בייזקייט פאַלש אויסטייטשען מיך. אָבער, אַז אַט די לייט האַלטען זיך פאַר תושבים און קוקען אויף אייך און אויף מיר, ווי אויף פרעמדע, דערפאַר קען מען צו זיי גאָרנישט ניט האָבען. דאָס איז דאָך, סוף כל סוף, דער אויסדרוק פון זייער געזונטען אינסטינקט פאַר אַנטראָפּאָלאָגיש און געשיכטליך דערוויזענע פאַקטען. אַנטקעגען דעם און אויך אַנטקעגען אַלץ, וואָס איז דער פּועל־יוצא פון די פאַקטען, וועט מען זיך ווייניג וואָס קענען העלפען מיט אידישע אַזוי גוט, ווי מיט קריסטליכע סענטימענטאַליטעטען. — און וועג־דענדיג זיך צו געאָרג'ן האָט ער אין אַן איבערטריבענעם העפליכען טאָן געפרעגט:

— דענקט איהר ניט אויך אַזוי?

געאָרג איז רויט געוואָרען. ער האָט זיך פאַרהוסט, האָט אָבער ניט געהאַט די געלעגענהייט צו ענטפערען, ווייל היינריך, אויף וועמענס שטערען עס האָבען זיך באַוויזען צוויי טיפע קנייי־טשען, האָט מיט פאַרביטערונג גלייך גענומען דאָס וואָרט:

— פאַר מיר לפּחות איז מיין אינסטינקט פּונקט אַזוי וויכטיג, ווי דעם עלטערען און אינגערען יאַלאָודעק׳ס, און דער אינסטינקט זאָגט מיר אויסדריקליך, אַז דאָ, גראָד דאָ איז מיין היים און ניט ערגעץ־וואו אין אַ לאַנד, וואָס איך קען ניט, און וואָס לויט די באַשרייבונגען, הויבט עס מיר גאָרניט אָן צו געפעלען, מעהר ניט וואָס געוויסע לייט ווילען מיך איינריידען, אַז דאָס איז מיין פאָטערלאַנד, ווייל מיינע אבות אבותינו זיינען מיט עטליכע טויזענד יאָהר צוריק פון דאָרטען צוזייט געוואָרען איבער דער וועלט. דערצו דאַרף מען נאָך באַמערקען, אַז די אור־עלטערן פון יאַלאָודעק, און אפילו פון אונזער פריינד באַראָן פאָן ווערגענטין, זיינען דאָ געוועזען אַזעלכע בעל־דעות, פּונקט, ווי מיינע און אייערע אבות.

— איהר דאַרפט אויף מיר ניט ברוגז זיין, — האָט לעאָ געענטפערט, — אָבער אייער בליק אויף די זאַכען איז דאָך אביסעל באַשרענקט. איהר טראַכט שטענדיג וועגען זיך און וועגען דעם זייטיגען אומשטאַנד... זייט מיר מוחל, פאַר אונזער ענין איז דאָס גאָר אַ זייטיגער אומשטאַנד, וואָס איהר זייט אַ דיכטער, וועלכער שרייבט צופעליג דייטש, ווייל ער איז געבאָרען געוואָרען אין אַ דייטשישער מדינה, און ער שילדערט די עסטרייכישע סביבה און מענשען, ווייל ער לעבט אין עסטרייך. אָבער דאָ האַנדעלט זיך דאָך פריהער פאַר אַלץ ניט וועגען מיר און אייך, אויך ניט וועגען די פּאָר אידישע בעאַמטע, וועלכע קענען ניט שטייגען; ניט וועגען די עטליכע אידישע פּריוואַט־דאָצענטען, וועלכע ווערען ניט קיין אָפּיצערען, אויך ניט וועגען די אידישע דאצענטען, וואָס מען איילט זיך ניט צו באַשטימען זיי פאַר פּראָפעסאָרען, — דאָס זיינען אַלץ תרעומות, אַזוי צו זאָגען, פון צווייטען סאָרט; ס׳האַנדעלט זיך דאָ וועגען גאַנץ אַנדערע מענשען, וועלכע איהר קענט זעהר ווייניג, אָדער איהר קענט זיי אינגאַנצען ניט, און וועגען וועמענס שיקזאַל איהר, ליעבער היינריך, איך פאַרזיכער אייך, האָט ניט גענוג גרינדליך געטראַכט, הגם דאָס איז געוועזען אייער חוב. ניין, געוויס האָט איהר ניט געטראַכט וועגען דעם...

אז ניט, וואָלט איהר וועגען די אַלע זאַכען ניט גערעדט אַזוי אויבערפלעכליך און אַזוי... ענגאַאיסטיש. — ער האָט דערצעהלט דערנאָך וועגען זיינע איבערלעבונגען אויפ'ן באַזעלער ציוניסטישען קאָנגרעס, אין וועלכען ער האָט זיך פאַראַיאָהרען באַטייליגט, און וואו ער האָט טיפער, ווי ווען עס איז, דערזעהן דעם מהות און די נשמה פון דעם אידישען פאָלק. ביי די מענשען, וועלכע ער האָט דאָרטען צום ערשטען מאָל פון דער נאָהענט געזעהן, איז די בענקעניש נאָך פּאַלעסטינא, דאָס האָט ער איצט געוואוסט, ניט געווען קיין קינסטליכער סענטימענט, ביי זיי האָט מיט דער קראַפט פון א נויטווענדיגקייט אויפגעפלאַמט אַן אמת'ער געפיהל, וועלכער איז קיינמאָל ניט געוועזן אויסגעלאָשען. אין דעם האָט קיינער ניט געקענט צווייפלען, ווער ס'האָט, ווי ער, געזעהן דעם צאָרן אין זייערע אויגען, בעת איינער פון די רעדנער האָט פאָרגעשלאָגען, אַז מ'זאָל דערווייל אויפגעבען פּאַלעסטינא און אָנהויבען אַ קאָלאָניזאַציע אין אפריקא און ארגענטינא. יאָ, ניט חלילה פּראָסטאַקעס, ניין, עלטערע מענשען, געלערענטע, קלוגע מענער האָט ער געזעהן וויינען, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, אַז דאָס לאַנד פון זייערע אבות, וועלכע זיי אַליין וועלען ניט קענען באַטרעטען, ווען ס'זאָלען אפילו מקוים ווערען די שטאָלצעסטע ציוניסטישע פּלענער, וועט אפשר אויך בלייבען פאַרשלאָסען פאַר זייערע קינדער און אייניקלאָך.

פאַרוואונדערט האָט זיך געאָרג צוגעהערט, און לעאָ'ס ווער־טער האָבען אפילו אויף איהם געמאַכט א געוויסען איינדרוק. היינריך אָבער, וועלכער איז בעת לעאָ'ס דערצעהלונג מיט קורצע טריט ארומגעגאַנגען אהין־און־אהער איבער'ן לאָנקע, האָט ער־קלערט, אַז דער ציוניזם איז די גרעסטע שטראָף, וואָס איז ווען־עס־איז אויסגעפאַלען אויף אידען; גראָד לעאָ'ס ווערטער האָבען איהם אין דעם נאָך מעהר פון אַלץ איבערצייגט. נאַציאָנאַלע געפיהלען און רעליגיע, — דאָס זיינען געווען ווערטער, וועלכע פּלעגען איהם שטענדיג פאַרביטערען מיט זייער לייכטזיניגער און פאַרפיהרערישער צווייהייטיגקייט. פאָטערלאַנד... דאָס איז דאָך

בכלל אן אויסגעטראכטע זאך, א פאָליטישער באגריף. וואָס מ'קען איהם ניט אויפפאַסען, ווייל ער איז צו פאַרענדערליך, אומבאַשטימט. עפּעס רעאַלעס איז נאָר די היים, ניט דאָס פאָטערלאַנד... און דאריבער איז דאָס געפיהל פון היים אויך דאָס רעכט אויף דער היים. און וואָס איז שייך צו רעליגיע, געפעלען איהם קריסטליכע און אידישע לעגענדעס אזוי גוט, ווי גריכישע און אינדישע; אָבער זיי אַלע זיינען איהם עקעלהאַפט און ער קען זיי ניט פאַרטראָגען, ווען זיי ווילען ארויפצווינגען אויף איהם זייערע דאָגמעס. און קיין צוזאַמענהאַנג פיהלט ער מיט קיינעם ניט, מיט קיינעם ניט אין דער וועלט: ניט מיט די וויינענדיגע אידען אין באזעל, ניט מיט די שרייענדע אַל־דייטשען אין דעם עסטרייכישען פּאַרלאַמענט; מיט די אידישע פּראָצענטניקעס אזוי ווייניג, ווי מיט די אַדעליגע רויב־ריטער; מיט א ציוניסטישען שענקער אזוי ווייניג, ווי מיט אן אנטיסעמיטישען קרעמער. און ווייניגער פון אַלץ וועט איהם מיט מענשען, וואָס זיינען איהם אינערליך פרעמד, פאַרבינדען דאָס באוואוסטזיין פון געמיינזאַם דורכגעליטענע פאַרפאָלגונגען, פון דעם בשותפות געטראָגענעם יאָך פון שנאה. אַלס א מאָראַלישען פּרינציפּ, אַלס א פּילאַנטראָפּישע אונטערנעמונג וואָלט ער גרייט געווען צו אָנערקענען דעם ציוניזם, ווען די ציוניסטען וואָלטען אויפריכטיג ערקלערט, אַז דאָס איז זייער מיין; די אידעע אָבער צו באַשאַפען א אידישע מלוכה אויף רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַלע יסודות האַלט ער פאַר אַן אונזיניגער מרידה געגען דעם גייסט פון געשיכטליכער ענטוויקלונג.

—און אין דער טיפעניש פון אייער נשמה, — האָט ער אויסגעשריען, בלייבענדיג שטעהן לעבען לעאָ'ן, — גלויבט איהר אויך ניט אין דעם, אַז דער ציעל וועט ווען־עס־איז דערגרייכט ווערען; יאָ, איהר ווינשט דאָס אפילו ניט, כאָטש, צוליעב דער אָדער יענער סבה, ארבייט איהר פאַר דער באוועגונג. וואָס איז פאַר אייך אייער „היימלאַנד" פּאַלעסטינא? א געאָגראַפישער באגריף. וואָס באדייט פאַר אייך „דער גלויבען פון די אבות"? א

סדרה מנהגים, פון וועלכע איהר האלט ניט מעהר און וועלכע זיינען אין אייערע אויגען פונקט אזוי געשמאקלאָז און לעבערליך, ווי אין מיינע.

זיי האָבע נאָך לאנג גערעדט, מאָמענטענוויוז שטורמיש, כמעט מיט שנאה, און באלד רוהיג מיט דער עהרליכער באשטרע־בונג איינער דעם אנדערען צו איבערצייגען; אמאָל פלעגען זיי, צו זייער אייגענער איבערראשונג, מסכים זיין אין וועלכען־עס־איז פונקט, אָבער אין אַ רגע ארום האָבען זיי זיך ווידער פארפלאָנטערט אין ווידערשפרוכען. געאָרג, אויסגעצויגען אויף זיין מאנטעל, האָט זיך צוגעהערט צו זיי. צייטענווייז פלעגט ער נוטה זיין צו לעאָ'ן, אין וועמענס ווערטער ס'האָט געציטערט אַ פלאָמענדער מיטלייד צו זיינע אומגליקליכע ברידער, און וועלכער האָט זיך מיט שטאָלץ אָפגעקעהרט פון די, וואָס האָבען אין איהם ניט געוואָלט אנער־קענען זייערען אַ גלייכען. באלד ווידער האָט ער זיך אינערליך נעהענטער געפיהלט צו היינריך'ן, וועלכער האָט זיך מיט צאָרן אָפגעקערט פון אַ פאנטאסטישען און גלייכצייטיג קורצזיכטיגען ציעל, וועלכער שטעלט זיך די אויפגאבע צו פארזאמלען פון אלע עקען וועלט די מיטגליעדער פון אַ ראסע, וואָס איהרע בעסטע פאָרשטעהער האָבען זיך צונויפגעגאָסען מיט דער קולטור פון די לענדער, וואו זיי וואָהנען, אָדער זיי אַרבייטען לפחות אויף דעם, און ווען אוועקשיקען זיי ערגעץ אין דער פרעמד, וואוהין עס ציהט זיי נאָר ניט. און געאָרג האָט מיט אמאָל דערפיהלט, אז גראָד פאַר די בעסטע עלעמענטען, וועגען וועלכע היינריך האָט גערעדט, פאַר די אין וועמענס נשמה עס ווערט אויסגעטראָגען די צוקונפט פון דער גאנצער מענשהייט, דוקא פאַר זיי איז שווער אויסצוקלייבען איינעם פון די צוויי וועגען; אז גראָד זיי געפינען זיך צווישען צוויי פייערן: פון איין זייט שטעהט זיי ניט אָן אָנ־צוּוואַרפען זיך אויף וועמען מיט גוואלט, פון דער אנדער זייט ווערען זיי אזש פאַרצאַפּעלטע פון דעם געדאנק, אז מען זאָל נאָר אָנהויבען טראַכטען נאָכצוגעבען דער חוצפה'דיגער מאַיאָריטעט און אָפּטרעטען איהר דעם וועג. פון איין זייט האָבען זיי דאָס באַ־

וואוסטזיין, אז זייער היים איז דאָ, וואו זיי לעבען און ווירקען ; פון דער אַנדער זייט, פיהלען זיי מיט ענטריסטונג, אז גראָד דאָ פאַרפאָלגט מען זיי און מען זידעלט זיי. געאָרג האָט דערזעהן, אז וואַקלענדיג זיך צווישען ווידערשטאַנד און מאַטקייט, מוזען גראָד די מענשען זיך פיהלען פאַרלאָרען און פאַרפלאָנטערט אין אַלע זייערע געפיהלען און באַגריפען וועגען זייער רעכט און זייער אייגענעם ווערט. צום ערשטען מאָל האָט זיך פאַר געאָרג'ן דאָס וואָרט „יודע", וועלכען ער אַליין פלעגט אָפט מיט אזא גרינגקייט שפּאָט און פאַראַכטונג געברויכען, באַוויזען, ווי עפּעס אין אַ נייעם, טראַגישען ליכט. אין איהם האָט אָנגעהויבען, ווי אויפצובליצען אַ נייער באַוואוסטזיין, אַז דער געהיימניספולער גורל פון אָט דעם פאָלק לייגט אַרויף זיין שטעמפּעל אויף יעדערען, וואָס שטאַמט נאָר פון איהם: סיי אויף די, וועלכע האָבען געשטרעבט צו אַנט־לויפען פון זייער מקור, ווי פון אַ שאַנד, קראַנקהייט אָדער גלאַט אַן אָנשיקעניש, מיט וועלכער זיי ווילען נישט האָבען צו טאָן, סיי אויף יענע, וואָס האָבען מיט עקשנות אָנגעוויזען אויף זייער אָפּשטאַמונג, ווי אויף אַ באַשטימונג פון שיקזאַל, אַ יחוס אָדער אַ היסטאָרישען פאַקט. און בעת ער האָט זיך אזוי פאַרטיפט, באַ־טראַכטענדיג די ביידע ריידענדע, און ער האָט אַריינגעקוקט אין זייערע פּנים'ער, וועלכע האָבען זיך מיט זייערע שאַרף דורכגעפיהר־טע, שטורמיש־באַוועגטע ליניעס אזוי בולט אויסגעמיילט אונטער דעם רויטליך־פּיאָלעטען הימעל, איז איהם איינגעפאַלען, שוין ניט צום ערשטען מאָל, אַז היינריך, וועלכער האָט גע'טענה'ט, אַז דאָ איז זיין היים, האָט מיט זיין פיגור און מיט זיינע זשעסטען דערמאָנט אָן אַ פאַנאַטישען אידישען מגיד, בעת לעאָ, וועמען עס האָט געצויגען צו געהן מיט זיין פאָלק קיין פּאַליסטינא, האָט מיט זיין גאַנצער פיגור און געזיכט־שטריכען אויסגעזעהן, ווי די סטאַטוע פון אַ גריכישען יונג, וועלכע ער האָט אַמאָל באַוואונדערט אין וואַטיקאַן אָדער אין אַ מוזעאום אין נעאַפּאָל. און ווידער אַמאָל, בעת זיין אויג האָט מיט פאַרגעניגען נאָכגעפאָלגט לעאָ'ס לעבעדיגע און איי־דעלע באַוועגונגען, האָט ער זעהר גוט באַגריפען, פאַר וואָס אַנאַ

איז מיט יאָהרען צוריק, יענעם זומער ביים ים, געווען ניט גלייב־גילטיג צום ברודער פון איהר פריינדין.

לעאָ און היינריך זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען איינער אַנט־קעגען דעם אַנדערען אויף דער לאָנקע, און זייער שמועס האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר פארפּלאָנטערט. די פראַזען האָבן זיך גע־שאָטען איינע נאָך די אַנדערע, ווי אין אַ שטורם, צוזאַמענפלעכ־טענדיג זיך און פאַנאַנדערפאַלענדיג אָהן אַ סוף; און אויף אַ ווײַלע פלעגט זיך געאַרג כאַפּען, אַז ער הערט נאָר דעם קלאַנג פון זייערע ווערטער, ניט באַגרייפענדיג זייער אינהאַלט.

אַ קאַלטער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן פון טאָל, און געאָרג האָט זיך אויפגעהויבען, פיהלענדיג, אַז ער טרייסעלט זיך אביסעל פון קעלט. די אַנדערע, וועלכע האָבען כמעט ווי פארגעסען, אַז ער איז דאָ, האָבען זיך ארומגעזעהן איצט, וואו זיי זיינען, און האָבען באַשלאָסען לאָזען זיך ווייטער אין וועג. ס'איז נאָך געווען גאַנץ ליכטיג, אָבער די זון האָט זיך אָנגעהויבען אַראָפּצולאָזען און האָט טונקעל־רויט און מאַט געשיינט איבער די אויסגעשפּרייטע אָבענד־וואָלקענס.

צושפּילענדיג זיין מאַנטעל צום וועלאָסיפּעד, האָט היינריך געזאָגט:

— נאָך אַזעלכע שמועסען בלייבט ביי מיר שטענדיג אַן אומצופרידענקייט, און עס דערגעהט ביז צו אַ געפיהל פון פיזישען וועהטאָג. יאָ, דאָס איז אמת. פון אַזעלכע שמועסען קומט גאָר־נישט אַרויס. און וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט די פּאָליטישע אַנשויאונג פאַר אַ מענשען, ביי וועמען די פּאָליטיק איז ניט קיין באַרוף אָדער געשעפט? האָבען זיי דען דעם קלענסטען איינ־פלוס אויפ'ן אַרט לעבען, אויף דעם, וואָס פאַר אַ פאָרם דאָס לעבען זאָל אָננעמען? איך און איהר, לעאָ, מיר וועלעןביידע קיינמאָל ניט טאָן עפּעס אַנדערש, מיר קענען אויך גאָרנישט ניט טאָן, אויסער דעם, צו וואָס אונזערע פעהיגקייטען זיינען מסוגל און צו וואָס מיר האָבען אַן אינערליכע נטיה. איהר וועט קיינמאָל אין לעבען ניט אויסוואַנדערן קיין פּאַלעסטינא, ווען ס'זאָל דאַרטען

אפילו באַלד געגרינדעט ווערען דער אידישער שטאַט און מ׳זאָל אייך פאַרלייגען די שטעלע פון אַ מיניסטער, פּרעזידענט, אָדער לפּחות פון אַ הויף־פּיאַניסט ——

— אַ, דאָס קענט איהר ניט וויסען, —האָט איהם לעאָ איבערגעריסען.

— איך ווייס דאָס גאַנץ באַשטימט, — האָט היינריך געזאָגט, — דערפאַר אָבער מוז איך זיך מודה זיין, אַז ניט קוקענדיג אויף מיין גלייכגילטיגקייט צו אַלע רעליגיעזע פאָרמען, וועל איך זיך קיינמאָל אין לעבען ניט שמד׳ען, ווען ס׳זאָל אפילו מעגליך זיין — וואָס היינט איז דאָס מעהר אויסגעשלאָסען, ווי אַלעמאָל — אַז איך זאָל זיך דורך אַזאַ שקר ראַטעווען אויף שטענדיג פון אַנטיסעמיטישער טעמפּקייט און נידערטרעכטיגקייט.

— אַזוי, — האָט לעאָ געזאָגט, — אָבער אויב מ׳וועט אונז ווידער אָנהויבען צו ברענען לעבעדיגערהייט...?

— אין אַזאַ פאַל, — האָט היינריך געענטפערט, — בין איך זיך איצט פייערליך מתחיב נאָכצוטאָן אַלץ, וואָס איהר וועט טאָן.

— אַ, — האָט זיך געאָרג אַריינגעמישט, — יענע צייטען וועלען זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערען.

זיי האָבען זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, וואָס געאָרג, ווי היינריך האָט דאָס ערקלערט, איז געוועזן אַזוי פריינדליך צו אַרויסגעבען זיי באַוואָרענים פאַר דער צוקונפט אין דעם נאָמען פון׳ם גאַנצען קריסטענטום.

און ריידענדיג האָבן זיי דערווייל דורכגעשניטען די לאַנקע. געאָרג און היינריך האָבען געפיהרט זייערע וועלאָסיפּעדען אויפ׳ן צוגראָבענעם וועג, לעאָ איז געגאַנגען ביי דער זייט אויפ׳ן גראָז, און דער ווינט האָט פאַנאַנדערגעבלאָזען זיין מאַנטעל. אַלע האָבען אַ צייט געשוויגען, אַזוי ווי פאַרמאַטערט. בעת דער שלעכטער וועג האָט זיך געענדיגט און זיי זיינען אַרוים אויפ׳ן ברייטען שאָסע, האָט זיך לעאָ אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— דאָ וועלען מיר זיך ליידער מוזען צושיידען.

ער האָט דערלאַנגט געאָרג'ן די האַנט און האָט געשמייכעלט.

— איהר האָט זיך היינט געמוזט אַ היבשע ביסעל לאַנג־ווײלען, — האָט ער געזאָגט.

געאָרג איז רויט געוואָרען.

— נו, הערט זשע, איהר מוזט מיך האַלטען פאַר עפּעס...

לעאָ האָט פעסט געהאַלטען געאָרג'ס האַנט.

— איך האַלט אייך פאַר זעהר אַ קלוגען און אויך פאַר זעהר אַ גוטען מענשען, גלויבט איהר מיר דאָס?

געאָרג האָט געשוויגען.

— איך וואָלט געוואָלט וויסען, — האָט לעאָ געזאָגט, — צי איהר גלויבט מיר, געאָרג. עס איז מיר זעהר נוגע.

אין זיין שטים האָט זיך געהערט אַן אמת'ע הארציגקייט.

— יאָ, געווים גלויב איך אייך. — האָט געאָרג געענטפערט נאָך אַ ביסעל אומגעדולדיג.

— דאָס פרייט מיך, — האָט לעאָ געזאָגט, — ווייל איהר זייט מיר באמת סימפּאַטיש, געאָרג.

ער האָט איהם אריינגעקוקט טיף אין די אויגען, נאָכדעם האָט ער דערלאַנגט היינריד'ן די האַנט, האָט זיך אָפּגעזעגענט און איז אוועקגעגאַנגען.

געאָרג האָט אָבער פּלוצלונג דערפיהלט, אַז דער יונגערמאַן, אין דעם פאַנאַנדערגעבלאָזענעם מאַנטעל מיט'ן לייכט אַראָפּגע־לאָזענעם קאָפּ, וועלכער האָט זיך אַלאַז געטאָן געהן אין מיטען פונ'ם ברייטען שאָסע, איז אוועק גאָר ניט „אהיים", נאָר ערגעץ־וואו אין דער פרעמד, וואוהין מ'קען ניט נאָך איהם נאָכגעהן. אָט דער געפיהל איז פאַר איהם אַליין געווען אומבאַגרייפליך נאָך מעהר דערפאַר, וואָס גראַד אין דער לעצטער צייט האָט ער ניט נאָר פאַרבראַכט מיט איהם שעה'ענווייז שמועסענדיג אין קאַפע, נאָר ער האָט אויך דורך אַנאַ'ן דערגאַנגען פאַרשיעדענע פּרטים וועגען זיין פאַמיליע און זייערע לעבענס־אומשטענדען. ער האָט געוואוסט, אַז יענער זומער ביים ים, מיט זעקס יאָהר צוריק, ווען אַנאַ איז ניט גלייכגילטיג געווען צו לעאָ'ן, איז געווען

דער לעצטער פון די גוטע יאָהרען, ווען די פאַמיליע גאָלאָווסקי האָט געלעבט אָהן דאגות. גלייך דעם ווינטער נאָכדעם זיינען די געשעפטען ביי דעם אַלטען גאָלאָווסקי אַוועק זעהר שלעכט. ס'איז מערקווירדיג געווען, ווי אַנאַ האָט דערצעהלט, ווי אַלע מיטגליעדער פון דער פאַמיליע האָבען זיך גיך צוגעפּאַסט צו די נייע אומ־שטענדען, פּונקט, ווי זיי וואָלטען זיך פון לאַנג אָן דערצו געגרייט. זיי האָבען זיך אַריבערגעקליבען פון דער שענער דירה אין ראַט־הויז־קוואַרטאַל אין אַן אָרימער געסעל אַרום דעם אוגאַרטען. גאָלאָווסקי האָט זיך גענומען פאַר פאַרשיעדענע מעקלעריי, פרוי גאָלאָווסקי האָט געמאַכט פאַרשיעדענע האַנטאַרבייט־אַרטיקלען צום פאַרקויפען. טערעזע האָט געגעבען שטונדען אין פראַנצויזיש און ענגליש און די ערשטע צייט האָט זי נאָך ניט אויפגעהערט צו באַ־זוכען די דראַמאַטישע שולע. אַ יונגער פידעל־שפּילער, וועלכער שטאַמט פון אַ פאַראָרימטער רוסישער אַדעליגער פאַמיליע, איז דאָס געווען דער, וואָס האָט אין איהר אויפגעוועקט דעם אינטערעס צו פּאָליטישע פראַגען. באַלד האָט זי אַוועקגעוואָרפען די קונסט, צו וועלכער זי האָט, אגב, שטענדיג געהאַט מעהר נייגונג, איידער טאַלאַנט, און אין משך פון אַ קורצער צייט האָט זי זיך אַריינגע־צויגען אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אַלס רעדנע־רין און אַגיטאַטאָרין. לעאָ, ניט מסכים זייענדיג אפילו מיט איהרע אַנשויאונגען, האָט געקוואָלען פון איהר לעבעדיגען און דרייסטען טעמפּעראַמענט. אָפטמאָל פלעגט ער אפילו מיט איהר געהן אויף פאַרזאַמלונגען; אַזוי ווי ער פלעגט זיך אָבער ניט לאָזען פאַר־פיהרען פון גרויסע ווערטער, פון הבטחות, וועלכע וועלען קיינמאָל ניט מקוים ווערן, אָדער פון פּוסטע סטראַשונקעס, — פלעגט עס איהם מאַכען שפּאַס, תיכף אויפ'ן אָרט געהענדיג צוזאַמען אַהיים, מיט אַהנ'רחמנות'דיגער שאַרפקייט צו קריטיקירען איהרע רעדעס און די רעדעס פון איהרע חברים, אָנווייזענדיג אויף זייערע לאָ־גישע טעות'ן און ווידערשפּרוכען. דערהויפּט פלעגט ער זיך באַ־מיהען איהר צו דערווייזען, אַז זי וואָלט ניט געקענט אַזוי אָפט אויף וואָכען־לאַנג פאַרגעסען איהר גרויסע אויפגאַבע, ווען איהר

מיטלייד צו די אָרימע און אונטערדריקטע וואָלט באַמת געווען ביי איהר אזוי טיף, ווי זי האָט זיך געוואָלט איינריידען. אָבער אויך לעאָ'ס לעבען איז ניט געגאַנגען אויף א זיכערען וועג. ער האָט געשטודירט טעכניק, געגעבען פּיאַנא־שטונדען, צייטענווייז גע־טראַכט וועגען אַן ארטיסטישער קאַריערע און פלעגט גאַנצענע וואָ־כען פון פינף ביז זעקס שטונדען א טאָג פּראַקטיצירען מוזיק. אזוי ווי ס'איז געווען זיין טבע אומבאַוואוסט צו וואַרטען אויף נסים, וועלכע זאָלען איהם באַפרייען פון אומבעקוועמליכקייטען, האָט ער זיין מיליטער־דינסט אזוי לאַנג אָפּגעלייגט, ביז עס איז געקומען דער לעצטער טערמין און שוין אַלס פינף־און־צוואַנציג יאָהריגער יונגערמאַן האָט ער איצט געדינט אַלס פרייוויליגער. די עלטערן האָבען לעאָ'ן און טערעזע'ן געגעבען פאָלשטענדיגע פרייהייט, און ניט קוקענדיג אויף אזוי פיעל מיינונגס־פאַרשידענהייטען, איז ביי די גאַלאָווסקים געווען א שלום־בית. די מוטער איז על פי רוב געזעסען אין שטוב, האָט גענייט, געשטריקט, דער פאָטער פלעגט אַלץ מעהר און מעהר אונטערפוילען זיך אין זיינע געשעפטען און פלעגט מיט מעהר פאַרגעניגען צוקוקען זיך צום שאַכשפּילען אין קאַפע, א תענוג ביי וועלכען ער פלעגט זיך פאַרגעסען אַן זיינע צרות. זינט זיינע געשעפטען זיינען אונטערגעגאַנגען, האָט ער זיך ניט געקענט באַפרייען פון א געוויסען געפיהל פון שעמעוודיגקייט בנוגע צו זיינע קינדער. ער פלעגט דערום כמעט שטאַלצירען, ווען טערעזע פלעגט איהם אַמאָל געבען איבערלייענען איהרען אַן אר־טיקעל, אָדער ווען לעאָ פלעגט אַמאָל א זונטאַג נאָכמיטאַג איהם וועלען צוליעב טאָן און שפּילען מיט איהם א פּאַרטיע אין שאַך.

געאָרג'ן פלעגט זיך צייטענווייז אויסדוכטען, אז זיין סימ־פּאַטיע צו לעאָ'ן האָט עפּעס א טיפע שייכות מיט אנאַ'ס אַמאָליגער ליעבע צו איהם. דען ניט צום ערשטען מאָל האָט ער זיך געפיהלט אויף א מערקווירדיגען אופן צוגעבונדען צו א מאַן, וואָס האָט אַמאָל געהאַט די סימפּאַטיע פון א פרוי, וועמעס האַרץ עס האָט איצטער געהערט צו איהם.

געאָרג און היינריך האָבען זיך אוועקגעזעצט אויף זייערע

וועלאסיפעדען און זיינען געפאָרען אויף א שמאָלען וועג, צווישען א געדיכטען און פינסטערען וואלד. שפעטער, ווען דער וועג איז ווידער ברייטער געווארען, איז די פארגעהענדע זון געווען הינטער זייערע רוקענס, און די לאַנגע שאָטענס פון זייערע געשטאַלטען זיינען געלאָפען אַפריהער פון זיי. דער וועג האָט זיך אראפגעלאָזען אַלץ נידעריגער און האָט זיך געצויגען צווישען קליינע הייזלאך, וועלכע זיינען געווען אַרומגעפלאָכטען מיט רויטליכע בלעטער. אַ גרייז־גראָער מאַן איז געזעסען אויף אַ באַנק ביי א הויז־טיר, פון אַן אָפענעם פענסטער האָט אַרויסגעקוקט אַ בלייך קינד ; אויסער זיי האָט מען קיין לעבעדיגען נפש ניט געזעהען.

— ווי אַ פאַר׳כשופ׳טער דאָרף — האָט געאָרג געזאָגט.

היינריך האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפ. ער האָט געקענט דעם פּלאַץ. אויך דאָ איז ער מיט זיין געליעבטער געוועזען הייער אין אַ וואונדערבאַרען זומערדיגען טאָג. ער האָט געטראַכט וועגען דעם, און אַ שטאַרקע בענקעניש האָט זיך דערוועקט אין זיין האַרץ. ער האָט זיך דערמאָנט וועגען די לעצטע שעה׳ן, וואס ער האָט מיט איהר צוזאמען פארבראַכט אין וויען, אין זיין קיהלען צימער, די זשאַלוזען אראָפּגעלאָזט, און דורך די שפּאַלטען האָט זיך אריינגע׳גנב׳עט דער הייסער אויגוסט פריהמאָרגען ; — זיין לעצטען שפּאַציר דורך די קאַלטע־שטיינערנע, זונטאג־שטילע גאַסען און דורך אַלטע, פּוסטע הויפען, — און איהם האָט זיך גאָר ניט גע׳חלומ׳ט, אַז דאָס אַלץ איז צום לעצטען מאָל. ערשט אויפ׳ן צווייטען טאָג נאָכדעם איז אָנגעקומען דער בריוו, — דער שרעקליכער בריוו, אין וועלכען ס׳איז געווען געשריבען, אַז זי האָט איהם געוואָלט פארשפּאָרען דעם וועהטאָג פון זעגענען זיך, און אַז זי וועט שוין לאַנג זיין איבער׳ן גרעניץ, אויף דער רייזע אין אַ נייער, פרעמדער שטאָדט, בעת ער וועט לייענען דעם בריוו.

דער וועג איז געוואָרען לעבעדיגער. ס׳האָבען זיך באַווייזען אַנגענעמע דאָרף־הייזלאך, אַרומגערינגעלט מיט באַקוועמע קליינע גערטענער, הינטער די הייזער האָבען זיך ווייך אויסגעשפּרייט

קליינע באוואַלדעטע בערגלאַך. נאָך אַמאָל האָט זיך אויסגעברייט דער טאָל, און דער פאַרגעהענדער טאָג האָט גערוהט איבער פעל־דער און לאָנקעס. אין אַ גרויסען, פוסטען רעסטאָראַן־גאָרטען זיינען געווען אָנגעצונדען די לאַטערנעס. ס'האָט זיך געדוכט, אַז פון אַלע זייטען רוקט זיך אין איין איילעניש דער בין־השמשות. געאָרג און היינריך זיינען אַראָפּגעקראָכען פון די וועלאָסיפּעדען און האָבען פאַררייכערט אַ סיגאַרעט.

— רעכטס אָדער לינקס? — האָט היינריך געפרעגט.

געאָרג האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן זייגער.

— זעקס... און איך מוז אַכט אַזייגער זיין אין שטאָדט.

— קענען מיר אויף אַזאַ אופן ניט האָבען צוזאַמען אָבענד־ברויט? — האָט היינריך געזאָגט.

— צום באַדויערען ניט.

— אַ שאָד. טאָ לאָמיר פאָרען גלייך מיט'ן קירצסטען וועג, איבער סיבערינג.

זיי האָבען אָנגעצונדען זייערע לאַטערנעס און האָבען גע־פיהרט די וועלאָסיפּעדען איבער די געדרייטע וואַלד־וועגלאַך. איי־נער נאָכ'ן אַנדערען פלעגען אין דעם ליכט־קרייז פון די לאַטערנעס אויפשיינען בוימער און באַלד ווידער פאַרזינקען אין דער פינסטער־קייט פון דער נאַכט. דער ווינט האָט שטאַרקער אַ בלאָז גע־טאָן דורך די בוימער, און בלעטער זיינען מיט גערויש געפאַלען. היינריך האָט דערפיהלט אַ לייכטען שווידער, ווי דאָס פלעגט זיך מיט איהם אָפט טרעפען אין דער פינסטער אויף דער פרייער לופט. פאַר איהם איז געווען אַן ענטטוישונג, וואָס איהם וועט אויסקומען אַליין צו פאַרברייגנען דעם אָבענד. ער איז געווען ברוגז אויף געאָרג'ן, וועמעס צוריקגעהאַלטענקייט האָט ביי איהם אַרויסגערו־פען אַ כעס. ער האָט זיך שוין ניט צום ערשטען מאָל געגעבען דאָס וואָרט ניט צו ריידען מיט געאָרג'ן וועגען זיינע אינטימע פערזענ־ליכע ענינים. ס'איז בעסער צו שווייגען. ער דאַרף ניט קיינעמס מיטלייד און קיינעמס פאַרטרויען. ער האָט זיך דאָך פיעל בעסער געפיהלט ווען ער איז זיך אַליין זיין וועג געגאַנגען. דאָס האָט

ער שוין אָפּט געגנוג אויסגעפּרובט. צו וואָס אַלזאָ אויפדרעקען דאָס האַרץ פאַר אַ צווייטען? יאַ, ער דאַרף האָבען באַקאַנטע, כדי צוזאַמען מיט זיי צו שפּאַצירען און רייזען, כדי צו פיהרען מיט זיי קלוגע שמועסען איבער אַלערליי לעבענס־פראַגען און קונסט־פּראָב־לעמען. — ער דאַרף אויך פרויען, כדי צו כאַפּען אַמאָל אַ קוש און אַ גלעט; אָבער קיין פריינד, קיין געליעבטע דאַרף ער ניט האָבען. דאָס לעבען וועט אויף אַזאַ אופן זיין מעהר ווירדיג און אומגע־שטערט. ער איז פאַר'שכור'ט געוואָרען פון די דאָזיגע פּלענער, און ער האָט זיך דערפיהלט שטאַרקער און זיכערער. די וואַלד־פינסטערקייט האָט אויפגעהערט איהם צו שרעקען און ער איז גע־גאַנגען דורך דער לייכט רוישענדער נאַכט, ווי פיהלענדיג צו איהר עפּעס אַ נאָהענטע קרובה'שאַפט.

זיי האָבען גיך דערגרייכט דעם אַרויפבאַרג. דער טונקעלער הימעל אָהן שטערען איז געלעגען איבער דעם גרויען וועג און די אין נעבעל פאַרזונקענע טאָלען, וואָס האָבען זיך פון ביידע זיי־טען וועג געצויגען צו די וואַלד־בערגלאַך, אָפּנאַרענדיג דעם בליק בנוגע צו זייער ווייטקייט. פון דער נאָהענטער ראַגאַטקע האָט אַ שימער געטאָן אַ ליכט. זיי האָבען זיך ווידער אַרויפגעזועצט אויף די וועלאָסיפּעדען און אַלאָז געטאָן זיך באַרגאַראָפּ אַזוי שנעל, ווי ס'איז נאָר מעגליך געווען אין דער פינסטער. געאָרג'ן האָט זיך געוואָלט זיין שוין ביים ציעל. עס האָט זיך איהם אַזוי ווי גאָר ניט געגלויבט, אַז אין אַנדערהאַלבען שעה אַרום וועט ער שוין ווידער זיין אין דעם שטילען צימער, וועגען וועלכען קיינער אויסער איהם און אַנאַ'ן ווייסען ניט, דעם האַלב־טונקעלען צי־מער, מיט די אייל־בילדער אויפ'ן וואַנט, מיט'ן בלוי־סאַמעטענעם סאָפאַ און דעם פיאַנאָ, אויף וועלכען ס'זיינען געשטאַנען פאָטאָ־גראַפישע בילדער פון אומבעקאַנטע מענשען, און אַ ווייסע גיפּס־סטאַטוע פון שילער'ן; מיט די הויכע, שמאָלע פענסטער און דעם טונקעל־גראָען קלויסטער אַנטקעגען.

אויפ'ן וועג זיינען שוין געוואָען אָנגעצונדען די לאַטערנעס. ווי־דער זיינען זיי אַרויסגעפאָרען אויף אַ פרייען פּלאַץ, און צום

לעצטען מאָל האָט זיך פאַר זיי געעפענט דער אָנבליק פון די בערג. זיי האָבען זיך אַלאָז געטאָן האסטיג. פון אָנהויב איז זיי נאָך אויסגעקומען צו פאָרען פאַרביי שען אויסגעפוצטע ווילעס, ביז זיי זיינען אריינגעקומען אין די טומעלדיגע, מיט מענשען גע־פאַקטע גאסען פון שטאָדט. ביי דער וואָטיוו־קירכע זיינען זיי אראָפּגעקראָכען פון זייערע וועלאָסיפּעדען.

— אדיע, — האָט געאָרג געזאָגט, — אויף ווידערזעהן מאָר־גען אין קאַפע.

— איך ווייס ניט — האָט היינריך געענטפערט; און אז געאָרג האָט איהם פרעגענדיג אָנגעקוקט, האָט ער צוגעגעבען:

— ס'איז מעגליך, אז איך זאָל אוועקפאָרען.

— א, אזא פלוצלונגער באַשלוס?

— יא, עס טרעפט אמאָל, אז אויף א מענשען פאַלט אָן...

— א בענקעניש, — האָט געאָרג מיט א שמייכעל פאַרענ־דיגט.

— אָדער א שרעק, — האָט היינריך געזאָגט און האָט זיך אביסעל פאַנאַנדערגעלאַכט.

— אויף דעם האָט איהר דאָך קיין שום גרונד ניט, — האָט געאָרג באַמערקט.

— ווייסט איהר דען דאָס גאַנץ באשטימט? — האָט היינריך מיט לצונות געפרעגט.

— איהר האָט דאָך מיר אַליין דערצעהלט...

— וואס?

— אז איהר באקומט יעדען טאָג בריוו.

— יא, דאָס איז טאַקי אמת, יעדען טאָג. צערטליכע, פלאַ־מענדיגע בריוו באקום איך. יעדען טאָג אין דערזעלביגער שעה. אָבער וואס באווייזט דאָס? אָט שרייב איך דאָך נאָך פייערדיגער, און צערטליכער, און פונדעסטוועגען...

— נו, יא, — האָט געאָרג פאַרשטעהענדיג איהם געזאָגט, — טאָ פאַרוואָס־זשע זייט איהר ניט צוזאַמען מיט איהר?

היינריך האָט א צוק געטאָן מיט די אַקסלען.

— זאָגט אַליין, גענאַרג, וואָלט עס אייך ניט אויסגעזעהן אַבי־סעל קאָמיש, ווען איך וואָלט צוליעב אַזאַ זאַך אויפגעגעבען מיין אייגען ווינקעל און וואָלט זיך ארומגעשלעפּט איבער דער וועלט מיט אַ קליינער אַקטריסע...

— פאַר מיר פּערזענליך וואָלט דאָס, פאַרשטעהט זיך, געווען אַ גרויסער שאָדען... אָבער „קאָמיש"... וואָס זאָל דאָ זיין קאָ־מיש?

— ניין, איך האָב ניט דערצו קיין חשק, — האָט היינריך מיט הארטקייט פאַרענדיגט.

— אָבער ווען פאַר אייך... ווען פאַר אייך איז דאָס אַזוי וויכטיג... ווען איהר וואָלט דאָס פּשוט געפאָדערט... וואָלט די יונגע דאַמע ניט אויפגעגעבען דען איהר קאַריערע?

— ס'קען זיין. אָבער איך פאַרלאַנג דאָס ניט. איך וויל דאָס ניט פאַרלאַנגען. ניין. בעסער ליידען שמערצען איידער נעהמען אויף זיך אַ פאַראַנטוואָרטונג.

— וואָלט עס דען געווען אַזאַ גרויסע פאַראַנטוואָרטונג? — האָט גענאַרג געפרעגט. — איך מיין דערמיט... איז דער טאַלאַנט פון דער יונגער דאַמע אַזאַ באַדייטענדער, איז זי בכלל אַזוי שטאַרק איבערגעגעבען דער קונסט, אַז ס'וואָלט פאַר איהר געווען אַן אָפּ־פער, ווען זי זאָל די זאַך אויפגעבען?

— צי זי האָט טאַלאַנט? — האָט היינריך געזאָגט, — יאָ, דאָס ווייס איך אַליין ניט. איך גלויב אפילו, אַז זי איז דער איינציגער מענש אין דער וועלט, איבער וועמעס טאַלאַנט איך נעם זיך ניט אָן צו אורטיילען. ווי אָפט איך האָב זי ניט געזעהן אויף דער ביהנע, האָט איהר שטים מיר געקלונגען פרעמד און נאָך פרעמדער פון אַלע אַנדערע שטימען. ס'איז באמת זעהר מערקווירדיג... אָבער איהר, גענאַרג, האָט זי דאָך אויך געזעהן שפּילען. וואָס איז געווען אייער איינדרוק? זאָגט מיר דאָס גאַנץ אויפריכטיג.

— יאָ, דעם אמת זאָגענדיג... איך דערמאָן זיך ניט גאַנץ גע־נוי. איהר וועט מיר מוחל זיין, איך האָב דעמאָלט נאָך ניט גע־

וואוסט... ווען איהר רעדט וועגען איהר, זעה איך פאר זיך נאר א קאפ מיט רויט־בלאנדע האר, וואס פאלען אביסעל אראפ אויפ'ן שטערן, — און שווארצע ארומבלאנדזשענדע, זעהר גרויסע אויגען אויף א קליינעם, בלאסען פנים.

— יא, בלאנדזשענדע אויגען, — האט היינריך ווידערהאלט, האט זיך געביסען די ליפען און געשוויגען א ווײלע.

— זייט געזונט, — האט ער נאכדעם פלוצלונג א זאג גע־טאן.

— איהר וועט דאך מיר שרייבען? — האט געארג גע־פרעגט.

— יא, געוויס. אגב, וועל איך דאך נאך קומען צוריק, — האט ער צוגעגעבען און האט זיך שטארק פאנאנדערגעלאכט.

— א גליקליכע רייזע — האט געארג געזאגט, האט איהם דער־לאנגט די האנט און געדריקט זי מיט באזונדערער הארציגקייט. היינריך האט דאסזעלבע געטאן. אט דער ווארימער האנט־דרוק האט איהם פלוצלונג אריינגעגעבען ניט נאר די זיכערקייט, אז געארג האט איהם ניט געפונען לעבערליך, נאר מערקווירדיגער־הייט אויך די אמונה, אז זיין ווייטע געליעבטע איז איהם טריי און, או ער איז א מענש, וועמען עס איז ערלויבט מעהר איידער אנדערע.

געארג האט איהם נאכגעקוקט, ווי ער איז איילענדיג אוועק־געפאהרען אויף זיין וועלאסיפעד. ווידער, אזוי ווי מיט עטליכע שטונדען פריהער ביי לעא'ס אפשייד, האט ער געהאט דאס געפיהל, ווי איינער וואלט פון איהם פארשוואונדען געווארען אין אן אומ־באקאנט לאנד; און אין דער רגע האט ער געוואוסט, אז מיט קיינעם פון זיי ביידען, ניט קוקענדיג אויף זיין סימפאטיע צו זיי, וועט ער ניט ווערען אזוי אינטים באפריינדעט, ווי ער איז געווען מיט עטליכע יאהר צוריק מיט גווידא שענשטיין און נאך פריהער מיט'ן ארימען לאבינסקי. ער האט נאכגעטראכט, צי ליגט אפשר די סבה פון דעם אין דעם ראסען־אונטערשיד צווישען איהם און זיי, און ער האט זיך אליין געפרעגט, צי וואלט ער מיט

זיין אייגענעם חוש דערפיהלט אזוי קלאָר אָט די פרעמדקייט, ווען ער וואָלט זיך ניט צוגעהערט צו לעאָ׳ס שמועס מיט היינריך׳ן. ער האָט געצווייפעלט אין דעם. פיהלט ער זיך דען ניט מיט זיי ביידען און מיט אייניגע אַנדערע פון זייער פאָלק נעהענטער און גייסטיג פאַרוואַנדטער, איידער מיט פיעלע פון זיין אייגענעם שטאַם? צי שפירט ער ניט גאַנץ דייטליך אַמאָל, אז ערגעץ־וואו אין דער טיפעניש איז ער מיט זיי ביידען מיט שטאַרקערע פעדים פאַרבונדען, איידער מיט גווידא, און אַפילו מיט זיין אייגענעם ברודער? אָבער אויב דאָס איז באמת אזוי געווען, האָט ער דען ניט געדאַרפט זאָגען דאָס היינט נאָכמיטאַג דיביידע יונגע לייט? אויסרופען צו זיי: פאַרטרויט דאָך מיר, שליסט מיך ניט אויס. פראָבירט דאָך צו האַלטען מיך פאַר א פריינד!... און בעת ער האָט זיך געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט דאָס ניט געטאָן, נאָר ער האָט קוים באַטייליגט זיך אין זייער גאַנצען געשפרעך, האָט ער מיט פאַרוואונדערונג דערפיהלט, אז בשעת מעשה האָט ער זיך די גאַנצע צייט ניט געקאָנט באַפרייען פון עפּעס א מין באַוואוסטזיין פון שולדיגקייט, פונקט ווי איהם וואָלט אויך זיין גאַנצען לעבען לאַנג ניט פרעמד געווען דאָס געפיהל פון לייכטזיניגער, דורך פערזענליכער ערפאַהרונג ניט באַרעכטיגטער שנאה צו די „פרעמדע”, ווי לעאָ אַליין האָט זיי אָנגערופען, און אויף אזא אופן האָט ער אַליין פאַרשטאַרקט דעם אומצוטרוי און די איינגעשפאַרטע אָפּגעשלאָסענקייט פון אייניגע, מיט וועמען איהם אַליין וואָלט זיך געוואָלט נעהענטער צוגויפגעהן זיך. אָט דער געדאַנק האָט דערוועקט אין איהם א וואַקסענדען געפיהל פון אומאנגענעמליכקייט, וועלכען ער האָט זיך אַליין ניט געקענט דערקלערען, און דאָס איז געווען ניט אַנדערס, ווי אַן אומקלאָרער באַוואוסטזיין, אַז ריינע באַציהונגען קענען ניט געשאַפען ווערען צווישען איינצעלנע אַפילו גאַנץ ריינע מענשען אין אַ סביבה פון נאַרישקייט, אומגערעכטיגקייט און אומאויפריכטיגקייט.

ער איז אַלץ גיכער געפאָרען אַהיים, ווי ווענדיג אַנטלויפען פון אָט די אומאַנגענעמע רעיונות. קומענדיג אַהיים, האָט ער זיך

שנעל איבערגעטאָן, כדי אנאָ׳ן זאָל ניט אויסקומען צו לאַנג אויף איהם צו ווארטען. ער האָט געבענקט נאָך איהר, ווי נאָך קיינ־מאָל ניט. ער האָט זיך געפיהלט, ווי ער וואָלט געקומען פון א ווייטער נסיעה אהיים, צו דעם איינציגען נפש, וואס האָט צו איהם אינגאנצען געהערט.

## פערטער קאַפּיטעל.

גענאַרג איז געשטאַנען לעבען פענסטער. גראָד פון אונטען האָ־בען זיך געזעהן די שטיינערנע רוקענס פון די ריזען מיט בערד, וועלכע האָבען מיט זייערע מעכטיגע אָרימס אונטערגעהאַלטען די פון ווינט אָפּגעבלאַקירטע גערבען פון א לאַנג פאַרשוואונדענעם, מיוחס׳דיגען שטאַם. אַנטקעגען, פון דער טונקעלקייט פון די אַלט־גראָע הייזער, האָבען זיך טרעפּ געדרייט ביז צו דער טיר פון דעם גראָען קלויסטער, וועלכער האָט זיך קוים אַרויסגעזעהן פון אונ־טער׳ן באַוועגליכען פאָרהאַנג פון שניי, וואס איז אין גרויסע שטי־קער געפאַלען. דאָס ליכט פון א גאַסען־לאַטערנע אויפ׳ן פּלאַץ האָט בלאַס געשימערט אין דעם פאַרגעהענדען טאָג. נאָך שטילער, ווי געוועהנליך האָט אין אָט דעם יום־טוב׳דיגען נאָכמיטאָג אונ־טעז גערוהט די פאַרשנייטע גאַס, וועלכע איז געלעגען אין מיטען שטאָדט און דאָך אָן א זייט פון דעם טומעל. און ווידער אַמאָל, ווי שטענדיג, ווען ער פלעגט אַרויפגעהן אויף די ברייטע טרעפּ פון דעם אַמאָליגען פּאַלאַץ, וואָס איז איצטער פאַרדונגען געוואָ־רען אויף דירות, און פלעגט אַריינקומען אין דעם גראַמען צי־מער מיט דער נידעריגער געוועלבטער סטעליע, האָט זיך גענאַרג געפיהלט, ווי אָפּגעשניטען פון זיין געוועהנליכער וועלט, אַזוי ווי ער וואָלט דאָ אַריינגעטראָטען אין א צווייטער פאַזע פון זיין וואונדערבאַר דאָפּעלטער עקזיסטענץ.

ער האָט דערהערט דעם סקריפּ פון דעם שליסעל אין טיר און האָט זיך אָפּגעקערט. אַנאַ איז אַריינגעקומען. גענאַרג האָט זי מיט פרייד אַרומגענומען אין זיינע אָרימס און האָט זי גע־

קושט אין שטערן און אין די ליפּען. דער טונקעל־בלויער זשאַקעט, דער ברייט־ראַנדיגער הוט, דער באַא, אַלץ איז געווען פאַרשנייט.

— דו האָסט געאַרבייט, — האָט אַנאַ געזאָגט, אויסטוענ־דיג זיך, און האָט אָנגעוויזען אויפ׳ן טיש, וואו ס׳זיינען לעבען לאָמפּ מיט׳ן גרינעם אַבאַזשור געלעגען פאַרשריבענע נאָטען־בלעט־לאַך.

— איך האָב דורכגעקוקט דעם קווינטעט, דעם ערשטען טייל. ס׳איז נאָך דאָ וואָס איבערצואַרבייטען אין איהם.

— אָבער דעמאָלט וועט דאָס זיין וואונדער־שען.

— לאָמיר דאָס האָפען. קומסט דו פון דער היים, אַנאַ?

— ניין, פון די ביטנערס.

— ווי, היינט, אום יום־טוב?

— יאַ, די צוויי מיידלאַך האָבען פיעל פאַרפעלט צוליעב די מאַזלען, דאָס מוז מען אָניאָגען. דאָס איז מיר, אגב, זעהר אַנ־גענעם, שוין צוליעב פינאַנציעלע טעמים.

— אַן אייגענעם מיט געלט!

— און דערצו נאָך פאַרשפּאָרט מען צו זיין אַ פּאָר שעה אין דער „זיסער היים.״

— נו, יאַ, — האָט געאַרג געזאָגט. ער האָט אַוועקגעלייגט אַנאַ׳ס באַא אויפ׳ן רוקען פון שטול און צושטרייט געגלעט מיט די פינגער דאָס פוטערוואַרג. אַנאַ׳ס באַמערקונג, פון וועלכער ס׳האָט, שוין ניט צום ערשטען מאָל, אַרויסגעקלונגען, אַזוי ווי אַ לייכטער פאַרוואורף פאַר איהם, האָט אויף איהם געמאַכט ניט גאָר קיין אַנגענעמען איינדרוק. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן סאָ־פאַ, האָט אויפגעהויבען די הענט צו די שלייפען און לייכט אַ גלעט געטאָן איהרע טונקעל־בלאָנדע, געקרייזעלטע האָר, זי האָט מיט אַ שמייכעל אָנגעקוקט געאָרג׳ן. ער, מיטביידע הענט אין די קע־שענעס פונ׳ם רעקעל, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן קאַמאָד, און האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען וועגען דעם נעכטיגען אַבענד, וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט גווידאָ׳ן און דער פידעל־שפּילערין. שוין צייט עטליכע וואָכען האָט די יונגע דאַמע, אויפ׳ן פאַר־

לאנג פון דעם גראף, גענומען שטונדען איבער קאטוילישער רע־ליגיע ביי דעם גייסטליכען פון אן ערצהערצאָגין; זי, פון איהר זייט, האָט איינגערעדט גווידאָ׳ן צו לעזען ניטשע׳ן און איבסענ׳ען. דאָך איז דער איינציגער פועל־יוצא פון דעם, נאָך געאָרג׳ס רייד נאָך, געווען דאָס, וואָס דער יונגער גראף פלעגט אויף א גע־לעכטער אָנרופען זיין געליעבטע „מויז־פאַנגערין”, נאָך דעם נאָמען פון דער משונה׳דיגער פיגור אין איבסענ׳ן „דער קליינער אייאָלף.”

אנא האָט געהאט וויינינ וואָס פרעהליכס צו דערצעהלען פון דעם נעכטיגען אבענד. ביי זיי זיינען געווען נעכטען געסט.

— צוערשט, — האָט אנא דערצעהלט, — דער מוטערס צוויי קוזינעס, נאָכדעם איז געקומען דעם פאָטערס א קאָלעגע פון גע־שעפט, און זיי האָבען געשפּילט א פּארטיע טאראָק. יאזעף איז אויך פארבליבען אין דערהיים. פון דריי ביז פינף איז ער זיך געלעגען אויפ׳ן סאָפא, דערנאָך איז געקומען זיין נייער גוטער־ברו־טער, הער יאלאודעק, וועלכער האָט זיך שטארק ארומגעדרעהט ארום מיר.

— אזוי, אזוי.

— עס איז געווען ממש משוגע צו ווערען פון איהם! ער האָט געטראָגען, נאָר קורץ צו דערצעהלען, א פּיאָלעטען שניפּס מיט געלע ארבעסלאָך. דו מאָגסט זיך פאר איהם באהאלטען. אגב, האָט ער מיר געמאכט דעם שמייכעלהאפטען פאָרשלאָג צו באַטיי־ליגען זיך אין א קאָנצערט אין דער אזוי־גערופענער אקאדעמיע פון דעם „ווילדען מאן”, צום נוצען פון דעם ווערינגער פעראיין צו בויען קירכען.

— דו האָסט, פארשטעהט זיך, צוגעזאָגט.

— איך האָב זיך אויסגעדרייט מיט דעם תירוץ, אז מיין שטים איז צו קליין, און איך בין ניט גענוג פרום.

— נו, וואס איז שייך דער שטים...

זי האָט איהם איבערגעריסען.

— ניין, געאָרג, — האָט זי מיט לייכטקייט געזאָגט, — אָט, אָט די האָפנונג האָב איך אינגאנצען אויפגעגעבען.

ער האָט איהר פאַרשענד א קוק געטאָן אין די אויגען, אבער איהר בליק איז געבליבען קלאָר און פריי. שטיל און פארטויבט האָבען זיך דערטראָגען די אָרגעל־קלאַנגען פון דער קירכע.

— יא, אגב, — האָט געאָרג געזאָגט, — איך האָב דיר גע־בראכט דעם בילעט אויף מאָרגען צו „קארמען".

— א שענעם דאנק. — האָט זי געענטפערט, נעמענדיג דעם בילעט.

— יא, איך האָב א לאָזשע אויפ'ן דריטען שטאָק און האָב איינגעלאַדען בערמאנ'ען. די פארטיטור נעם איך מיט זיך, ווי אנומעלט צו „לאָהענגרין," און וועל ווידער שטודירען, ווי צו דיריזשירען דעם אָרקעסטר. פארשטעהסט זיך, איך וועל זיצען טיף אין דער לאָזשע. דו קאָנסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, וויפיעל מ'לערנט דערביי. איך וואָלט דיר, אגב, געוואָלט עפעס פאָר־שלאָגען, — האָט ער, שלאָגענדיג זיך אביסעל אין דער דעה, צו־געגעבען. — ווילסט דו ניט נאָכ'ן טעאטער מיט מיר און בערמאנ'ען געהן צום אבענד־ברויט?

זי האָט געשוויגען.

ער האָט פאָרטגעזעצט:

— מיר וואָלט באמת הנאה געטאָן, ווען דו וואָלסט זיך מיט איהם נעהענטער באַקענט. ביי אַלע זיינע פעהלערן איז ער אן אינטערעסאנטער מענש און...

— און איך בין ניט קיין „מויז־פאַנגערין", — האָט זי איהם שארף אָפּגעהאקט, און איהר פנים האָט תיכף באקומען איהר שטרענגען, באַלעבאטישען אויסזעהן.

געאָרג האָט זיך אביסעל אָנגעבלאָזען:

— האָסט ניט געטראָפען דעם אָרט, מיין ליעב קינד; איך בין דאָך אביסעל ניט גלייך צו גווירא. אָבער, ווי דו ווילסט.

ער איז אומגעגאנגען הין־און־צוריק איבער'ן צימער, זי איז געבליבען זיצען אויפ'ן סאָפאַ.

— דו געהסט אלזאָ היינט אבענד צו די עהרענבערגס? — האָט זי געפרעגט.

— דו ווייסט דאָך, איך האָב שוין לעצטענס צוויי מאָל אָפּגעזאָגט. דאָס מאָל האָט שוין ניט געפּאַסט...

— דו דאַרפסט זיך ניט פאַרענטפערען, געאָרג. איך בין אויך איינגעלאַדען.

— צו וועמען?

— אויך צו די עהרענבערגס.

— באמת, — האָט ער ניט ווילענדיג אויסגערופען.

— וואָס וואונדערט עס דיך אַזוי שטאַרק? — האָט זי אַ פרעג געטאָן מיט אַ שטאָך. — ווי ס'ווייזט אויס, ווייסען זיי נאָך ניט, אַז ס'פּאַסט ניט מיט מיר צו טרעפען זיך.

— אָבער, אַנאַ, וואָס טוט זיך דאָס מיט דיר היינט? פאַרוואָס ביזט דו אַזוי אויפגערעגט? ווען זיי וואָלטען אפילו געוואוסט... גלויבסט דו, אַז דאָס וואָלט זיי אָפּגעהאַלטען פון איינצולאַדען דיך? פאַרקערט. איך בין איבערצייגט, אַז פרוי עהרענבערג וואָלט גראָד געקראַגען רעספּעקט פאַר דיר.

— און די קליינע עלזע וואָלט מיר נאָך אפשר מקנא געווען. רעכענסט דו ניט? זי האָט מיר, אַגב, אָנגעשריבען זעהר אַ פריינדליכען בריוו. דאָ איז ער, ווילסט דו איהם לעזען?

געאָרג איז דורכגעלאָפען מיט די אויגען דעם בריוו, האָט געפונען אַז ער איז מיט אַ כיוון געשריבען געוואָרען אין אַ צופּיעל פריינדליכען טאָן, האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט וועגען דעם און האָט איהר אָפּגעגעבען דעם בריוו צוריק.

— דאָ איז, אַגב, נאָך איינער, — האָט אַנאַ געזאָגט, — אויב ער וועט דיך אינטערעסירען.

— פון דאָקטאָר שטאַובער? אַזוי? וואָלט ער גאָרנישט געהאַט געגען דעם, ווען ער וואָלט זיך דערוואוסט, אַז איך האָב זיין בריוו געלעזען?

— וואָס ביזט דו פּלוצלונג געוואָרען אַזוי אויסגערעכענט?

און ווי, וועלענדיג איהם אַ שטאָך טאָן, האָט זי צוגעגעבען:

— איהם וואָלטען נאָך אנדערע זאכען אויך ניט געפעלען געווארען.

געאָרג האָט שנעל פאר זיך געלעזען דעם בריוו. טרוקען, ערטערווייז מיט אביסעל הומאָר באפארבט, האָט בערטאָלד גע־שריבען וועגען זיינע ארבייטען אין דעם פאסטערשען אינסטיטוט, וועגען זיין פארברייננגען די צייט אין שפאצירען, עקסקורסיעס, טעאטער; ס'האָבען אויך ניט געפעלט באמערקונגען פון אן אל־געמיינעם כאראקטער; דאָך איז אויף די אכט זייטען פון זיין בריוו ניט געווען קיין שום רמז וועגען דער פארגאנגענהייט אָדער דער צוקונפט. געאָרג האָט פארביילויפענדיג א פרעג געטאָן:

— ווי לאנג בלייבט ער דען אין פאריז?

— ווי דו זעהסט, שרייבט ער קיין ווארט ניט וועגען זיין קומען צוריק.

— דיין פריינדין טערעזע האָט דאָ אנומעלט דערצעהלט, אז זיינע פארטיי־גענאָסען וואָלטען איהם זעהר געוואָלט האָבען דאָ ווידער.

— אָה, איז זי ווידער געווען אין קאפע?

— יא, מיט א צוויי־דריי טעג צוריק האָב איך מיט איהר דאָרטען גערעדט. זי אמיזירט מיך זעהר באמת.

— אזוי?

— פון אָנהויב האַלט זי זיך שטענדיג זעהר שטאָלץ, אויך מיט מיר. קענטיג דערפאר, ווייל איך פטר אוועק מיין לעבען מיט קונסט און נאָך אזעלכע נארישקייטען, בעת אויף דער וועלט זיינען פאראן אזעלכע וויכטיגע זאכען צו טאָן. אָבער, ווען זי ווערט אביסעל אויפגעמונטערט, דעמאָלט ווייזט זיך ארויס, אז זי אינטערעסירט זיך מיט אלע מעגליכע נארישקייטען פונקט, ווי מיר געוועהנליכע מענשען.

— זי ווערט לייכט אויפגעמונטערט, — האָט אנא אומבא־וועגליך געזאָגט.

געאָרג איז אהין־און־אהער ארומגעגאנגען און האָט ווייטער גערעדט:

— אויסגעצייכענט איז זי געווען דאָ אנומעלט ביים פעכט־טורניר אין זאַל פון דעם מוזיק־פעראיין. ווער איז, אגב, געווען דער יונגערמאַן, מיט וועמען זי איז געזעסען אויבען אויפ׳ן גאַ־לעריע?

אַנאַ האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען.

— איך האָב ניט געהאַט די עהרע צו זיין ביים טורניר. אגב קען איך ניט אַלע טערעזע׳ס באַגלייטער.

— איך רעכען, — האָט געאָרג געזאָגט, — אַז דאָס איז גע־ווען אַ „געניאַסע", אין יעדען פּרט: אַ פאַרכמורעטער, און גאַנץ שלעכט געקליידט. בעת טערעזע האָט נאָך פּעליציאַנ׳ס נצחון אָנ־געהויבען צו אפּלאַדירען, האָט עס איהם געוואָרפען און געטריי־סעלט פון אייפערזוכט.

— וואָס האָט טערעזע דערצעהלט, אייגענטליך, פון דאָקטאָר בערטאָלד? — האָט אַנאַ געפרעגט.

— אָ, — האָט געאָרג זיך געוויצעלט, — ווי ס׳ווייזט אויס, אינטערעסירט מען זיך נאָך מיט איהם גאַנץ שטאַרק.

אַנאַ האָט ניט געענטפערט.

— אַלזאָ, — האָט געאָרג ווייטער גערעדט, — איך קען דיר מעלדען, אַז מ׳וויל איהם אין הערבסט אַרויסשטעלען אַלס קאַנ־דידאַט אין לאַנדטאַג, וואָס איך קען דאָס, אגב, גאַנץ גוט באַגריי־פען, ער איז דאָך אַזאַ גלענצענדער רעדנער.

— פון וואַנען ווייסט דו דאָס? האָסט איהם שוין אַמאָל געהערט ריידען?

— געוויס, דערמאָנסט זיך דען ניט? ביי אייך אין דער־היים!

— עס איז אָבער ניט דיין עסק אָפּצולאַכען פון איהם.

— דאָס פאַלט מיר גאָרניט איין.

— איך האָב דאָס גלייך באַמערקט. ער האָט זיך דיר אויס־געוויזען דעמאָלט אַביסעל קאָמיש. ער און זיין פאָטער. דו ביזט דאָך צוליעב זיי טאַקי אַנטלאָפען.

— ס'הויבט זיך גאַרניט אָן, אַנאַ. דו ביזט זעהר אומגערעכט, מאַכענדיג אויף מיר אַזעלכע בלבולים.

— זיי מעגען זיך האָבען זייערע שוואַכקייטען,ביידע, אָבער זיי געהערען לפּחות צו דעם סאָרט מענשען, אויף וועמען מען קען זיך פאַרלאָזען. דאָס האָט עפּעס צו זאָגען.

— האָב איך דען דאָס געוואָלט אָפּלייקענען, אַנאַ? באמת, איך האָב דיך נאָך קיינמאָל ניט געהערט אַזוי ניט לאָגיש ריידען. וואס ווילסט דו אייגענטליך פון מיר? האָב איך צוליעב דעם בריוו געדאַרפט אפשר אייפערזיכטיג ווערען?

— אייפערזיכטיג? דאָס האָט נאָך געפעלט, דו מיט דיין פאַרגאַנגענהייט?

געאָרג האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען. אין זיין גייסט האָבען אויפגעשוועבט זכרונות וועגען עהנליכע איבעררייידען מיט זיינע פריהערדיגע געליעבטע, וועגען יענע פּלוצלונגע און אונפאַר־שטענדליכע סכסוכים, וועלכע האָבען על פּי־רוב באַדייט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי דעם אָנהויב פון סוף. זאָל דאָס שוין באמת אַזוי ווייט האַלטען מיט זיין קלוגער און גוטער אַנאַ? אַ צוטראַ־גענער, כמעט אַ טרויעריגער איז ער ארומגעגאַנגען הין־און־צוריק איבער'ן צימער. פון צייט צו צייט פלעגט ער וואַרפען אַ בליק אויף זיין געליעבטע, וועלכע איז געזעסען אין עק פון'ם סאָפאַ און האָט זיך לייכט געריבען די הענט, ווי ס'וואָלט איהר קאַלט גע־ווען. אין דעם שווייגען פון דעם מיט אַמאָל אַזוי טרויעריג געוואָ־רענעם צימער, האָבען זיך נאָך שווערער ווי פריהער אַריינגעריסען די טענער פון אָרגעל, זינגענדיגע מענשליכע שטימען האָבען זיך נאָך קלערער געהערט, און די שויבען אין פענסטער האָבען לייכט געציטערט. געאָרג'ס בליק איז געפאַלען אויפ'ן קליינעם ווייִ־נאַכטס־בוים, וועלכער איז געשטאַנען אויפ'ן קאַמאָד, אין וועלכען עס האָבען אייערנעכטען פאַר איהם און אַנאַ'ן געברענט ליכט. האַלב פון לאַנגווייליגקייט, אביסעל צושטרייט, האָט ער ארויס־גענומען פון קעשענע אַ שוועבעלע און האָט אָנגעהויבען אָנצוּר־

צינדען די קליינע ליכטלאך איינע נאָך דער אנדערער. דאָ האָט פלוצלונג אַ קלונג געטאָן אַנאַ'ס שטים:

— אין אַן ערנסטער זאַך, — האָט זי פֿאַמעליך געזאָגט, — וועל איך זיך אויף קיין אַנדערען ניט פאַרטרויען, ווי נאָר אויף דעם אַלטען דאָקטאָר שטאָובער.

נעאָרג האָט זיך פאַרוואונדערט אָפּגעקערט צו איהר, און האָט אויסגעלאָשען די שוועבעלע, וועלכע ער האָט נאָך געהאַלטען אין האַנט. ער האָט תיכף פאַרשטאַנען, וואָס אַנאַ האָט געמיינט. ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס ער אַליין האָט וועגען דעם ניט געטראַכט זינט זיי לעבען צוזאַמען. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט זי אָנגענומען פאַר'ן האַנט. איצט ערשט האָט זי אַ קוק געטאָן אויף איהם, ניט דורכדרינגליך, מיט אַן אומבאַוועגטען פנים.

— הער זשע, אַנאַ, זאָג מיר דאָך... — ער האָט זיך אַוועקגע־זעצט לעבען איהר אויפ'ן סאָפאַ און האָט אָנגענומען איהרע ביי־דע הענט.

זי האָט געשוויגען.

— פאַרוואָס רעדסט דו ניט?

זי האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען.

— דערווייל איז נאָך ניטאָ קיין שום נייס, — האָט זי פּשוט ערקלערט.

— אַזוי, — האָט ער לאַנגזאַם געזאָגט. איהם איז דורכגע־פלויגען אין קאָפּ, צי איז ניט איהר היינטיגע גערייצטע שטימונג שוין אַ סימן פון דעם צושטאַנד, אויף וועלכען זי האָט געגעבען אָנצוהערעניש, און אַן אומרוה האָט זיך דערוועקט אין זיין נשמה.

— אָבער די זאַך איז נאָך פונדעסטוועגען ניט אַזוי זיכער, — האָט ער געזאָגט אין אַביסעל אַ קעלטערען טאָן, ווי ער האָט איי־גענטליך געוואָלט.

— און ווען... ווען אפילו, — האָט ער מיט געקינסטעלטער לעבעדיגקייט צוגעגעבען.

— אלזאָ, דו וועסט מיר דאָך מוחל זיין ? — האָט זי שמייכ־לענדיג געפרעגט.

ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און איז פּלוצלונג געוואָרען אויפגעלייגט. אַ לעבעדיגע, טיפע צערטליכקייט האָט אין איהם אויפגעפלאַמט צו דער מילדער, גוטער פרוי, וואָס ער האָט געהאַל־טען אין זיינע אָרימס. ער האָט טיף געפיהלט, אַז זי וועט איהם קיינמאָל קיין גרויסע וועהטאָגען ניט מאַכען.

— ס'וואָלט באמת גאָרניט אזוי שלעכט געווען, — האָט ער פרייליך געזאָגט. — דו וועסט אויף אַ קורצע צייט אוועקפאָרען פון וויען, און דאָס איז אַלץ.

— נו, גאָר אזוי איינפאך איז דאָס ניט, ווי דו שטעלסט זיך פאָר.

— פאַר וואָס ניט ? אַן אויסרייד וועט מען לייכט געפינען. און אנגב, וועמען געהט עס אָן ? אונז ביידען. און מעהר קיי־נעם ניט. און וואָס איז שייך צו מיר, ווייסט דו דאָך, איך קען יעדען טאָג אוועקפאָרען. איך קען אויך זיין ניט אין דער היים, אזוי־לאַנג ווי איך וויל. איך האָב נאָך ניט אונטערגעשריבען קיין קאָנטראַקט, אפילו פאר'ן קומענדיגען יאָהר, — האָט ער שמייכ־לענדיג צוגעגעבען.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, כדי אויסצולעשען די וועקסענע ליכטלאַך, וועלכע האָבען כמעט איינגאַנצען אויסגעברענט, און נאָך אין אַ לעבעדיגערען טאָן האָט ער ווייטער גערעדט :

— ס'וואָלט אפילו געווען גאָר אויסגעצייכענט. טו נאָר אַ טראַכט, אַנאַ ! סוף פעברואַר, אָדער אָנהויב מערץ וועלען מיר אוועקפאָרען, אין דרום, פאַרשטעהט זיך, אין איטאַליען, צום ים אפשר. מיר וועלען ערגעץ־וואו אין אַ שטילען אָרט וואוינען, וואו קיינער קען אונז ניט, אין אַ שענעם האָטעל מיט אַ ריעזיגען פּאַרק. און אַרבייטען וואָלט מען דאָרטען געקענט, אויף וואָס די וועלט שטעהט !

— אַך, אַט דאָס געפעלט דיר, — האָט זי געזאָגט, ווי פּלוצ־לונג פאַרשטעהענדיג איהם. ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, ער

האָט זי שטאַרקער אַרומגענומען אין זיינע אָרימס, און זי האָט זיך צוגעטוליעט צו זיין ברוסט.

פון גאַס האָבען זיך קיינע קלאַנגען ניט געהערט. דער אָרגעל און די מענשליכע שטימען זיינען אַנשוויגען געוואָרען. פאַר די פענסטער האָט געשוועבט דער שניי־פאָרהאַנג... געאָרג און אַנאַ זיינען געווען גליקליך, ווי קיינמאָל ניט ביזאַהער.

בעת זיי האָבען גערוהט אין דער פינסטער, האָט ער איהר דערצעהלט וועגען זיינע מוזיקאַלישע פּלענער און וועגען היינריך׳ס אָפּערא־ליברעטאָ: „דער צימער ווערט אָנגעפילט מיט שימערנדע שאָטענס. אין אַ פאַר׳כשופ׳טען קעניגליכען שלאָס שפּילט זיך אָפּ אַ פרעהליכע חתונה. אַ ליידענשאַפטליכער יונג האָט זיך אַריינגעגנב׳עט אַהין און פאַרמעסט זיך מיט׳ן קינזשאַל אויפ׳ן קעניג. אַ פינסטערער אורטייל ווערט אַרויסגעטראָגען, אין וועלכען עס איז פאַרבאָרגען נאָך אַ גרעסערער סוד, ווי דער טוידט. דורך טונקעלע כוואַליעס שווימט אַ שיף צו אומבאַקאַנטע צילען. צופוסען פון דעם יונג רוהט אַ פּרינצעסין, די געוועזענע כלה פון דעם הערצאָג. אַן אומבעקאַנטער דערנעהענטערט זיך אויף אַ באַלויכטענעם שיפעל מיט אַ מערקווירדיגער בשורה; ס׳טראָגען זיך פאַרביי פּאַיאַצען, שטערנזעהער, טענצערינס און הויפליים.״

אַנאַ האָט שווייגענדיג צוגעהערט זיך. צום סוף איז געאָרג געווען נייגעריג צו דערגעהן, וואָס פאַר אַן איינדרוק האָבען אויף איהר געמאַכט די אָפּגעריסען געמאָלטע בילדער.

— איך קען באמת ניט זאָגען, — האָט זי געענטפערט, — אויף יעדען פאַל איז דאָס נאָך פאַר מיר היינט אַ גרויסער רעטזעל, ווי אַזוי פון דעם כאַאָטישען שטאָף קען אַרויסקומען עפּעס רעכטס!

— געוויס קענסט דו זיך דאָס נאָך היינט ניט פאָרשטעלען, באַזונדערס נאָך מיין דערצעהלונג... אָבער דעם מוזיקאַלישען מאָטיוו, וואָס שוועבט אַרויס פון דער געשיכטע, פיהלסט דו דאָך, ניט אַזוי? איך האָב שוין אַפילו אויפגעצייכענט אַ פּאָר מעלאָ־

דיעס, — און איך וויל זעהר, אז בערמאן זאָל זיך באַלד ערנסט נעמען צו דער אַרבייט.

— אויף דיין אָרט, געאָרג... אָבער, מעג איך דאָס זאָגען?

— געוויס, זאָג נאָר.

— איך וואָלט אויף דיין אָרט געענדיגט אַפריהער דעם קווינ־טעט. ס'מוז שוין מסתמא ניט פיעל פעהלען צום ענדיגען דאָס.

— ניט פיעל און דאָך... אגב, דארפסט דו ניט פאַרגעסען, אַז איך האָב אין דער לעצטער צייט פאַרשידענע אַנדערע זאַכען אָנגעהויבען. די צוויי פּיאַנאָ־שטיק, דאַן דאָס אָרקעסטער־סקערצאָ. מיט דעם האַלט איך אפילו גאָר ווייט. אָבער דאָס פּאַסט זיך ניט אַנדערס פאַר אַ סימפאָניע.

אַנאַ האָט גאָרנישט געענטפערט. געאָרג האָט באַמערקט, אַז איהרע געדאַנקען זיינען ערגעץ־אַנדערס־וואו, און ער האָט זי גע־פרעגט, וואוהין זי איז שוין ווידער פון איהם פאַרשוואונדען.

— ניט אַזוי ווייט, — האָט זי געענטפערט. — מיר איז נאָר דורכ'ן קאָפּ דורכגעפלויגען, וואָס עס קען נאָך אַלץ פּאַסירען, ביז די אָפּערא וועט אַמאָל פאַרטיג ווערען.

— יאָ, — האָט געאָרג לאַנגזאַם געזאָגט, כמעט ווי מיט מורא, — ווען מ'וואָלט געקענט אַזוי אריינקוקען אין דער צו־קונפט.

זי האָט גאַנץ שטיל אַ זיפץ געטאָן, און ער האָט זיך נעהענ־טער צו איהר צוגעטוליעט, כמעט מיט מיטלייד.

— זיי רוהיג, מיין טייערע, זיי רוהיג, — האָט ער געזאָגט, — איך בין דאָך מיט דיר... און וועל שטענדיג מיט דיר זיין.

איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער פיהלט, ווי זי טראַכט: קען ער ניט זאָגען עפּעס בעסערס?... עפּעס שטאַרקערס? עפּעס, וואָס זאָל דעם גאַנצען שרעק אויף שטענדיג פון מיר אַוועקנעמען?

און ניט אויפריכטיג, ווי מיט דעם געדאַנק צו באַגעגענען אַ געפאַהר, האָט ער זי געפרעגט:

— וועגען וואָס טראַכסט דו?

זי האָט מיט עקשנות געשוויגען, און ער האָט נאָכאַמאָל ווי־דערהאָלט די פֿראַגע:

— אַנאַ, וועגען וואָס טראַכסטו דאָך?

— וועגן עפּעס זעהר מערקווירדיגס, — האָט זי שטיל גע־ענטפֿערט.

— וועגן וואָס?

— אַז ערגעץ שטעהט שוין דאָס הויז, וואו ער וועט אויף דער וועלט קומען, — און מיר האָבען נאָך קיין שום אהנונג ניט וואו... וועגען דעם האָב איך געמוזט טראַכטען.

— וועגען דעם, — האָט ער געזאָגט מיט אַ מאָדנעם געפֿיהל. און מיט אַ ניי אויפגעפֿלאַמטער צערטליכקייט, צופרעסענדיג זי צום הארצען, האָט ער געענדיגט:

— איך וועל אייך קיינמאָל ניט פֿאַרלאָזען, אייך ביידען...

ווען ס'איז אין צימער ווידער ליכטיג געוואָרען, זיינען זיי געווען אין אַ זעהר פרעהליכער שטימונג, זיי האָבען אראָפּגעריסען פֿון די צווייגען פון'ם וויהנאכטס־בוים די לעצטע פֿאַרגעסענע צוקערלאַך. זיי האָבען זיך געפֿרעהט, ווי מיט אַ לוסטיגער פּאַסי־רונג, מיט דעם, וואָס זיי וועט אין אבענד אויסקומען צו טרעפֿען זיך צווישען פֿרעמדע און גלייכגילטיגע מענשען, זיי האָבען גע־לאַכט און לוסטיג געפּלוידערט.

באַלד ווי אַנאַ איז אַוועקגעגאַנגען, האָט געאָרג פֿאַרשלאָסען די נאָטען־בלעטלאַך אין טישקעסטעל, האָט אויסגעלאָשען דעם לאָמפּ און האָט געעפֿענט אַ פֿענסטער. לייכט און דין איז געפֿאַלען דער שניי. אויף די טרעפּ אין דער פֿינסטער איז געגאַנגען אַן אַלטער מאַן, און זיין שווער אָטעמען האָט זיך געהערט אין דער אומבאַוועגטער לופֿט. גראָ האָט אויסגעזעהן די קירכע אַנטקע־גען... געאָרג איז געבליבען אַ ווײַלע שטעהן ביים פֿענסטער. אין דעם מאָמענט איז ער געווען כמעט איבערצייגט, אַז דאָס, וואָס אַנאַ'ן האָט זיך אויסגעדוכט, איז ניט ריכטיג; מיט אַ בארוהיגונג האָט ער זיך דערמאָנט אָן לעאָ גאָלאָווסקי'ס ווערטער, אַז אַנאַ'ן איז באַשערט צו פֿאַרבלייבען אין דער בעל־הבית'ישער סביבה.

אין דער אמת׳ן. ס׳האָט ניט געקענט ליגען אין דער „ליניע פון איהר שיקזאל״ צו האָבען אַ קינד פון אַ געליעבטען, און ניט „אין דער ליניע פון זיין שיקזאל״ איז דאָס געווען צו טראָגען התחיבות פון אַן ערנסטען כאַראַקטער: אַזוי פריה און אפשר אויף שטענדיג צוגעבונדען זיין צו איין פרוי, אין אַזעלכע יונגע יאָהרען ווערען אַ פאָטער. שווער, ווי אַ כמארע, האָט אָט דאָס וואָרט „פאָטער״ געדריקט אויף זיין נשמה.

אכט אזייגער אין אבענד איז ער אריינגעקומען אין סאַלאָן פון די עהרענבערגס. וואַלצער־קלאַנגען האָבען זיך איהם אַנטקעגען געטראָגען. ביים פּיאַנאָ איז געזעסען דער אַלטער אייסלער. זיין גראָע, לאַנגע באָרד האָט דערגרייכט כמעט ביז די קלאַווישען. געאָרג, וועלכער איז געבליבען שטעהן ביים אריינגאַנג, כדי ניט צו שטערען, איז פון אַלע זייטען באַגריסט געוואָרען פון פריינדליכע בליקען. דער אַלטער אייסלער האָט ווייך און מיט קרעפטיגען ריטם געשפּילט זיינע באַריהמטע וויענער טענץ און לידער, און געאָרג האָט ווי שטענדיג הנאה געהאַט פון די זיסע, פאַרוויגענדיגע מעלאָדיעס.

— הערליך, — האָט פרוי עהרענבערג געזאָגט, בעת דער אַלטער האָט זיך אויפגעהויבען.

— די גרויסע ווערטער לאָזט איבער פאַר וויכטיגערע געלעגענהייטען, לעאָניע, — האָט אייסלער געענטפערט; דער אַלטער האָט זיך גענומען די פריהייט אַנצורופען אַלע פרויען און מיידלאַך מיט׳ן ערשטען נאָמען, און עס האָט אויסגעזעהן, אַז יעדערער פון זיי איז שטאַרק געפּעלען געווען צו הערען איהר נאָמען ארויסגערעדט פון אָט דעם אַלטען, שענעם מאַן מיט דער טיפער, קלינגענדיגער שטים, אין וועלכער ס׳פּלעגט זיך נאָך צייטענווייז הערען אַ ציטערענדיגער סענטימענטאַלער אָפּקלאַנג פון די שטורמישע יוגענד־טעג. געאָרג האָט איהם געפרעגט, צי זיינען אַלע זיינע קאָמפּאָזיציעס געדרוקט.

— נאָר דער קלענסטער טייל, ליבער באַראָן; איך אַליין קען ניט צום באַדויערען שרייבען קיין נאָטען.

— ס׳וואָלט דאָך אָבער באמת געווען אַ שרעקליכער שאדען, ווען אַט די וואונדערבארע מעלאָדיעס זאָלען פארלאָרען געהן.

— יאָ, דאָס האָב איך אויך אַפּט געזאָגט, — האָט פרוי עהרענבערג גענומען דאָס וואָרט. — אָבער ער געהערט לײדער צו די מענשען, וועלכע נעהמען זיך אַלײן קײנמאָל ניט ערנסט.

— אַ, דאָס איז אַ טעות, לעאָניע. ווײסט איהר דען, ווי איך האָב אָנגעהויבען מײן מוזיקאַלישע קאריערע? איך האָב געוואָלט אָנשרײבען אַ גרויסע אָפּערא. איך בין, אגב, אַלט געווען דעמאָלט זיבעצען יאָהר און בין געווען משוגע פארליבט אין אַ זינגערין.

פון הינטער אַ טיש אין אַ ווינקעל האָט זיך דערהערט פרוי אָבערבערגער׳ס שטים.

— ס׳איז מסתמא אַ כאָריסטקע געווען.

— איהר האָט אַ טעות, קאטארינא, — האָט אײסלער גע־ענטפערט. — כאָריסטקעס זײנען קײנמאָל ניט געווען מײן שוואכקײט. דאָס איז אפילו געווען אַ פּלאַטאָנישע ליבע, ווי דאָס רוב פון מײנע גרויסע לײדענשאַפטען אין לעבען.

— זײט איהר געווען אַזאַ שלים־מזל? — האָט פרוי אָבער־בערגער געפרעגט.

— אין אַ געוויסער מדרגה בין איך דאָס מסתמא געווען, — האָט אײסלער אויף אַ הויכען קול און מיט ווירדע געענטפערט, — ווען ניט, וואָלט איך דאָך אויך געקענט האָבען אַזויפיעל גליק, ווי אַ וועלכער עס איז הוזארען־ראטמײסטער. אָבער איך באדויער ניט, וואָס איך בין געווען אַ שלים־מזל. נאָר פון דורכגעלאָזענע געלעגענהײטען בלײבען בײ אונז ניט קײן אונאנגענעהמע זכרונות.

פרוי עהרענבערג האָט מיט הסכמה צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— אויב אַזוי, וועט מען קײן טעות ניט האָבען, הער אײס־לער, — האָט נירענבערגער באמערקט,— ווען מען וועט זאָגען, אַז אין אײער לעבען האָבען די גרעסטע ראָלע געשפּילט די אונאנ־גענעהמע זכרונות.

פרוי עהרענבערג האָט ווידער צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. זי איז געווען ענטציקט, ווען מען האָט אין איהר סאלאָן גערעדט וויציג.

— פאַר וואָס עפּעס האָט איהר געזאָגט, — האָט פרוי אָבער־בערגער געפרעגט, — אַז איהר וואָלט געקענט האָבען אַזויפיעל גליק, ווי אַ וועלכער עס איז הוזאַרען־ראַטמייסטער? ס'איז גאָר־ניט אמת, אַז אָפיצערען האָבען אַזויפיעל גליק ביי פרויען. ווען מיין שוועגערין האָט אפילו יאָ געהאַט אמאָל אַ פאַרהעלטנים מיט אַן אבער־לייטענאַנט...

—איך גלויב ניט אין פּלאַטאָנישע ליבע, — האָט זיסי גע־זאָגט און האָט ווי אַ בליץ, דורכגעדרונגען אַלעמען אין זאַל מיט איהר בליק.

פרוי ווײַנער האָט שטיל אויסגעשריען.

— פריילין זיסי איז וואַרשיינליך גערעכט, — האָט נירענ־בערגער געזאָגט. — ווייניגסטענס בין איך איבערצייגט, אַז דאָס רוב פרויען האַלטען פּלאַטאָנישע ליבע פאַר אַ באַליידיגונג אָדער אַן אויסרייד.

— דאָ זיינען פאַראַן יונגע מיידלאַך, — האָט פרוי עהרענ־בערג מילד דערמאָנט.

— דאָס זעהט מען שוין דערפון, — האָט נירענבערג גע־זאָגט, — וואָס זיי באַטייליגען זיך אין דעם געשפּרעך...

— ניט קוקענדיג אויף דעם, וויל איך זיך ערלויבען צו דעם קאַפּיטעל וועגען פּלאַטאָנישער ליבע אַ קליינעם אַנעקדאָט צו דערצעהלען, — האָט היינריך געזאָגט.

— נאָר ניט קיין אידישען,— האָט זיך עלזע אריינגעמישט.

— געווים ניט. הערט נאָר צו. אַ קליינע בלאָנדע מיידעל...

— דאָס באַווייזט גאָרנישט, — האָט עלזע איבערגעריסען.

— לאָז דאָך דערצעהלען ביז'ן סוף, — האָט פרוי עהרענבערג זי אָפּגעשטעלט.

— אַלזאָ: אַ קליינע, בלאָנדע מיידעל, — האָט היינריך אָנגעהויבען איבעראַניים, — האָט אמאָל, להיפּוך צו פריילין זיסי, מיר ערקלערט, אַז זי איז איבערצייגט, אַז פּלאַטאָנישע ליבע עקזיסטירט יאָ. און ווייסט איהר, וואָס זי האָט מיר געבראַכט אַלס אַ באַווייז...? איהרע אַן אייגענע איבערלעבונג. זי האָט מיר

דערצעהלט, אז זי האָט אמאָל פארבראַכט א גאַנצע שעה איינע אליין אין א צימער מיט א לייטענאַנט און....

— ס'איז גענוג, — האָט פרוי עהרענבערג מיט שרעק אויס־געררופען.

— און, — האָט היינריך אומדערשראָקען און בארוהיגענד געענדיגט, — ס'האָט אין דער שעה גאָרנישט פאַסירט.

— זאָגט די בלאָנדע מיידעל, — האָט עלזע צוגעגעבען.

די טיר האָט זיך געעפענט, געאָרג האָט דערזעהן א פרעמדע דאַמע, אריינגעהענדיג, אין א העל־בלויען, פיער־קאַנטיג אויסגע־שניטענעם קלייד, בלאַס, איינפאַך און פאָרנעהם. ערשט בעת זי האָט א שמייכעל געטאָן, האָט ער דערזעהן, אז די דאַמע איז גע־ווען אַנאַ ראָסנער, און ער האָט זיך דערפיהלט עפּעס ווי שטאָלץ.

מ'איז אריינגעגאַנגען אין דעם צווייטען צימער, וואו דער טיש איז געווען געדעקט באשיידען, אָבער מיט געשמאַק. דער יונגער עהרענבערג האָט געפעהלט. ער איז געווען אין נייהויז, אויפ'ן פאַטערס פאַבריק. הער עהרענבערג אליין האָט זיך אָבער פלוצלונג באוויזען ביים טיש, ווען מ'האָט דערלאַנגט דעם אבענד־ברויט. ער האָט זיך ערשט ניט לאַנג אומגעקעהרט פון זיין רייזע, וועלכע האָט איהם טאַקי דערפיהרט ביז פּאַלעסטינא. בעת האפראַט ווילט האָט זיך ביי איהם גענומען נאָכפרעגען וועגען זיינע רייזע־איינדריקען, האָט ער לכתחילה גאָרנישט ניט געוואָלט דער־צעהלען, צום סוף האָט זיך ארויסגעוויזען, אז די לאַנדשאַפט האָט איהם ענטטוישט, די רייזע האָט איהם אויסגעמאַטערט און האָט איהם אריינגעבראַכט אין א שלעכטער שטימונג, אזוי אז די אי־דישע קאָלאָניעס, וואָס וועגען זייער אויפבויען האָט ער געהאַט די זיכערסטע ידיעות, האָט ער אזוי גוט ווי גאָרניט געזעהן.

— מיר האָבען אלזאָ א גרונד צו האָפען, — האָט נירענבערג באמערקט, — אז איהר וועט אונז ניט פאַרלאָזען, אפילו אין דעם פאַל, אויב דער אידען־שטאַט זאָל אין דער נאָהענטסטער צייט געגרינדעט ווערען?

— האָב איך אייך דען ווען עס־איז געזאָגט, — האָט עהרענ־

בערג מיט בייזקייט געענטפערט, — אז איך האָב בדעה אויסצו־וואנדערען? איך בין שוין צו אַלט דערצו.

— אַך אזוי, — האָט נירענבערגער געזאָגט, — איך האָב ניט געוואוסט, אז איהר האָט די געגענד דאָרטען אָנגעזעהן נאָר צוליעב אָסקאר'ן און פריילין עלזע.

— ליבער נירענבערגער, איך וועל זיך מיט אייך דאָ ניט האמ־פערען. דער ציוניזם איז אויך באמת צו הויך פאר א טיש־שמועס.

— צי ער איז צו הויך,— האָט האפראט ווילט געזאָגט, — דאָס איז נאָך א פראגע, יעדענפאלס איז ער צו קאָמפּליצירט, שוין דערפאר, ווייל יעדערער פארשטעהט עפּעס אנדערש אונטער איהם.

— אָדער וויל פארשטעהן, — האָט נירענבערגער צוגעגעבען, — ווי דאָס איז, אגב, דער פאַל מיט אַלע שלאַגווערטער און ניט נאָר אין דער פּאָליטיק אליין. דערפאר ווערט אויף דער וועלט אזויפיעל געפּלוידערט.

היינריך האָט ערקלערט, אז צווישען אַלע מענשליכע באַשע־פעניסען איז פאר איהם דער פּאָליטיקער דאָס גרעסטע רעטזעל.

— איך באגרייף קעשענע־גנבים, — האָט ער געזאָגט, — אקראָבאטען, באנק־דירעקטאָרען, האָטעל בעלי־בתים, קיסרים... דאָס הייסט, אָהן א באזונדער שוועריגקייט געלינגט עס מיר פאר־צושטעלען זיך אין דער הויט פון אָט די אַלע סאָרטען מענשען. דער־פון איז געדרונגען, אז כדי צו שפּילען אין דער וועלט די ראָלע פון אַן אקראָבאט, קעניג אָדער באנק־דירעקטאָר, וואָלט נויטיג געווען פאר מיר נאָר אין כמות זעהר שטארק צו ענדערען מיין נאטור. אָבער איך פיהל דאָס זיכער: איך וואָלט געמעגט אָנשטרענגען מיין נאטור עד בלי סוף, און דאָך וואָלט פון מיר קיינמאָל ניט ארויסגעקומען דאָס, וואָס מ'רופט אַן פּאָליטיקער: א פּארטיי־פיהרער, א געגאָסע, א מיניסטער.

נירענבערגער האָט געשמייכעלט פון היינריך'ס טעאָריע, אז דער פּאָליטיקער איז א באזונדער סאָרט־מענש, בעת אין דער אמת'ן געהערט עס נאָר צו די אויסערליכע, אפשר ניט נויטיגע אטריבוטען פון זיין בארוף צו מאכען דעם אָנשטעל פון א באזונדער סאָרט

מענש, צו באהאַלטען זיך הינטער אַלערליי טיטולען און אבסטראַק־טע סימבאָלען, כדי צו פאַרבאָרגען זיין אייגענע גרויסקייט אָדער זיין נישטיגקייט, זיין טיכטיגקייט אָדער זיין פוילקייט. וואָס עס שטעלען מיט זיך פאָר די קליינינקע און שווינדלערישע פּאָליטי־קער, דאָס איז דאָך גרינג צו זעהן! דאָס זיינען אָדער פּשוט געשעפטס־לייט, אָדער אַ העכערער סאָרט שווינדלער, אָדער גלאַט פּלוידערער. די גרויסע פּאָליטיקער אָבער, די טעטיגע און — גאַנץ געווים — די געניאַלע, די זיינען אין דער טיפעניש פון זייער נשמה קיין אַנדער זאַך ניט, ווי קינסטלער: זיי פּראָבירען עפּעס צו „שאַפען", און דוקא עפּעס אזוינס, וואָס אין דער אידעע האָט עס דיזעלבינע תביעות אויף אונשטערבליכקייט און פאָלקאָמענהייט, ווי יעדעס קינסטלערישע ווערק. די נפקא־מינא איז נאָר, וואָס דער מאַטעריאַל, פון וועלכען זיי שאַפען, איז ניט אין דעמזעלבינען ערך שטאַנדהאַפט און פעסט, אַזוי ווי טענער און ווערטער, נאָר ער האַלט אין שטענדיגען פליסען און באַוועגען זיך, ווי דאָס איז די טבע פון לעבעדיגע מענשען.

ס'איז אריינגעקומען ווילי אייסלער. ער האָט זיך אַנטשול־דיגט ביי דער ווירטין, פאַרוואָס ער האָט זיך פאַרשפּעטיגט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צווישען זיסי און פרוי אָבערבערגער און האָט באַגריסט זיין פאָטער, ווי אַן אַלטען ליבען פריינד נאָך לאַנ־גער צושיידונג. ס'האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זיי ביידע וואוינען צוזאַמען, האָבען זיי זיך שוין עט־ליכע טעג ניט געזעהן. ווילי האָט באַקומען קאָמפּלימענטען פאַר זיין ערפאָלג אויף דער אריסטאָקראַטישער פאָרשטעלונג, וואו ער האָט אין דער ראָלע פון אַ מאַרקיז געשפּיעלט מיט דער גרעפין ליבענבערג־ראַטהאַני אין אַ ווינסטען פראַנצויזישען שטיק. פרוי אָבערבערגער האָט איהם געפרעגט, געגנוג הויך, אַז די דערבייאיגע זאָלען קענען הערען, וואו ער מאַכט זיינע ראַנדעוואוס מיט דער גרעפין און צי ער טרעפט זיך מיט איהר אויף דעמזעלבינען אָרט, וואו ער נעהמט אויף זיינע געליעבטע פון בירגערליכע קרייזען. דער שמועס איז געוואָרען לעבעדיגער, מ'האָט גערעדט אין אַלע

ווינקלאַך, און די געשפּרעכען האָבען זיך געקייטעלט צווישען זיך. געאָרג האָט אָבער אויפגעכאַפּט אָפּגעריסענע ווערטער פון אַנאַ'ס שמועס מיט בערמאַנ'ען, און ער האָט זיך אָנגעשטויסען, אַז דאָ רעדט זיך וועגען טערעזע גאָלאָווסקי. דערביי האָט ער באַמערקט, ווי אַנאַ פלעגט פון צייט צו צייט וואַרפען אַ נייגעריגען בליק אויף דעמעטער סטאַנצידעס, וועלכער האָט היינט געטראָגען אַ פראַק מיט אַ בלום אין דער לאַץ; ניט זייענדיג אייגענטליך אייפערזיכ־טיג, האָט ער זיך דאָך עפּעס מאָדנע געפיהלט. צי טראַכט זי ניט אין דער רגע וועגען דעם, אַז זי טראָגט אפשר אונטער איהר האַרץ אַ קינד פון איהם? „די סודות פון דער מענשליכער נשמה...״ האָט ער אַ טראַכט געטאָן. פּלוצלונג האָט אַנאַ אַ וואַרף געטאָן צו איהם אַ בליק, מיט אַזאַ שמייכעל, ווי זי וואָלט אהיים געקומען פון אַ רייזע. ער האָט זיך דערפיהלט ווי אינערליך באַפרייט און מיט אַ לייכטען שרעק דערשפּירט, ווי שטאַרק ער ליבט זי. ער האָט צוגעטראָגען זיין גלאָז צו די ליפּען און האָט געטרונקען פאַר איהר געזונדהייט. עלזע, וואָס האָט ביז אהער געשמועסט מיט איהר אנדער שכן, דעמעטער, האָט זיך איצט געווענדט צו געאָרג'ן; ווי איהר שטייגער איז, בכוון, אָבער אַזוי ווי נישט מיינענדיג, האָט זי מיט אַ בליק אויף אַנאַ'ן באַמערקט:

— ווי שען זי זעהט אויס! אַזוי ווייבליך. דאָס האָט זי, אַגב, שטענדיג אין זיך געהאַט. שפּיעלט איהר נאָך מיט איהר מוזיק?

— צייטענווייז, — האָט געאָרג קאַלט געענטפערט.

— ס'קען זיין, פון ניי־יאָהר וועל איך זי בעטען ווידער צו געבען מיר געזאַנג־שטונדען. איך ווייס ניט, ווי אַזוי דאָס איז מיר ביז איצט ניט אויסגעקומען.

געאָרג האָט געשוויגען.

— און ווי האַלט דאָס אייגענטליך, — זי האָט מיט אַ בליק אָנגעוויזען אויף היינריך'ן — מיט אייער אָפּערא?

— מיט אונזער אָפּערא? ס'האַלט נאָך דערווייל ביי גאָר־נישט. ווער ווייסט, צי עס וועט פון דעם עפּעס ארויסקומען?

— געווים וועט פון דעם גאָרנישט ניט ווערן.
געאָרג האָט געשמייכעלט.
— פאַרוואָס זייט איהר עפּעס היינט אזוי שטרענג צו מיר?
— ווייל איך בין אין כעס אויף אייך.
— אויף מיר? פאַרוואָס דען?...
— ווייל איהר גיט די מענשען שטענדיג א גרונד צו האלטען אייך פאַר א דילעטאַנט.
געאָרג'ן האָט דאָס שטאַרק אָנגעריהרט; ער האָט אפילו דער־שפּירט א לייכטען כעס געגען עלזע'ן, ער האָט זיך אָבער באַלד באַהערשט און געענטפערט:
—איך בין טאַקי אפשר נישט מעהר, ווי א דילעטאַנט. ווען מ'איז אָבער ניט קיין זשעני, איז שוין בעסער, צו זיין אַן עהרליכער דילעטאַנט, איידער... אַן אויפגעבלאָזענער קינסטלער.
— ווער פאַרלאַנגט דען, אז איהר זאָלט תיכף דאָס גרעסטע שאַפען? אָבער פונדעסטוועגען דאַרף מען זיך דאָך ניט אינערליך און אויסערליך אזוי אָפּלאָזען, ווי איהר טוט עס.
— איך פאַרשטעה אייך באמת ניט, עלזע. ווי אזוי קענט איהר דאָס זאָגען?... ווייסט איהר דען ניט, אז איך פאָר אין הערבססט אין דייטשלאַנד אלס קאַפּעלמייסטער?
— אייער קאַריערע וועט צושלאָגען ווערען דורך דעם, וואָס איהר וועט ניט זיין צו די פּראָבעס צען אזייגער אין דער פריה.
געאָרג איז נאָך אַלץ געווען אויפגערודערט.
— ווער האָט מיך, אגב, אָנגערופען דילעטאַנט, אויב איך מעג אייך דאָס פרעגען?
— ווער? מיין גאָט, מ'האָט דאָך שוין וועגען דעם אין די צייטונגען געשריבען.
— אך אזוי, — האָט געאָרג באַרוהיגט געזאָגט, ווייל ער האָט זיך איצט דערמאָנט, אז נאָכ'ן קאָנצערט, ווען בעליני האָט גע־זונגען זיינע לידער, האָט א קריטיקער איהם אָנגערופען „אַריסטאָ־קראַטישער דילעטאַנט". געאָרג'ס פריינד האָבען דאַמאָלסט ער־קלערט, אז די בייזע קריטיק איז געשריבען געוואָרען דערפאַר,

ווייל דער קריטיקער, וואָס איז געווען אַ גרויסער כבוד־זוכער, האָט זיך געפיהלט געקרענקט, הלמאי געאָרג האָט איהם ניט געמאַכט קיין וויזיט.

אַזוי איז דאָס שוין שטענדיג געווען! אַלע מאָל זיינען זייטיגע סיבות געווען דער גרונד פון דעם, וואָס מענשען האָבען וועגען איינעם אומגינסטיג געאורטיילט. אויך עלזע'ס גרייצטע שטימונג היינט, איז דאָס ניט געווען צוליעב אייפערזוכט...

מ'איז אויפגעשטאַנען פון טיש. דער עולם איז אריין אין סאלאָן. געאָרג איז צוגעגאַנגען צו אַנאַ'ן, וועלכע איז געשטאַנען אַנגעלענט אויפ'ן קלאַוויר, און האָט איהר שטיל געזאָגט:

— —שען זעהסט דו אויס.

זי האָט אַ נייג געטאָן מיט'ן קאָפּ זעהר צופרידען.

דערנאָך האָט ער צו איהר געזאָגט:

— האָסט דו גוט פאַרבראַכט מיט היינריך'ן? וועגען וואָס האָט איהר גערעדט? וועגען טערעזע'ן? ניט אַזוי?

זי האָט ניט געענטפערט, און געאָרג האָט מיט פאַרוואונדערונג באַמערקט, ווי ביי איהר האָבען זיך פּלוצלונג אַראָפּגעלאָזט די אויגען־ברעמען און זי האָט זיך אַ וואַקעל געטאָן.

— וואָס... וואָס איז מיט אייך דען? — האָט ער דערשראָקען געפרעגט.

זי האָט ניט געהערט און וואָלט געוויס אַנידערגעפאַלען, ווען ער וואָלט זי ניט געכאַפּט שנעל ביי דער האַנט. אין דער רגע איז פרוי עהרענבערג און עלזע געווען לעבען איהר.

האָבען זיי אונז נאָכגעקוקט? האָט געאָרג געטראַכט.

שוין האָט אַנאַ ווידער געעפענט די אויגען, זי האָט געצוואונגען אַ שמייכעל געטאָן און האָט געשעפּטשעט:

— אַ, דאָס איז גאָרנישט, איך פאַרטראָג זעהר שלעכט די היץ.

— קומט, — האָט פרוי עהרענבערג מוטערליך געזאָגט, — אפשר וועט איהר זיך צולייגען אויף אַ ווייל.

אנא האָט אויסגעזעהן צוטראָגען, האָט גאָרנישט געענטפערט, און די דאַמען האָבען זי באַגלייט אין דעם דערבייאיגען צימער.

געאָרג האָט זיך אומגעקוקט. די געסט האָבען, ווי ס'ווייזט אויס, גאָרנישט ניט באַמערקט. מ'האָט דערלאַנגט קאַפע, געאָרג האָט גענומען אַ טאַס און האָט צושטרייט געמישט מיט'ן לעפעלע. „עס איז איהר דאָך ניט באַשערט די רוהיגקייט פון אַ בעל־הבית'־ישען לעבען," האָט ער ביי זיך געטראַכט. אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך דערפיהלט אינערליך אַזוי פרעמד צו איהר, ווי איהם פערזענליך וואָלט די גאַנצע זאַך גאָרניט נוגע געווען. צו איהם איז צוגעגאַנגען פּרוי אָבערבערגער.

— אַלזאָ, וואָס דענקט איהר אייגענטליך וועגען פּלאַטאָנישער ליבע, איהר זייט דאָך אַ פאַכמאַן?

ער האָט עפּעס צושטרייט געענטפערט; זי, ווי איהר שטייגער איז, האָט ווייטער גערעדט, ניט קימערענדיג זיך, צי ער הערט, צי ער ענטפערט. פּלוצלונג איז עלזע ווידער אַריינגעקומען. געאָרג האָט זיך העפליך און מיט געפיהל נאָכגעפרעגט, וואָס אַנאַ מאַכט.

— קיין ערנסטע קראַנקהייט איז דאָס, מסתמא, ניט, — האָט עלזע געזאָגט און איהם פרעמד אָנגעקוקט אין געזיכט.

דעמעטער סטאַנצידעס איז צוגעגאַנגען און האָט זי געבעטען זינגען.

— ווילט איהר מיר אַקאָמפּאַנירען? — האָט זי זיך געווענדט צו געאָרג'ן.

ער האָט זיך פאַרנייגט און האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבען פּיאַנאָ.

— אַלזאָ, וואָס זאָל איך זינגען? — האָט עלזע געפרעגט.

— וואָס איהר ווילט, — האָט ווילט געענטפערט, — נאָר ניט קיין מאָדערנע זאַכען.

נאָכ'ן אבענדברויט האָט ער ליב געהאַט, לפּחות אין קינסט־לערישע פראַגען, צו שפּילען די ראָלע פון אַ רעאַקציאָנער.

עלזע האָט דערלאַנגט געאָרג'ן אַ נאָטען־העפט. זי האָט גע־

זונגען „דאָס אַלטע בילד" פון הוגאָ וואָלף, מיט איהר קליינער, גוט אויסגעבילדעטער און אביסעל ריהרענדער שטים. געאָרג האָט אַקאָמפּאַנירט מיט געשמאַק, דאָך אביסעל צושטרייט.

ער איז געווען אביסעל אין כעס אויף אַנאַ'ן, כאָטש ער האָט געקעמפּפט מיט זיך געגען דעם. צוריקרעדענדיג, האָט, אויסער עליזע'ן און פרוי עהרענבערג, ווי עס ווייזט אוים, קיינער ניט באַמערקט דעם פאַרפאַל. אך, און וואָס איז נאָך אַלעמען אין דעם... ווען זיי וואָלטען אפילו אַלע געוואוסט... ווּעמען ארט עס... יאָ, ווער קימערט זיך גאָר וועגען דעם... איצט הערען זיי אַלע עליזע'ן, האָט ער ווייטער געטראַכט, און פיהלען די שענקייט פון דעם ליד. אפילו פרוי אָבערבערגער, וואָס איז גאָרניט מוזיקאַליש, פאַרגעסט אויף עטליכע מינוטען, אַז זי איז אַ פרוי, און האָט אַ שטילען געשלעכטלאָזען פּנים. אויך היינריך הערט זיך צו געשפּאַנט, טראַכט אפשר אין דעם מאָמענט ניט וועגען זיינע ווערק, וועגען דעם גורל פון די אידען, ניט וועגען זיין ווייטער געליבטער און אפילו ניט וועגען דער נאָהענטער, דער קליינער בלאָנדינקע, צוליעב וועלכער ער האָט זיך די לעצטע צייט אָנגעהויבען אָנטאָן, ווי אַן אמת'ער עלעגאַנט. מיט אַן אמת, דער פּראַק זיצט אויף איהם גאָר ניט שלעכט, און דער קראַוואַט איז אויך ניט פון די פּאַרטיג־געקויפטע, וואָס ער פלעגט שטענדיג טראָגען, נאָר פיין און אויפמערקזאַם אויסגעבונדען... ווער שטעהט דאָס אַזוי נאָהענט הינטער מיר, האָט געאָרג ווייטער געטראַכט, אַז איך פיהל דעם אָטעם אויף מיינע האָר?... אפשר זיסי?... ווען מאָרגען אין דערפריה זאָל די וועלט האַלטען ביים אונטערגעהן, וואָלט איך זיך אויף היינטיגע נאַכט אויסגעקליבען זיסי'ן. יאָ, דאָס איז גאַנץ בעשטימט. אָה, דאָ קומט אַנאַ מיט פרוי עהרענבערג... ס'ווייזט אוים, איך בין דער איינציגער, וואָס באַמערק דאָס, כאָטש איך מוז אין דערזעלבער צייט אויפּפּאַסען אויף מיין שפּילען און אויף עליזע'ס געזאַנג. איך באַגריס זי מיט די אויגען... יאָ, איך באַגרים דיך, מוטער פון מיין קינד... ווי מערקווירדיג איז דאָס לעבען...

דאָס ליד האָט זיך געענדיגט. מ'האָט אַפּלאָדירט, מ'האָט

פארלאנגט נאָך. גנעאָרג האָט עליזע׳ן אַקאָמפּאַנירט נאָך עטליכע לידער פון שומאַן און בראַהמס. צום סוף, לויט אַלעמענס פאַר־לאַנג, האָט עליזע געזונגען צוויי פון זיינע אייגענע לידער, וועלכע זיינען איהם פערזענליך געווען זעהר ניט צום הארצען, זינט עמי־צער האָט געזאָגט, אַז זיי דערמאָנען אָן מענדעלסאָנ׳ען. בשעת דעם אַקאָמפּאַנירען האָט ער געפיהלט, אַז זיין אַמאָליגע נאָהענטקייט צו עליזע׳ן איז פאַרלאָרען, און ער האָט זיך באַמיהט דורך זיין שפּילען זי ווידער צו געווינען. ער האָט געשפּילט מיט איבערטריבענעם גע־פיהל, ער האָט ממש געוואָלט אויף איהר מאַכען אַן איינדרוק און געווינען איהר הארץ. ער האָט אָבער געפיהלט, אַז דאָס איז אומ־זיסט. צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען איז ער געווען אומגליק־ליך פאַרליבט אין איהר. גנעאָרג׳ס לידער האָבען זעהר שטאַרק אויסגענומען.

— דאָס איז געווען אייער בעסטע צייט, — האָט עליזע צו איהם שטיל געזאָגט, בעת זי האָט אַוועקגעלייגט די נאָטען. — דאָס איז געווען אַן ערך מיט צוויי, דריי יאָהר צוריק.

די אַנדערע האָבען איהם געמאַכט קאָמפּלימענטען, ניט אונ־טערשיידענדיג קיין באַזונדערע עפּאָכען אין זיין קינסטלערישער ענטוויקלונג.

נירענבערגער האָט ערקלערט, אַז גנעאָרג׳ס לידער האָבען איהם אַנגענעהם ענטטוישט.

— איך וויל פון אייך ניט באַהאַלטען, — האָט ער באַ־מערקט, — אַז לויט די אַנשויאונגען, וואָס איך האָב אייך עטליכע מאָל געהערט אַרויסזאָגען, האָב איך זיך פאָרגעשטעלט, אַז אייערע לידער דאַרפען זיין אַ סך אומפאַרשטענדליכער.

— ס׳איז אמת פיין, — האָט ווילט געזאָגט. — אַלץ איז אַזוי מעלאָדיש און איינפאַך, אָהן עפעקטען און אויפגעבלאָזענקייט.

ער איז דאָס, — האָט גנעאָרג בייז געטראַכט — ווער ס׳האָט מיך אָנגערופען דילעטאַנט.

ס׳איז צוגעגאַנגען ווילי.

— איצט פּרובט נאָר זאָגען, הער האָפּראַט, אַז איהר קענט

נאָכפייפען די מעלאָדיע פון די לידער, און דער באַראָן — אויב איך פאַרשטעה זיך נאָר אויף מענשען — וועט צו אייך מאָרגען פריה שיקען סעקונדאַנטען.

— אַ, ניין, — האָט געאָרג געזאָגט, פאַרטראַכטענדיג זיך וועגען זיך אַליין, און האָט געשמייכעלט.

— די לידער שטאַמען צום גליק פון אַ צייט, וואָס איז פאַר מיר איצטער אינגאַנצען גלייכגילטיג. עס ריהרט מיך ניט אָן דעריבער קיין שום לויב און קיין שום קריטיק אויף זיי.

אַ באַדינטער האָט אַריינגעטראָגען אייז־קרעם, די גרופּעס זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, און אַנאַ מיט געאָרג'ן זיינען געבליבען שטעהן לעבען פּיאַנאָ. ער האָט זי שנעל אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָט דאָס דען געקענט באַדייטען?

— יאָ, איך ווייס אַליין ניט, — האָט זי געענטפערט און אָנגעקוקט איהם מיט גרויסע אויגען.

— פיהלסט דו זיך שוין גאָר אינגאַנצען גוט?

— יאָ, אויסגעצייכענט, — האָט זי געענטפערט.

— און האָט דאָס מיט דיר היינט צום ערשטען מאָל געטראָפען?

זי האָט געענטפערט:

— נעכטען אַבענד אין דערהיים האָב איך דאָסזעלבע געהאַט. עפּעס, ווי אַ מין חלשות. ס'האָט אפילו געדויערט נאָך אַביסעל לענגער. בעת מיר זיינען נאָך געזעסען ביים אַבענד־ברויט, קיינער האָט דאָס אָבער ניט באַמערקט.

— פאַרוואָס האָסט דו מיר גאָרנישט ניט דערצעהלט וועגען דעם?

זי האָט לייכט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען.

— הער, אַנאַ, — האָט ער געזאָגט לעבעדיג און פיהלענדיג זיך אַביסעל שולדיג, — איך וויל זיך מיט דיר יעדענפאַלס נאָך היינט טרעפען. גיב מיר אַ צייכען, ווען דו וועסט וועלען אַוועקגעהן. איך וועל נעלם ווערען מיט אַ פּאָר מינוטען פריהער און וועל וואַרטען ביים שוואַרצענבערג־פּלאַץ, ביז דו וועסט אָנקומען אין

דער דראָזשקע. איך וועל זיך דאַן אַריינזעצן צו דיר, און מיר וועלן נאָך פאָרען אַביסעל שפּאַצירען. ביזט דו מסכים ?

זי האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

ער האָט געזאָגט: — אויף ווידערזעהן, מיין קרוין, — און איז אַוועק אין רויכער־צימער.

ביי אַ גרינגעם טישעל האָבען זיך דער אַלטער עהרענבערג, נירענבערגער און ווילט אַוועקגעזעצט שפּילען טאַראָק. אויף צוויי זעהר גרויסע, גרינע לעדערנע פאָטעלען זיינען געזעסען זאַלבאַ־נאַנד דער אַלטער אייסלער און זיין זון: זיי האָבען זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט דורכצושמועסען זיך אַמאָל צווישען זיך, ווי דער סדר איז. געאָרג האָט גענומען פון אַ קעסטעל אַ ציגאַר, האָט זי פאַררויכערט און האָט אָהן אַ באַזונדער אינטערעס באַטראַכט די בילדער אויף דער וואַנט. אויף אַן אַקוואַרעל־בילד, וואו ס׳איז אַביסעל משונה׳דיג געווען אויסגעמאָלט אַ רייטער אין אַ רויטען פראַק, יאָגענדיג זיך אויף אַ פערד, האָט ער אונטען אין ווינקעל, וואו עס זעהט זיך אַ לאָנקע, באַמערקט ווילי׳ס נאָמען, אָנגעשריבען מיט בלאַס־רויטע אותיות. ניט ווילענדיג האָט ער זיך געווענדט צום יונגען מאַן און געזאָגט:

— דאָס האָב איך נאָך ניט געזעהן.

— ס׳איז ערשט ניט לאַנג געמאָלען, — האָט ווילי ניט אַכ־טענדיג באַמערקט.

— אַ פיין בילד, ניט אַזוי ? — האָט דער אַלטער אייסלער געזאָגט.

— אָה, דאָס איז שוין עפּעס מעהר, — האָט געאָרג גע־ענטפערט.

— נו, לאָמיר האָפען, אַז איך וועל אין גיכען קענען עפּעס בעסערס באַווייזען, — האָט ווילי געזאָגט.

— ער פאָרט אין אפריקא אויף אַ לייבען־געיעג, — האָט דער אַלטער אייסלער ערקלערט, — מיט׳ן פירסט וואַנגענהיים.

— אַזוי ? — האָט געאָרג געזאָגט, — פעליציאַן האָט אויך ברעה מיטצופאָרען, אָבער ער האָט זיך נאָך ניט אַנטשלאָסען.

— פאַרוואָס דען? — האָט ווילי געפרעגט.

— ער וויל אין פריהלינג האַלטען זיין דיפּלאָמאַטען־עקזאַמען.

— אָבער דאָס קען ער דאָך אָפּלייגען, — האָט ווילי געזאָגט. — די לייבען האַלטען ביים אויסשטאַרבען, וועגען די פּראָפעסאָרען קען מען דאָס לײדער ניט זאָגען.

— איך באַשטעל פאַר זיך אַ בילד, ווילי, — האָט עהרענבערג פון קאַרטען־טיש אַ זאָג געטאָן.

— דעם מעצענאַט אין אייך לייגט אָפּ אויף שפּעטער, פּאַטער עהרענבערג, — האָט ווילט געזאָגט, — איך האָב אַ דרייערל אָנגעזאָגט.

— אַן אונטערשטעון? — האָט עהרענבערג אַ זאָג געטאָן און האָט ווייטער גערעדט:

— ווען מען קען ביי אייך עפּעס אַפריהער באַשטעלען, ווילי, טאָ מאָלט מיר אויס אַ מדבר־לאַנדשאַפט, אין וועלכער דער פירסט וואַנגענהיים ווערט אויפגעפרעסען פון אַ לייב... אָבער מאָלט עס, ווי ווייט מעגליך, נאָך דער נאַטור.

— אין דער פּערזאָן האָט איהר אַ טעות, הער עהרענבערג, — האָט ווילי געזאָגט. — דער באַריהמטער אַנטיסעמיט, וועמען איהר מיינט, איז אַ שוועסטערקינד פון מיין וואַנגענהיים.

— פון מיינטוועגען, — האָט עהרענבערג געענטפערט, — מעגען די לייבען אויך האָבען אַ טעות. ניט יעדער אַנטיסעמיט איז דאָך גראָד באַריהמט.

— איהר וועט די פּאַרטיע פאַרשפּילען, אויב איהר וועט ניט אַכטונג געבען, — האָט איהם נירענבערגער דערמאָנט.

— איהר האָט דאָך געזאָלט איינהאַנדלען פאַר זיך פּאַלעסטינא, — האָט האָפראַט ווילט געזאָגט.

— גאָט זאָל מיך אויסהיטען דערפון, — האָט עהרענבערג געענטפערט.

— נו, אַזוי ווי ער האָט דאָס ביז איצט אין אַלצדינג געטאָן... — האָט נירענבערגער געזאָגט אויסשפּילענדיג זיין קאָרט.

— מיר שיינט, נירענבערגער, איהר ווארפט שוין מיר ווי־דער אויף, פארוואס איך האנדעל ניט מיט אלטע הויזען.

— דאן וואלט איהר לפּחות, געהאט א רעכט צו באקלאגען זיך אויפ'ן אנטיסעמיטיזם, — האט נירענבערגער געזאגט. — דען ווער שפּירט עפּעס דערפון אין עסטרייך, אויב ניט די הויזירער... צום באדויערען נאר זיי, וואלט מען געמעגט זאגען.

— און אויסער זיי, נאך עטליכע מענשען מיט אן עהרען־געפיהל, — האט עהרענבערג אפּגעענטפערט, — זיבען און צוואנציג... איין און דרייסיג... אכט און דרייסיג... נו, ווער האט די פּארטיע געוואונען?

ווילי איז ווידער אוועק אין סאלאן, געארג איז געזעסען אויפ'ן פּארענץ פון א פּאטעל און האט געראויכערט. ער האט פּלוצלונג דערזעהן, אז דער אלטער אייסלער קוקט אויף איהם מיט א מערק־ווירדיג־גוטמוטיגען בליק. ער האט געפיהלט, אז דער בליק האט איהם דערמאנט אן עפּעס, כאטש ער האט אליין ניט געוואוסט וואס.

— אנומעלט, — האט געזאגט דער אלטער מאן, — האב איך פארבייגעהענדיג גערעדט מיט אייער ברודער פעליציאן ביי די שענשטיינס. ס'איז מערקווירדיג, ווי ער איז עהנליך צו אייער געשטארבענעם פאטער. באזונדערס, ווען מ'האט אייער פאטער געקענט,ווי איך, אלס גאר א יונגען מענשען.

איצט האט געארג מיט אמאל געוואוסט, וואס עס האט איהם דעם אלטען אייסלער'ס בליק דערמאנט: מיט'ן זעלביגען פאטער־ליכען אויסדרוק האבען אויף איהם געקוקט דעם אלטען דאקטאר שטאובער'ס אויגען, ווען ער האט איהם געטראפען ביי די ראסנערס. אט די אלטע אידען! האט ער געטראכט מיט שפּאט, אבער אין א פארבארגענעם ווינקעל פון זיין נשמה איז ער געווען אביסעל געריהרט. ער האט זיך דערמאנט, אז זיין פאטער פלעגט מיט אייסלער'ן, פון וועמעס מבינות אין קונסט ער האט זעהר פיעל גע־האלטען, אפט געהן שפּאצירען אין פּראטער.

דער אלטער אייסלער האט ווייטער גערעדט:

— איהר, גענאָרג, זיים מעהר געראָטען אין דער מוטער, מיין איך.

— יאָ, מ׳האָט שוין מיר דאָס געזאָגט, אַליין קען מען שווער אורטיילען וועגען דעם.

— אייער מוטער, ווי מ׳זאָגט, האָט געהאַט זעהר אַ שענע שטים.

— יאָ, אין דער יוגענד. איך אַליין האָב זי קיינמאָל באמת ניט געהערט זינגען. זי פלעגט אמאָל פּראָבירען. דריי אָדער פיער יאָהר פאר איהר טויט האָט איהר אַ דאָקטאָר אין מעראַן אפילו אַן עצה געגעבען, זי זאָל זעהן איבען איהר שטים. אַ לונגען־גימנאַסטיק האָט דאָס געזאָלט זיין. — אָבער ליידער האָט דאָס ניט געהאָלפען.

דער אַלטער אייסלער האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ און האָט נעקוקט פאר זיך.

— דאָס וועט איהר זיך שוין אודאי ניט קענען דערמאָנען מעהר, אז מיין אָרימע פרוי איז דעמאָלט געווען מיט אייער מוטער צוזאַמען אין מעראַן.

גענאָרג האָט געפּרובירט דערמאָנען זיך. דאָס איז אָבער אינגאַנצען פאַרשוואונדען פון זיין זכרון.

— איינמאָל, — האָט דער אַלטער אייסלער געזאָגט, — בין איך מיט אייער פאָטער צוזאַמען אין איין קופּע אַהין געפאָרען. ביינאַכט — מיר האָבען ביידע ניט געקענט שלאָפען — האָט ער מיר זעהר פיעל דערצעהלט וועגען אייך ביידען; איך מיין וועגען אייך און פעליציאַנ׳ען.

— אזוי...

— למשל, אז איהר האָט נאָך אַלס קינד אייערע אייגענע קאָמפּאָזיציעס אמאָל געשפּילט פאר אַ באַריהמטען איטאַליענישען מוזיקער, און יענער האָט אייך פאַראויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט.

— אַ גרויסע צוקונפט... אך, גאָט! דאָס איז אָבער ניט געווען קיין מוזיקער. הער אייסלער, דאָס איז געווען אַ גייסטליכער, ביי וועמען איך האָב זיך געלערענט צו שפּילען אָרגעל.

אייסלער האָט ווייטער גערעדט:

— און אין אבענד, בעת אייער מוטער פלעגט שוין גײן שלאָפען, פלעגט איהר אָפטמאָל אין דעם דערבייאיגען צימער שעה'ן־ווייז פאַר איהר פאַנטאַזירען אויפ'ן פּיאַנאָ.

נעאָרג האָט א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און געזיפצט אין דער שטיל. ער האָט געפיהלט, ווי ער וואָלט דעמאָלט געהאַט מעהר טאַלאַנט, ווי איצט. ארבייטען, האָט ער געטראַכט מיט לייד־דענשאַפט, ארבייטען... ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, ווי אין לצנות, — דאָס איז דאָך דער אומגליק, וואָס פון וואונדער־קינדער קומט זעלטען עפּעס ארויס.

— איך האָב געהערט, אַז איהר ווילט ווערען קאַפּעלמייסטער, באַראָן?

— יאָ, — האָט נעאָרג געענטפערט מיט באַשטימטקייט: — קומענדיגען הערבסט פאַר איך אין דייטשלאַנד, צום אָנהויב אפשר אַלס אסיסטענט ערגעץ־וואו אין א קליינעם שטאָדט־טעאַטער, ווי ס'וועט זיך מאַכען.

— אָבער איהר וואָלט אויך גאָרנישט געהאַט געגען א קעניג־ליכען טעאַטער.

— געווים ניט. אָבער אנטקעגען וואָס זאָגט איהר דאָס, הער אייסלער, אויב איך מעג אייך דאָס פרעגען?

— איך ווייס זעהר גוט, — האָט אייסלער געזאָגט מי א שמייכעל, לאָזענדיג אראָפּפאַלען זיין מאָנאָקעל, — אַז איהר נויטיגט זיך ניט אין מיינע רעקאָמענדאַציעס, אָבער פון דער אַנדער זייט קען איך זיך פאָרשטעלען, אַז איהר וואָלט מיט פאַרגעניגען געוואָלט אויס־מיידען די הילף פון אגענטען און מעקלער... איך מיין ניט צוליעב די קאָסטען.

נעאָרג איז פאַרבליבען קאַלט.

— ווען מ'האָט איינמאָל ביי זיך באַשלאָסען צו נעהמען זיך פאַר א טעאַטער־קאַריערע, ווייסט מען שוין מיט וואָס דאָס שמעקט.

— קענט איהר אפשר דעם גראַף מאַלניץ? — האָט אייסלער געפרעגט, ניט קימערענדיג זיך וועגען געאָרג'ס באַמערקונג.

— מאלניץ? מיינט איהר דעם גראף עבערהארד מאלניץ, וועמעס מוזיקאלישעס שטיק עס איז מיט עטליכע יאהר צוריק אויפגעפיהרט געוואָרען?

— יאָ, איך מיין איהם.

— פערזענליך קען איך איהם ניט, און וואָס ס'איז שייך צום שטיק...

אייסלער האָט מיט אַ מאך מיט דער האנט מבטל געווען מאלניצ'ן אלס קאָמפּאָזיטאָר.

— פון אָנפאנג פון דעם סעזאָן, — האָט ער נאָכדעם געזאָגט, — איז ער אינטענדאנט אין דעטמאָלד. דערפאר האָב איך אייך געפרעגט, צי איהר קענט איהם. ער איז מיינער אַן אַלטער גוטער פריינד. ער האָט פריהער אין וויען געלעבט. צייט צען יאהר באגעגענען מיר זיך יעדען זומער אין קארלסבאד אָדער אין אישל. הייער, אָרום פסח, האָבען מיר בדעה צו מאכען אַ קליינע רייזע איבער דעם מיטעל־לענדישען ים. ערלויבט איהר מיר, ליבער באראָן, ביי דער געלעגענהייט צו דערמאָנען אייער נאָמען און דער־צעהלען איהם וועגען אייערע פּלענער צו ווערען אַ קאפּעלמייסטער?

געאָרג האָט זיך אלץ מישב געווען און האָט העפליך געשמיי־בעלט.

— מיינט ניט, מיין ליבער באראָן, אַז איך וויל צו אייך צו־שטעהן מיט מיין פּאָרשלאג. אויב איהר ווילט ניט, וועל איך זיך פאר קיינעם ניט אויסריידען.

— איהר האָט שלעכט אויסגעטייטש מיין שוויינען, — האָט געאָרג פריינדליך, כאָטש ניט אָהן גדלות אָפּגעענטפערט. — אָבער איך וויים אליין ניט — — —

— אזא קליינעם הויף־טעאטער, — האָט אייסלער וויי־טער געזאָגט, — שטעל איך זיך פאר אלס דעם ריכטיגען פּלאַץ צו מאכען אַ התחלה. דאָס, וואָס איהר געהערט צום אדעל, וועט אייך געוויס ניט שאדען, אפילו ביי מיין פריינד מאלניץ, כאָטש ער האָט אַמאָל ליב צו שפּילען די ראָלע פון אַ דעמאָקראט, און אפילו פון אַן אנארכיסט... ניט געבענדיג, פארשטעהט זיך, דערביי קיין הכשר

אויף באַמבעס וואַרפען. ער איז אָבער אַ ליבער מענש און באמת אויסערגעוועהנליך מוזיקאַליש... כאָטש ער איז ניט קיין קאָמפּאָ־זיטאָר.

— נו, — האָט געאָרג אַביסעל שעמעוודיג געענטפערט, — אויב איהר ווילט אַזוי גוט זיין מיט איהם צו ריידען... לאָמיר אויספּרואוּוען דעם מזל. יעדענפאַלס דאַנק איך אייך זעהר.

— ניטאָ פאַרוואָס איך גאַראַנטיר אייך ניט פאַר׳ן ערפאָלג; ס׳איז נאָר איין שאַנס אַנטקעגען עטליכע.

ס׳איז אריינגעקומען פרוי אָבערבערגער און זיסי, באַגלייט פון דעמעטער סטאַנצידעס.

— וואָס פאַר אַן אינטערעסאַנטען שמועס האָבען מיר דאָ געשטערט? — האָט געפרעגט פרוי אָבערבערגער.

— דער דורכגעריבענער פלאַטאַניקער און דער אָרימער בעל עברה! דערביי האָט מען געדאַרפט זיין.

— באַרוהיגט זיך, קאַטאַרינאַ, — האָט אייסלער געזאָגט, און זיין שטים האָט ווידער באַקומען דעם טיפען, וויברירענדען קלאַנג. — מ׳רעדט אַמאָל אויך פון אַנדערע זאַכען, ווי די צוקונפט פון דער מענשהייט.

זיסי האָט גענומען צווישען די ליפען אַ סיגאַרעט, געאָרג האָט איהר דערלאַנגט אַ שוועבעלע, און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים ברעג פון׳ם לעדערנעם דיוואַן.

— איהר אינטערעסירט זיך היינט גאָרניט מיט מיר, — האָט זי אָנגעהויבען מיט איהר ענגלישען אַקצענט, וואָס געאָרג׳ן איז זעהר געוועזען געפעלען אין איהר. — פונקט ווי איך וואָלט גאָר אינ־גאַנצען אויף דער וועלט ניט געוועזען. יאָ, אַזוי איז דאָס. איך בין נאָר אַ געטרייע, געטרייער פון אייך. בין איך ניט?

— איהר זייט געטריי, זיסי...?

ער האָט צוגערוקט זיין פאָטעל גאַנץ נאָהענט צו איהר. זיי האָבען גערעדט וועגען דעם פאַרגאַנגענעם און דעם קומענדיגען זומער.

— פאַראַיאָהרען, — האָט זיסי געזאָגט, — האָט איהר מיר

געגעבען אייער װאָרט, אַז איהר װעט קומען אַהינצו, װאו איך װעל זײן, איהר האָט דאָס ניט געטאָן. הײער מוזט איהר אָבער האַלטען װאָרט!

— פאָרט איהר װידער אויפ'ן אינזעל װהײט?

— נײן, מיר װעלען דאָס מאָל פאָרען אין די בערג, אין טיראָל אָדער אין זאַלצקאַמערגוט. איך װעל אײך שוין זאָגען. װעט איהר קומען?

— ס'װעט זיך מסתמא װידער צוזאַמענקלײבען אַרום אײך אַ גרויסער עולם?

— איך װעל זיך ניט אומקוקען אויף קײנעם, אויסער אײך, געאָרג.

— אפילו װען װילי אײסלער װעט צופעליג זײן אין אײער שכנות?

— אפילו דאַן, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמײכעל און האָט מיט אימפּעט פאַרשטיקט דעם סיגאַרעט אין דעם גלעזערנעם אַש־בעכער.

זײ האָבען װײטער גערעדט. דאָס איז געװען אײנער פון יענע געשפּרעכען, װאָס זײ האָבען אין די לעצטע יאָהרען אַזוי אָפט געפיהרט. װיציג און לײכט פלעגט עס זיך אָנהויבען און צום סוף, אַז זײ זײנען דערהיצט געװאָרען, פלעגט עס דערגעהן ביז צערט־ליבע ליגענס, װעלכע האָבען פאַר יענעם מאָמענט געמײנט גערע־כענט װערען פאַר אַן אמת. געאָרג איז װידער אַמאָל פון איהר באַצויבערט געװאָרען.

— איך װאָלט בעסער פון אַלץ געװאָלט מאַכען מיט אײך אַ רײזע, — האָט ער געפליסטערט, צורוקענדיג זיך נאָהענט צו איהר.

זי האָט נאָר אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, איהר לינקער אָרים איז געלעגען אויפ'ן װאַנט פון דיװאַן.

— װען מ'װאָלט אַלץ געקאָנט טאָן, װאָס מען װיל, — האָט זי געזאָגט, און אין איהר בליק האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אַ טרוים װעגען הונדערט פאַרליבטע מענער.

ער האָט זיך אײנגעבויגען איבער איהר ציטערענדיגען אָרים,

האט ווייטער גערעדט און איז געוואָרען אַליין בארוישט פון זיינע אייגענע רייד.

— ערגעץ־וואו, וואו קיינער קען אונז ניט, וואָלט איך געוואָלט צוזאמען מיט אייך זיין, זיסי. פיעל טעג און נעכט.

זיסי האָט געציטערט. דאָס וואָרט „נעכט" האָט זיך דורכגעטראָגען דורך איהר בלוט ווי אַ שטורעם.

אַנאַ האָט זיך באוויזען אין טיר, האָט געגעבען געאָרג'ן אַ צייכען מיט'ן בליק און איז גלייך ווידער פארשוואונדען. עס האָט אפילו אינעווענינ אין איהם עפּעס פּראָטעסטירט, אָבער דאָך איז ער געווען צופרידען, וואָס גראָד אין דעם מאָמענט איז איהם אויסגעקומען צו זעגענען זיך מיט זיסי'ן. אין טיר פון סאַלאָן האָט ער באגעגענט היינריך'ן, וועלכער האָט זיך צו איהם געווענדעט:

— אויב איהר האַלט שוין ביי אוועקגעהן, זאָגט מיר, איך בעט אייך. איך וואָלט זעהר געוואָלט נאָך מיט אייך ריידען.

— מיט פארגעניגען. אָבער איך מוז... איך האָב, הייסט דאָס, צוגעזאָגט פרייליין ראָסנער אָפּצופיהרען זי אהיים. איך קום דערנאָך גלייך אין קאפע. אויף ווידערזעהן אַלזאָ.

אין אַ פּאָר מינוטען ארום איז ער געשטאַנען אויפ'ן שוואַרצענבערג־בריק. דער הימעל איז געווען אויסגעשטערענט, די גאַסען זיינען געווען ווייס און שטיל. געאָרג האָט אויפגעשטעלט דעם קראַגען, כאָטש עס איז גאָר ניט געווען קאַלט, און איז אַרומגעגאַנגען אַהין און אַהער. וועט פון דער דעטמאַלדער געשיכטע עפּעס ווערען? האָט ער געטראַכט. נו, וועט עס ניט זיין דעטמאַלד, וועט עס זיין אַן אַנדער שטאָדט. יעדענפאַלס, איצט ווערט עס ערנסט... און ביז דעמאָלט וועט שוין פיעלעס, פיעלעס זיין איבערגעקומען. ער האָט נעפּרובט רוהיג איבערטראַכטען, ווי אַזוי דאָס וועט אַלץ זיין? איצט איז שוין סוף דעצעמבער. אין מערץ מוזען מיר אוועקפאָרען — שפּעטסטענס... מ'וועט אונז האַלטען פאַר אַ פּאָר פאַלק. איך וועל מיט איהר געהן שפּאַצירען געארימט, אין רוים, אויפ'ן פּאַזיליפּ, אין ווענעציע... אַנדערע פרויען ווערען זעהר העסליך אין אַזאַ צושטאַנד... זי ניט, ניין, זי ניט. זי האָט שטענדיג

געהאַט אין איהר אויסזעהן עפּעס מוטערליכעס... זומער וועט זי וואָהנען ערגעץ אין אַ שטילער געגענד, וואו קיינער קען זי ניט... אפשר אין טהירינגענער וואַלד, אָדער לעבען רהיין... ווי מערקווירדיג זי האָט דאָס היינט געזאָגט: דאָס הויז, וואו דאָס קינד וועט אויף דער וועלט קומען, עקזיסטירט שוין. יאָ!... ערגעץ־וואו אין דער ווייט, אָדער אפשר אויך גאַנץ נאָהענט שטעהט אָט דאָס הויז — און מענשען וואָהנען דאָרטען, וואָס מיר האָבען זיי קיינמאָל ניט געזעהן, ווי מערקווירדיג... ווען וועט עס אויף דער וועלט קומען? שפּעט אין זומער... אָנפאַנג סעפּטעמבער אַן ערך. צו דער צייט וועל איך שוין מוזען אוועקפאָרען. ווי וועל איך דאָס נאָר מאַכען?... און פון היינט אין אַ יאָהר אַרום וועט שוין דאָס קליינע נפש'ל אַלט זיין פיער חדשים. ס'וועט אויפוואַקסען... גרויס ווערען. און אין איין שענעם טאָג איז אַ יונגער־מאַן דאָ, מיין זון. אָדער אַ יונג מיידעל. אַ שען מיידעל פון זיבעצען יאָהר, אי, מיין טאָכטער... איך בין דאַן אַלט פיער און פערציג... צו זעקס און פערציג קען איך שוין ווערען אַ זיידע... און אפשר אויך אַ דירעקטאָר פון אַן אָפּעראַ־טעאַטער און אַ באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר, ניט קוקענדיג אויף עלזע'ס נביאות. אָבער דערצו דאַרף מען ארבייטען, דאָס איז שוין אמת. מעהר ווי איך האָב ביזאהער געטאָן. עלזע איז גערעכט, איך לאָז זיך צופיעל אָפּ. דאָס מוז אַנדערס ווערען... ס'וועט שוין אויך אַנדערס ווערען. איך פיהל טאַקי, ווי עס ברויזט אין מיר. יאָ — אויך אין מיר ברויזט עס.

פון דער הויזגאַס איז אָנגעפאָרען אַ דראָזשקע, עמיצער האָט זיך אַרויסגעבויגען פון פענסטער. אונטער'ן ווייסען שאַל האָט געאָרג דערקענט אַנאַ'ס פּנים. ער איז געוועזן זעהר צופרידען, ער איז צו איהר אַריין און האָט אַ קוש געטאָן איהר האַנט. זיי האָבען פרעהליך געשמועסט, געוויצעלט זיך אַביסעל איבער דער געזעל־שאַפט, פון וואַנען זיי זיינען ערשט געקומען, און האָבען איינגע־פונען, אַז ס'איז אין גרונד גענומען לעכערליך צו פאַרברייננגען אַזוי פוסט אַן אבענד. ער האָט געהאַלטען איהרע הענט אין זיינע און איז געוועזן גערירט פון איהר אנוועזענהייט. לעבען איהר הויז

איז ער ארויסגעגאַנגען און האָט אָנגעקלונגען. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צום אָפענעם טירעל פון דער דראָזשקע, און זיי האָבען אָפּגערעדט צו טרעפען זיך מאָרגען.

— איך גלויב, אז מיר וועלען דאַרפען וועגען פאַרשידענס זיך דורכריידען, — האָט אַנאַ געזאָגט.

ער האָט נאָר צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

די הויז־טיר האָט זיך געעפענט. אַנאַ איז ארויס פון דראָזשקע, האָט מיט א דורכדרינגליכען בליק אָנגעקוקט געאָרג'ן און איז פאַר־שוואונדען אין דעם אריינגאַנג.

טייערע, האָט געאָרג געטראַכט מיט א געפיהל פון גליק און שטאָלץ. די צוקונפט איז פאַר איהם געשטאַנען, ווי עפּעס פאַר־באָרגענעס, מיט וויכטיגע לעבענס־פראַגען און וואונדער.

בעת ער איז אריינגעגאַנגען אין קאַפע, איז היינריך געזעסען לעבען א פענסטער; לעבען איהם זעהר א יונגער מאַן, נאָך גאָר אָהן א באָרד, מיט א גראָליך־בלאַסען געזיכט. דער יונגער מאַן, מיט וועמען געאָרג האָט שוין עטליכע מאָל פאַרביילויפענדיג פריי־הער גערעדט, האָט געטראָגען א סמאָקינג מיט א סאַמעטענעם קראַ־גען, אָבער א העמד פון זעהר צווייפעלהאַפטער ריינקייט. בעת געאָרג איז צוגעגאַנגען, האָט דער יונגער־מאַן אקארשט אויפגעהויבען זיינע גליהענדיגע אויגען פון א העפט, וואָס ער האָט געהאַלטען אין זיינע אומרוהיגע, ניט זעהר געפלעגטע הענט.

— א, איך שטער אייך, — האָט געאָרג געזאָגט.

— בשום אופן ניט, — האָט דער יונגער־מאַן אָפּגעענטפערט מיט א ווילדען געלעכטער.

— וואָס מעהר פּובליקום, אַלץ בעסער.

— הער ווינטערניץ, — האָט היינריך ערקלערט, דערלאַנגענ־דיג געאָרג'ן די האַנט, — לעזט מיר פאַר א סעריע געדיכט. מיר וועלען דאָס אפשר מפסיק זיין איצטער.

געאָרג, אביסעל געריהרט דורך דעם ענטטוישטען בליק פון דעם יונגען־מאַן, האָט געזאָגט, אז ער וועט מיט פאַרגעניגען הערען דאָס פאָרלעזען, אויב דאָס איז ערלויבט.

— ס'וועט שוין ניט לאַנג מעהר געדויערען, — האָט ווינטער־ניץ דאַנקבאַר ערקלערט. — ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס איהר האָט פאַרשפּעטיגט דעם אָנהויב. איך וואָלט געקענט...

— יאָ, זיינען דען אַלע לידער אין צוזאַמענהאַנג צווישען זיך? — האָט היינריך ערשטוינט אַ פרעג געטאָן.

— ווי, איהר האָט דאָס גאָר ניט באַמערקט? — האָט ווינ־טערניץ אויסגערופען און האָט זיך ווידער משונה'דיג צולאַכט.

אַך, אַזוי, — האָט היינריך געזאָגט, — דאָס איז אַלץ דיזעל־בע פּרויען־פּערזאָן, וועגען וועלכער עס האַנדעלט זיך אין די אַלע געדיכטע? איך האָב גערעכענט, אַז דאָס איז יעדעס מאָל אַן אַנדערע.

— געוויס איז דאָס אַלץ דיזעלביגע. דאָס איז דאָך דאָס כאַ־ראַקטעריסטישע, וואָס זי מאַכט שטענדיג דעם איינדרוק פון אַ נייער.

הער ווינטערניץ האָט געלעזען שטיל, אָבער מיט געפיהל, עפּעס אַזוי, ווי אַן אינעווייניגסטער פייער וואָלט געגעסען זיין האַרץ. פון זיינע געדיכטע איז קענטיג געוועזען, אַז ער איז געליבט געוואָרען, ווי קיין מענש ניט פאַר איהם, אָבער אַז ער איז אויך אָפּ־גענאַרט געוואָרען, ווי קיינער נאָך ניט; און דאָס אַלץ העננט ניט אָפּ גאָר פון זיינע פּערזענליכע מעלות אָדער חסרונות, נאָר פון טיפע־רע מעטאַפיזישע סבות. פון דעם לעצטען געדיכט האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז ער איז שוין אינגאַנצען באַפרייט פון זיין לייך־דענשאַפט און איז גרייט צו געניסען פון אַלע פריידען, וואָס די וועלט קען איהם נאָר אָנבאָטען. אָט דאָס געדיכט איז באַשטאַנען פון פיער סטראָפען, דער לעצטער פערז פון יעדער סטראָפע האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַ „העי" און געענדיגט מיט'ן אויסרוף:

„העי, אַזוי יאָג איך זיך דורך דער וועלט".

נעאָרג האָט געמוזט מודה זיין זיך, אַז די פאָרלעזונג האָט אויף איהם געמאַכט אַ געוויסען איינדרוק, און ווען ווינטערניץ, אוועקלייגענדיג פאַר זיך דאָס העפט, האָט זיך אַרומגעקוקט מיט

גרויסע אויגען, האָט געאָרג לויבענדיג אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און געזאָגט: — זעהר שען.

— ווינטערניץ האָט מיט ערוואַרטונג געקוקט אויף הייגריד'ן, וועלכער האָט איייניגע סעקונדען געשוויגען און צום סוף באַמערקט:

— ס'איז בכלל גאַנץ אינטערעסאַנט... אָבער ווי קומט עס צו אייך דער „העי", אויב איהר ערלויבט מיר צו פרעגען? דאָ וועט דאָך אייך קיינער ניט גלויבען.

— וואָס מיינט איהר? — האָט ווינטערניץ אויסגערופען.

— פרעגט נאָר ביי זיך זעלבסט געוויסענהאַפט, צי דער „העי" איז מיט'ן גאַנצען הארצען געזאָגט געוואָרען. דאָס איבעריגע אַלץ, וואָס איהר האָט מיר דאָ פאַרגעלעזען, גלויב איך אייך. דאָס הייסט, איך גלויב אייך אין דעם העכערען זין, כאָטש קיין איין וואָרט דערפון איז ניט אמת. איך גלויב אייך, אַז איהר פאַרפיהרט אַ פופצען־יאָהריג מיידעל, אַז איהר באַגעהט זיך, ווי אַן עכטער דאָן־זשואַן, אַז איהר פאַרדאַרבט דאָס אָרים קינד אויפ'ן שרעק־ליכסטען אופן, און אַז זי איז דאָס, וואָס נאַרט אייך אָפּ מיט אַ... וואָס איז ער דאָרטען געוועזען...

— אַ קלאָאון, פאַרשטעהט זיך, — האָט ווינטערניץ מיט אַ משונה'דיג־וויציגען געלעכטער אויסגערופען.

— אַז זי נאַרט אייך אָפּ מיט אַ קלאָאון, אַז אַ דאַנק אָט דער מיידעל, פאַרפּלאָנטערט איהר זיך אין די מיאוס'טע געשיכטעס, אַז איהר ווילט די געליבטע, און אפילו זיך אַליין, אומברייינגען פון דער וועלט, אַז סוף כל סוף ווערט אייך די געשיכטע גלייכגילטיג, און איהר לאָזט זיך איבער דער וועלט רייזען אָדער איהר יאָגט זיך אפילו פון מיינטוועגען ביז אויסטראַליע, יאָ, דאָס אַלץ גלויב איך אייך, אָבער אַז איהר זייט דער מענש אויסצורופען „העי", דאָס, ליבער ווינטערניץ, דאָס איז איינפאַך אַ שווינדעל.

ווינטערניץ האָט זיך פאַרטיידיגט. ער האָט געשוואָרען, אַז דער „העי" האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען פון דער טיפעניש פון הארצען, אָדער לפחות פון אַ געוויסען עלעמענט פון זיין אינערלי־כען וועזען. אָבער ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבען נאָכגעבען

היינריך׳ן צו זיינע טענות און האָט סוף כל סוף ערקלערט, אז ער האָפט ווען עס איז דערגרייכען צו אזא מדרגה פון אינערליכער פרייהייט, אז איהם זאָל זיין ערלויבט אויסצורופען „העי״.

— די צייט וועט קיינמאָל ניט קומען, — האָט היינריך מיט באשטימטקייט געענטפערט. — צום עפישען אָדער דראמאטישען „העי״, וועט איהר אמאָל נאָך אפשר דערגרייכען, אָבער דאָס לירישע סוביעקטיווע „העי״ בלייבט פאַר אייך, בלייבט פאַר יעדען איינעם פון אונז, מיין ליבער ווינטערניץ, פאַר אלע אייביגקייטען אומ־דערגרייכבאַר.

ווינטערניץ האָט צוגעזאָגט דאָס לעצטע געדיכט צו ענדערען, און בכלל זיך צו ענטוויקלען און ווייטער צו ארבייטען אויף זיין אינערליכער באפרייאונג. ער איז אויפגעשטאנען. זיין אָנגע־קראָכמאָלטע העמד האָט דערביי א קנאק געטאָן. ער האָט דער־לאנגט היינריך׳ן און געאָרג׳ן זיין, אביסעל פייכטע, האנט און איז אוועק צום הינטערשטען טישעל פון די ליטעראטען. געאָרג האָט פאַרזיכטיג אויסגעדריקט היינריך׳ן זיין אנערקענונג בנוגע צו די געדיכט, וואָס ער האָט געהערט.

— ער איז מיר נאָך אלץ ליבער פון דער גאנצער געזעלשאפט, פערזענליך ווייניגסטענס, — האָט היינריך געזאָגט. — ער וויס דאָך לפחות ווי אזוי צו האלטען זיך אין געוויסע גרעניצען. יאָ. איהר דאַרפט מיך ניט אָנקוקען, אזוי ווי אויף מיר וואָלט דאָ אָנגעפאלען פלוצלונג א משוגעת פון גרויסהאלטען זיך. אָבער איך קאָן אייך פאַרזיכערען, געאָרג, אָט דער סאָרט מענשען, — ער האָט אָנגעוויזען מיט׳ן קוק אויפ׳ן טיש אנטקעגען זיי, — וואָס ביי זיי ליגט שטענדיג אויפ׳ן צונג „אזוי גאָר?״, האָבען מיר שוין דערעסען, ווי א בייזע ציבעלע.

— וואָס ליגט ביי זיי אויפ׳ן צונג?

היינריך האָט זיך צולאַכט.

— איהר קענט דאָך די מעשה מיט׳ן פוילישען אידען, וואָס זיצט מיט אַן אומבאקאנטען אין קופע פון דעם אייזענבאהן־וואגאָן, און פיהרט זיך אויף זעהר אָנשטענדיג, ביז ער געפינט אויס פון

זיין שכנ׳ס עפּעס אַ באַמערקונג, אַז יענער איז אויך אַ איד; „אַזוי גאָר, איהר זייט אויך אַ איד״, האָט ער אַן אויפגעלעבטער אויס־געריפען און האָט תיכף אויסגעצויגען זיינע פיס אויף דער אַנטקעגענדיגער באַנק פון זיין שכן.

— זעהר גוט, — האָט געאָרג געזאָגט.

— מעהר ווי גוט, — האָט היינריך שטרענג צוגעגעבען. — טיף, טיף, ווי פיעלע פון די אידישע אַנעקדאָטען. דער אַנעקדאָט באַלייכט די טראַגי־קאָמעדיע פונ׳ם היינטיגען אידענטום; ער דריקט אויס דעם אייביגען אמת, אַז איין איד האָט קיינמאָל ניט קיין אמת׳ן רעספּעקט פאַר׳ן אַנדערען — קיינמאָל ניט. אַזוי וויי־ניג, ווי עס האָבען איינער פאַר דעם אַנדערען רעספּעקט די גע־פאַנגענע אין דעם שונא׳ס לאַנד, באַזונדערס, ווען זיי האָבען פאַר־לאָרען די האָפנונג אומצוקערען זיך. קנאה, שנאה, צייטענווייז באַוואונדערונג, אַמאָל אפשר אפילו ליבע קען נאָך צווישען זיי עק־זיסטירען, רעספּעקט אָבער קיינמאָל ניט. ווייל אַלע געפיהלען און באַציהונגען שפּילען זיך אָפּ, אַזוי צו זאָגען, אין אַזאַ ענגען און אינטימען קרייז, וואו דער רעספּעקט מוז דערשטיקט ווערען.

— ווייסט איהר, וואָס איך געפין איין? — האָט געאָרג באַ־מערקט, — אַז איהר זייט אַן ערגערער אַנטיסעמיט, איידער דאָס רוב פון די קריסטען, וועלכע איך קען.

— גלויבט איהר אַזוי? — ער האָט זיך צולאַכט. — קיין ריכטיגער אַנטיסעמיט בין איך דאָך ניט. אַן אמת׳ער אַנטיסעמיט איז יענער, וועלכער איז אין גרונד געגומען אין כעס אויף די אידען פאַר זייערע גוטע מדות און ער טוט אַלץ, וואָס איז נאָר מעג־ליך, צו ענטוויקלען אין זיי נאָר די שלעכטע. אָבער אין אַ געוויסען זין האָט איהר רעכט. איך ערלויב זיך אָבער אויך צו זיין אַן אַנטי־אַריער. יעדע ראַסע, אַלס אַזעלכע, איז פון דער נאַטור עקעלהאַפט. נאָר דער איינצעלנער איז צייטענווייז בכח, דורך זיי־נע פערזענליכע מעלות צו פאַרגלעטען די העסליכקייטען פון זיין ראַסע. אָבער אַז איך בין באַזונדערס עמפּפינדליך צו די פעהלערן פון די אידען, דאָס הויב איך ניט אַן גאָר צו לייקענען. מסתמא

איז דאָס דערפאַר, ווייל איך, מיר אַלע, איך מיין, אויך מיר, אידען, זיינען סיסטעמאַטיש ערצויגען געוואָרען צו אָט דער עמפּפינדליכקייט. פון קינדוויים אויף ווערען מיר אויפגעהעצט צו עמפּפינדען גראד די אידישע מדות אַלס באַזונדערס לעכערליך און העסליך, בעת אין דערזעלבער צייט באַמערקט מען גאָר ניט דיזעלבינע לעכערליכע און העסליכע אייגענשאַפטען פון די אַנדערע. איך וויל דאָס גאָר ניט פאַרלייקענען, — בעת אַ איד פיהרט זיך אויף אין מיין אנוועזענהייט אומערצויגען אָדער לעכערליך, כאַפּט מיך ארום, צייטענווייז, אַזאַ מין פיינליך געפיהל, אַז איך וואָלט זיך וועלען אַ מעשה אָנטאָן, אין דער ערד איינזינקען; דאָס איז אַ מין בושה־געפיהל, וואָס דערמאָנט אפשר אין אַ געוויסען פּרט דעם בושה־געפיהל פון אַ ברודער, ווען זיין שוועסטער טוט זיך פאַר איהם אין די אויגען אוים נאַקעט. אפשר איז דאָס אַלץ נאָר עגאָאיזם. עס דערביטערט איינעם, ווען מען מאַכט איהם שטענדיג פאַראַנטוואָרטליך פאַר די פעהלערן פון אַנדערע; פאַר יעדען פאַרברעכען, פאַר יעדע געשמאַקלאָזיגקייט, פאַר יעדע אונפאָרזיכטיגקייט, וואָס אַ איד ערגעץ־וואו אין דער וועלט באַגעהט, מוזט דו טראָגען די אחריות. ס'פאַרשטעהט זיך, אַז ביי אַזאַ לאַגע ווערט מען לייכט אומגערעכט. אָבער דאָס איז נערוועזיטעט, איבערטריבענע עמפּפינדליכקייט און נישט מעהר. אָבער מ'קומט באַלד צו זיך און מען באַרוהיגט זיך. דאָס קען מען דאָך ניט אָנרופען אַנטי־סעמיטיזם. ס'זיינען אָבער פאַראַן אידען וועמען איך האַס באמת, און איך האַס זיי אַלס אידען; דאָס זיינען יענע, וואָס מאַכען דעם אָנשטעל פאַר אַנדערע, און אָפטמאָל אויך פאַר זיך זעלבסט, אַז זיי געהערען גאָר ניט צום כלל ישראל. די, וואָס לעקען געמיין די שטיוועל פון זייערע שונאים און פאַראַכטער און מיינען אויף אַזאַ אופן אויסצוקויפען זיך פון דער אייביגער קללה, וואָס דריקט אויף זיי ווי אַ יאָך, אָדער פון דעם, וואָס זיי מיינען, אַז ס'איז אַ קללה. אגב, דאָס זיינען כמעט שטענדיג אַזעלכע אידען, וואָס זיינען פערזענליך גרויסע לא יוצלח'ס און גאָרנישטען און פאַר זייער אייגענעם שלים־מזל וואָלטען זיי וועלען, באַוואוסט אָדער אומבאַ־

וואוסט, ארויפוואַרפען די שולד אויף זייער ראַסע. פאַרשטעהט זיך, אז דאַס העלפט זיי גאַנץ ווייניג. און האָט עפּעס ווען עס איז גע־האָלפען די אידען, די גוטע, אזוי ווי די שלעכטע? איך מיין, פאַר־שטעהט זיך, — האָט ער שנעל צוגעגעבען, — די, וואָס דאַרפען האָבען עפּעס א מין אינערליכע אדער אויסערליכע הילף. — און בכוון מיט א לייכטען טאָן האָט ער איבערגעריסען.

— יאָ, מיין ליבער געאָרג, די פראַגע איז אביסעל פאַרפּלאָנ־טערט, און ס'איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אז די, וועלכע זיינען אין דעם ניט דירעקט פאַראינטערעסירט, קענען זי ניט ריכטיג באַגריי־פען.

— נו, מען דאַרף דאָך אזוי ניט...

— היינריך האָט איהם גלייך איבערגעריסען.

— מ'דאַרף שוין יאָ, ליבער געאָרג. ס'איז שוין איינ־מאָל אזוי. איהר פאַרשטעהט אונז אייגנפאַך ניט. אנדערע באַגריי־פען אונז אפשר מיט'ן חוש. אָבער פאַרשטעהן! ? ניין. מיר פאַר־שטעהען אייך יעדענפאַלס בעסער, איידער איהר אונז. איהר מעגט זיך שאָקלען מיט'ן קאָפּ! אונז קומט ניט קיין דאַנק דערפאַר. פאַר אונז איז דאָס פשוט נויטיגער געווען צו פאַרשטעהן אייך, איידער פאַר אייך צו פאַרשטעהן אונז. די פעהיגקייט צום פאַרשטעהן האָט זיך מיט דער צייט געמוזט ענטוויקלען... לויט דעם געזעץ פון דעם קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ, אויב איהר ווילט. דען, זעהט איהר, כדי ניט צו פאַרלירען זיך צווישען פרעמדע אָדער, ווי איך האָב שוין פריהער געזאָגט, אינ'ם לאַנד פון דעם שונא, כדי צו זיין גע־שיצט נענען אַלע געפאַהרען און נעצען, וואָס לויערען דאָרטען, דערצו איז פריהער פאַר אַלץ, פאַרשטעהט זיך, נויטיג, ווי ווייט מעגליך צו קענען די שונאים — זייערע מעלות און זייערע שוואַכ־קייטען.

— איהר לעבט אלזאָ צווישען שונאים? צווישען פרעמ־דע? לעאָ גאַלאָווסקי'ן האָט איהר דאָס ניט געוואָלט מודה זיין. און איך בין מיט איהם דוקא ניט מסכים, בשום אופן ניט. אָבער

וואָס איז דאָס פאַר אַ מערקווירדיגער ווידערשפּרוך, וואָס איהר האָט היינט...

מיט גרויס וועהטאָג האָט איהם היינריך איבערגעריסען.

— איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, די זאַך איז צו קאָמ־פּליצירט, מ׳זאָל דאָס קענען פאַרענטפערען. אפילו אינערליך איז דאָס אוממעגליך, און דערצו נאָך גאָר אין ווערטער! יאָ, אַן אַנ־דערס מאָל ווילט זיך גלויבען, אַז ס׳איז גאָר ניט אַזוי שלעכט. אַן אַנדערס מאָל פיהלט מען זיך באמת, ווי אין דער היים. ניט קוקענדיג אויף אַלץ, פיהלט מען זיך דאָ אַזוי היימיש — אפשר נאָך היימי־שער, ווי ס׳קען זיך פיהלען עמיצער פון די אַזוי גערופענע תושבים. ס׳ווייזט אויס, אַז אַ דאַנק דעם פאַרשטעהן, פאַרשווינדט אין אַ געוויסער מאָס דאָס געפיהל פון פרעמדקייט. יאָ, מען נעהמט זיך אָן מיט שטאָלץ, לייטזעליגקייט, צערטליכקייט, אַמאָל געהט עס גאָר איבער אין סענטימענטאַליטעט, וואָס דאָס איז ווידער אַ שלעכטער סמן.

ער איז געזעסען מיט טיפע קנייטשען אויפ׳ן שטערן און האָט געקוקט פאַר זיך.

פאַרשטעהט ער מיך באמת בעסער, האָט געאָרג געטראַכט, איידער איך איהם? אָדער איז דאָס ווידער נאָר אַ משוגעת פון? — גרויסהאַלטען זיך?

היינריך האָט זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ חלום. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפ׳ן זייגער.

— האַלב דריי! און מאָרגען פריה, אַכט דעם זייער געהט אַוועק מיין צוג.

— ווי, איהר פאָרט אַוועק?

— יאָ. דערפאַר האָט זיך מיר אַזוי געוואָלט מיט אייך נאָך אַמאָל דורכשמועסען זיך. איך וועל זיך מיט אייך לייַדער מוזען זעגענען אויף אַ לענגערע צייט. איך פאָר אין פּראַג. איך ברענג מיין פאָטער פון האָספּיטאַל אַהיים, אין זיין הויז.

— ער איז אַלזאָ בעסער.

— ניין. ער איז נאָר אין אַזאַ צושטאַנד, ווען ער איז שוין געוואָרען ניט געפעהרליך פאַר די אַרומיגע... יאָ, דאָס געהט שנעל.

— און ווען אַן ערך רעכענט איהר דאָ זיין צוריק ?

—— היינריך האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען.

— דאָס קען מען נאָך היינט ניט זאָגען. אָבער וואָס עס זאָל ווייטער ניט זיין, איך קען בשום אופן ניט לאָזען איצטער די מוטער און שוועסטער אַליין.

געאָרג׳ן האָט באמת פאַרדראָסען, וואָס ער וועט אין דער נאָהענטסטער צייט מוזען אויסקומען אָהן היינריך׳ס געזעלשאַפט.

— ס׳איז מעגליך, אַז איהר וועט מיך שוין ניט געפינען אין וויען, ווען איהר וועט צוריק קומען. איך וועל דעם פריהלינג, מסתמא, אויך אַוועקפאָרען. — און ער האָט שיער ניט חשק געהאַט אַנצופאַרטרויען זיך היינריך׳ן.

— איהר פאָרט מסתמא צום דרום ? — האָט היינריך געפרעגט.

— יאָ, איך רעכען אַזוי. נאָכאַמאָל געניסען מיין פרייהייט אויף אַ פאָר מאָנאַט. דעם קומענדיגען הערבסט הויבט זיך פאַר מיר אָן די ערנסטקייט פונ׳ם לעבען. איך זוך פאַר זיך אַ שטעלע אין דייטשלאַנד, אין וועלכען עס איז טעאַטער.

— באמת טאַקי ?

דער קעלנער איז צוגעקומען צום טיש. זיי האָבען באַצאָהלט און זיינען אַוועקגעגאַנגען. ביים טיר האָבען זיי זיך געטראָפען מיט ראַפ׳ן און גלייסנער׳ן. זיי האָבען זיך באַגריסט.

— וואָס טוט איהר איצט, הער ראַפ ? — האָט געאָרג העפליך געפרעגט.

ראַפ האָט אויסגעווישט זיין פענסנע.

— שטענדיג מיין אַלטע טרויעריגע באַשעפטיגונג. איך בין פאַרנומען מיט׳ן אויפווייזען די נישטיגקייט פון אַלע נישטיגקייטען.

— דו האָסט געמעגט אַמאָל מאַכען אַ שינוי, — האָט היינריך געזאָגט : — פרוביר דיין גליק אין לויבען די גרויסקייט פון אַלע גרויסע.

— צו וואָס ? — האָט ראַפ געזאָגט און אָנגעטאָן זיין פענ־

סנע. — די גרויסקייט באווייזט זיך אליין מיט דער צייט. אָבער די שטות׳עריי לעבט נאָר, א דאַנק איהר גליק און דעם רוהם, און ווען די וועלט כאַפּט זיך אַמאָל, אז דאָס איז א שווינדעל, איז זי שוין לאַנג אַנטלאָפען געוואָרען אין איהר קבר אָדער... אין איהר אויסגעטראַכטער אומשטערבליכקייט.

זיי זיינען געשטאַנען אויפ׳ן גאַס, און אַלע האָבען אויפגע־שטעלט די קאָלנערס, ווייל ס׳האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו שנייען; גלייסנער, וועלכער האָט מיט א פּאָר וואָכען צוריק געהאַט זיין ער־שטען גרויסען טעאַטער־ערפאָלג, האָט שנעל דערצעהלט, אז אויך היינטיגע זיבענטע פאָרשטעלונג פון זיין ווערק איז געשפּילט גע־וואָרען אין א פול־געפּאַקטען טעאַטער.

ראַפּ האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט און געזאָגט א פּאָר וויצען וועגען דער נאַרישקייט פונ׳ם פּובליקום. גלייסנער האָט איהם לצנות׳דיג אָפּגעענטפערט, אָנווייזענדיג אויף דער אָהנ־מעכטיגקייט פון דער קריטיק בנוגע צו אַן אמת׳ן זשעני. אַזוי האָבען זיי זיך אוועקגעשפּאַצירט מיט אויפגעשטעלטע קאָלנערס, איבער׳ן שניי, און דער גייסט פון שנאה האָט געשוועבט איבער זיי־ער אַלטער פריינדשאַפט, וועלכע האָט שוין געהאַלטען אין אויסוועע־בען זיך.

— אָט דער ראַפּ האָט קיין גליק ניט, — האָט היינריך גע־זאָגט צו געאָרג׳ן, — מיט אַלע זיינע פריינד, אויף וועמען ער האָט אַמאָל געזאָגט נביאות, אַז זיי וועלען האָבען ערפאָלג, איז דאָס טאַקי מקוים געוואָרען. ער וועט דאָס אויך גלייסנער׳ן ניט מוחל זיין, פאַרוואָס ער האָט איהם ניט אַנטטוישט.

— האַלט איהר איהם פאַר אַזא בעל־מקנא?

— דאָס קען מען ניט זאָגען; זעלטען איז די זאַך אַזוי פּשוט, אַז מ׳זאָל קענען אָפּפּטר׳ען מיט איין וואָרט. אָבער באַ־טראַכט נאָר, וואָס איינער דאַרף פיהלען, ווען ער איז איינגעגלויבט אין זיך, אַז בנוגע צום פאַרשטעהן די וועלט און דאָס לעבען האָט ער ניט קיין קלענערען חוש פון שעקספּיר׳ן, און אין דערזעלבער צייט גיט זיך איהם ניט איין אַרויסצואווייזען אפילו אַזוי פיעל

טאַלאַנט, וויפיל עס האָט אַרויסגעוויזן למשל אַ גלייסנער, פאַר וועמען ער שעצט זיך פיל העכער.

שווייגענדיק זיינען זיי געגאַנגען אַ צייט איינער לעבן דעם אַנדערען. שטאַר זיינען געשטאַנען אויפ'ן „רינג" די בוימער מיט זייערע ווייסע צווייגען. פונ'ם ראַטהויז־טורם האָט געשלאָגען דריי. זיי האָבן דורכגעשניטען די ליידיגע גאַס און האָבן גענומען דעם וועג דורך דעם שטילען פּאַרק. אַרום האָט געשימערט די ווייסקייט פון דעם אָהן־אָן־אויפהער פאַלענדען שניי.

— דאָס נייסטע האָב איך אָבער נאָך ניט דערצעהלט, — האָט היינריך געזאָגט אין אַ טרוקענעם טאָן, קוקענדיק פאַר זיך.

— וואָס דען?

— אַז איך באַקום פון אַ געוויסער צייט אָן אַנאָנימע בריוו.

— אַנאָנימע בריוו? פון וואָס פאַר אַן אינהאַלט?

— נו, איהר קענט זיך לייכט פאָרשטעלען.

— אַך, אַזוי.

פאַר געאָרג'ן איז קלאָר געוואָרען, אַז דאָ האַנדעלט זיך נאָר וועגען דער אַקטריסע. פון דער פרעמדער שטאָדט, וואו היינריך האָט געזעהן זיין געליבטע אין אַ נייעם שטיק, שפּילענדיק מיט ניט קיין געמאַכטער נאַטירליכקייט די ראָלע פון אַ פאַרדאָרבענער פרוי, האָט ער זיך אומגעקערט מיט אַ מעהר צואוועהטאָגטען האַרץ, ווי ווען עס איז. געאָרג האָט געוואוסט, אַז פון דעמאָלט אָן האָבן זיי געשריבען איינער דעם אַנדערען בריוו פול מיט צערטליכקייט און שפּאָט, כעס און פאַרצייהונג, אויפרעגונג און איבערבעטונג.

— שוין צייט אַכט טאָג אָן ערך, — האָט היינריך דערצעהלט, — קומען אָן אָט די אַנגענעהמע בשורות, רעגעלמעסיג יעדען פריהמאָרגען. ס'איז ניט זעהר אַנגענעהם, איך פאַרזיכער אייך.

— אַך, מיין גאָט, וואָס געהט עס אייך אָן? איהר ווייסט דאָך אַליין, אַז אין אַנאָנימע בריוו איז קיינמאָל קיין אמת ניטאָ.

— פאַרקעהרט, ליבער געאָרג, שטענדיק.

— אַך, וואָס רעדט איהר!

— אזעלכע בריוו אנטהאַלטען אין אַ געוויסער מאָס דעם העכערען אמת. די גרויסע וואַרהייט פון מעגליכקייט. די מענשען האָבען בכלל צו ווייניג פאַנטאַזיע צו שאַפען פון גאַרנישט.

— דאָס וואָלט געווען אַ שענע אויפפאַסונג! וואוהין וואָל־טען מיר דערגאַנגען? איהר מאַכט עס אביסעל צו באַקוועם פאַר אַלע רכילות־טרייבער פון פאַרשיעדענע סאָרטען. — אביסעל צו באַקוועם.

— פאַרוואָס זאָגט איהר רכילות־טרייבער? איך האַלט דאָס פאַר זעהר אומוואַרשיינליך, אַז אין די אַנאָנימע בריוו, וואָס איך באַקום, זיינען פאַראַן רכילות. אפשר אביסעל איבערטרייבונגען, פאַרפּוצונגען, אומפּינקטליכקייטען...

— ליגענס...

— ניין, דאָס זיינען מסתמא ניט קיין ליגענס; אפשר אַ ביסעל. אָבער ווי אַזוי זאָל מען אין אַזאַ פאַל קענען אָפּטיילען דעם אמת פון דעם שקר?

— דערצו איז דאָך פאַראַן זעהר אַ פּשוט'ער מיטעל. פאָהרט צו אַהין.

— איך זאָל אַהין פאָהרען?

— געוויס דאַרפט איהר דאָס טאָן. דאָרטען אויפ'ן אָרט וועט איהר תיכף דערגעהן דעם אמת.

— דאָס איז אפשר אַ פּלאַן.

זיי האָבען געשפּאַצירט אונטער די פּאַרק־טויערן, אויף די נאַסע שטיינער. זייערע שטימען און טריט האָבען אָפּגעקלונגען. געאָרג האָט איבעראַניים אָנגעהויבען:

— אַנשטאַט דורכצולעבען אַזעלכע אויף יעדען פאַל פּיינ־ליכע מאָמענטען, וואָלט איך זיך בעסער געסטאַרעט פערזענליך צו דערגעהן, ווי עס האַלט דאָרטען.

— יאָ, דאָס וואָלט טאַקי געווען דאָס ריכטיגסטע.

— נו, טאָ פאַרוואָס זשע טוט איהר דאָס ניט?

היינריך איז געבליבען שטעהן, און מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ציין האָט ער אַרויסגערעדט:

— זאָגט מיר, ליבער געאָרג, האָט איהר באמת נאָך ניט באמערקט, אז איך בין א שוואכלינג?

— אך, דאָס רופט מען דאָך ניט שוואכלינג.

— רופט דאָס, ווי איהר ווילט. ווערטער פאסען קיינמאָל ניט גענוי צום אינהאלט. — און וואָס גענויער זיי דוכטען זיך, אלץ ווייניגער פאסען זיי. איך ווייס, וואָס איך בין. פאר קיין פרייז אין דער וועלט פאָהר איך ניט אהינצו. לעבערליך נאָך ווע־רען? ניין, ניין, ניין...

— אלזאָ, וואָס וועט איהר טאָן?

הייגריך האָט א צוק געטאָן מיט די אקסלען, אזוי ווי די גאנצע זאך וואָלט איהם גאָרניט געאַרט.

אביסעל אין כעס, האָט געאָרג איהם ווידער געפרעגט:

— אויב איהר וועט מיר ערלויבען איין באמערקונג, וואָס זאָגט אייגענטליך דער... בעל דבר אליין?

— דער בעל דבר, ווי איהר רופט זי אָן, ניט פיהלענדיג, וואָס פאר א טייוועלשער וויץ דאָ שטעקט, ווייס נאָך דערווייל ניט, אז איך באקום אנאָנימע בריוו.

— האָט איהר אויפגעהערט מיט איהר זיך דורכצושרייבען?

— וואָס פעלט אייך איין? מיר שרייבען איינער דעם אנ־דערען, ווי פריהער, יעדען טאָג; זי די צערטליכסטע און ליע־בערישסטע בריוו, איך די געמיינסטע, וואָס איהר קענט זיך נאָר פאָרשטעלען, אומאויפריכטיג, מיט באהאלטענע כוונות, פייניגענד זי ביז גאָר.

— הערט זשע, הייגריך, איהר האָט דאָך באמת ניט גאָר קיין איידעלען כאראקטער.

הייגריך האָט זיך הויך צולאכט.

— ניין, קיין איידעל מאָן בין איך ניט. צוליעב דעם בין איך גאנץ באשטימט ניט באשאפען געוואָרען אויף דער וועלט.

—און ווען מען באטראכט נאָך, אז סוף כל סוף זיינען דאָס נאָר פוסטע רכילות־! — געאָרג, פון זיין זייט, האָט, פארשטעהט זיך, ניט געצווייפעלט, אז די אנאָנימע בריוו זיינען אמת. פונ־

דעסטוועגען האָט ער מיט אַן אמת געוואָלט, אַז היינריך זאָל אהינצו אויפ'ן פּלאַץ צופאָהרען, זיך אַליין איבערצייגען, אַנגעהמען וועלכע עס איז מיטלען, עמיצען אויספּאַטשען אָדער שיסען. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פּעליציאַנ'ען אין אַזאַ פאַל, אָדער סטאַנ־צידעס'ן, אָדער ווילי אייסלער. אַלע וואָלטען זיך בעסער אויפ־געפיהרט, אָדער לכל הפחות אנדערס, און געוויס אויף אַ מעהר סימפּאַטישען אופן. פּלוצלונג איז איהם דורכגעלאָפען אין קאָפּ דער געדאַנק, וואָס וואָלט ער געטאָן, ווען אַנאַ וואָלט איהם אָפּ־גענאַרט. אַנאַ איהם ? !... איז דאָס בכלל מעגליך ? ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגען דעם בליק פון היינט אָבענד, דעם נייגעריג טרויעריגען בליק, וואָס זי האָט געוואָרפען אויף דעמעטער סטאַנצי־דעס, זיצענדיג ביים טיש. ניין, דאָס באַדייט גאָרנישט, דאָס איז געוויס. און די אַלטע געשיכטעס מיט לעאָ און דעם געזאַנג־לעהרער ? זיי זיינען געווען אונשולדיג, כמעט קינדעריש. אָבער עפּעס אַנדערס, פון גרעסערער באַדייטונג אפשר, איז איהם איינ־געפאַלען. ער האָט זיך דערמאָנט וועגען אַ מערקווירדיגער פראַ־גע, וואָס זי האָט איהם געשטעלט דאָ אַנומעלט, בעת זי האָט צו שפּעט מיט איהם פאַרבראַכט און זי האָט געמוזט אויסטראַכטען עפּעס אַ תירוץ פאַר דער היים. צי האָט ער ניט מורא, האָט זי איהם געפרעגט, אַז ער וועט דאַרפען אַמאָל חרטה האָבען אויף דעם, וואָס ער האָט זי געמאַכט פאַר אַ ליגנערין ? האַלב ווי אַ פאָרוואורף, האַלב ווי אַ וואַרנונג האָט עס געקלונגען. און ווען זי אַליין איז ניט אַזוי זיכער אין זיך, ווי אַזוי זשע קען ער זיין נאָר זיכער ? אָט, האָט ער זי דאָך ליב — און פונדעסטוועגען, ניט קוקענדיג אויף דעם, נאַרט ער זי, אָדער ער איז יעדע רגע גרייט אָפּצונאַרען זי, וואָס דאָס איז דאָך אַלץ איינס ווי גענאַרט שוין. מיט אַ שעה צוריק אין דראָזשקע, ווען ער האָט זי געהאַל־טען אין זיינע אָרימס און געקושט, האָט זי געוויס נאָר ניט חושד געווען, אַז ער האָט בשעת מעשה געטראַכט ניט וועגען איהר, נאָר וועגען אַן אַנדערער. און דאָך, דוקא אין יענעם מאָמענט, ווען ער האָט געקושט איהרע ליפּען, האָט ער דאָך געבענקט נאָר

נאָך זיסי׳ן. פאַרוואָס זשע זאָל דאָס ניט קענען פּאַסירען, אַז אַנאַ זאָל איהם אָפּנאַרען ?... ס׳קען זיין, אַז דאָס איז שוין געשעהען... בעת ער האָט גאַרנישט ניט חושד געווען ?... אָבער די אַלע השערות האָבען אויף איהם ניט געמאַכט קיין שווערען איינדרוק ; ווי פאַנ־טאַסטישע, כמעט אַמיזאַנטע מעגליכקייטען האָבען זיי זיך דורכ־געטראָגען דורך זיינע געדאַנקען. ער איז געשטאַנען מיט היינריך׳ן לעבען דעם פאַרשלאָסענעם טויער אין דער פּלאַריאַנגאַס און האָט איהם דערלאַנגט די האַנט.

— אַלזאָ, זייט געזונט, — האָט ער געזאָגט, — ווען מיר וועלען זיך ווידער זעהן, לאָמיר האָפען, וועט איהר שוין זיין אויס־געהיילט פון אייערע ספקות.

— וואָלט דאָס געווען אַזאַ גרויסער געווינס ? — האָט היינ־ריך געפרעגט — ברייננט די זיכערקייט אין זאַכען פון ליבע ווירקליך בארוהיגונג ? איז דאָס אַ זיכערקייט אויף שלעכט, דאַן קען דאָס נאָך אַמאָל בארוהיגען, ווייל דאָס האַלט דאָך ניט לאַנג. איז דאָס אָבער אַ זיכערקייט אויף גוט, דאַן איז דאָס אין בעסטען פאַל נאָר אַ בארוישונג... נו, זייט מיר געזונט. אין מאַי, לאָמיר האָפען, וועלען מיר זיך ווידער זעהן. דעמאָלט קוי איך אָהער אויף אַ געוויסע צייט, וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען, און מיר וועלען קענען ווייטער שמועסען וועגען אונזער באַרימטער אָפּערא.

— יאָ, אויב איך וועל אין מאַי שוין ווידער זיין אין וויען. ס׳קען זיך טרעפען, אַז איך וועל ערשט אין הערבסט קומען צוריק.

——— און דעמאָלט וועט איהר ווידער באַלד אָפּפאָהרען צו אייער נייעם בארוף ?

— ס׳איז ניט אוממעגליך, אַז ס׳זאָל זיך אַזוי מאַכען. — און ער האָט אָנגעקוקט היינריך׳ן מיט אַ מין קינדיש צו־להכעיס׳דיגען שמייכעל, ווי ער וואָלט געטראַכט ביי זיך : און איך וועל דיר דאָס פאָרט ניט דערצעהלען !

היינריך האָט איהם פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— הערט זשע, געאָרג, מיר שטעהען אַלזאָ מעגליך צום לעצטען מאָל צוזאַמען ביי אָט דעם טויער. אַ, איך בין ווייט דערפון צו

וועלען מיט גוואלד געווינען אייער פארטרויען. ס'וועט שוין צוווי־שען אונז מוזען בלייבען ביי אָט דער אָפענהערציגקייט נאָר פון איין זייט. נו — ס'מאכט ניט אויס.

געאָרג האָט געקוקט אָן א זייט.

— זאָל אייך דער הימעל באשיצען, — האָט היינריך גע־זאָגט, בעת דער טויער האָט זיך געעפענט. — און לאָזט פון זיך אמאָל הערען.

— געוויס, —האָט געאָרג געענטפערט און האָט פּלוצלונג דערזעהן, ווי היינריך'ס אויגען האָבען זיך אויף איהם אָפּגעשטעלט מיט אַן אומערוואַרטער איניגקייט.

— געוויס... און איהר זאָלט מיר אויך שרייבען. יעדענ־פאַלס לאָזט מיך וויסען, ווי עס האַלט ביי אייך אין דער היים און וואָס איהר ארבייט. איבערהויפּט, — האָט ער הארציג צוגענע־בען, — מיר דארפען ניט איבעררייסען אונזערע באציהונגען.

דער שווייצער איז געשטאַנען לעבען אָפענעם טויער, מיט צושויבערטע האָר, מיט א פארשלאָפענעם בייזען געזיכט, אין א גרינליך־ברוינעם שלאָפראָק, אין שטעק־שיך אויף די באָרוועסע פיס.

היינריך האָט צום לעצטען מאָל דערלאַנגט געאָרג'ן די האַנט.

— אויף ווידערזעהן, ליבער פריינד, — האָט ער געזאָגט, און נאָכדעם שטיל צוגעגעבען, אָנווייזענדיג אויפ'ן שווייצער:

— איך קען איהם ניט לענגער לאָזען וואַרטען. וואָס ער טראַכט וועגען מיר אין אָט דער רגע, דאָס קענט איהר לייכט ארויסלעזען פון זיין איידעלער, ניט פארשטעלטער פיזיאָנאָמיע. אדיע.

געאָרג האָט זיך פאנאַנדערגעלאַכט. היינריך איז פארשוואונ־דען, דער טויער האָט זיך פארהאַקט.

געאָרג האָט זיך אויף א האָר ניט געפיהלט שלעפעריג און האָט באשלאָסען צופוס אהיים צו געהן. ער איז געווען אין אַן אויפגערעגטער געהויבענער שטימונג. די קומענדיגע טעג האָט ער ערוואַרט מיט א מערקווירדיגער שפּאַנונג. ער האָט געטראַכט וועגען זיין מאָרגענדיגער באַגעגעניש מיט אַנאַ'ן, וועגען דער קו־

מענדיגער רייזע, וועגען דעם הויז, וואָס איז שוין ערגעץ־וואו אין דער וועלט געשטאַנען, און וואָס האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט, ווי אַ הויז, צוזאַמענגעשטעלט פון שפּיל־קעסטעלאַך, העל־גרין, מיט אַ רויטען דאַך און אַ שוואַרצען קוימען. און ווי אַ בילד, פון אַ צויבער לאַמטערנע אויף אַ ווייסען לייווענט געוואָרפען, האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט זיין אייגענע געשטאַלט: ער האָט זיך געזעהן, זיצענדיג אויף אַ באַלקאָן, אין אַ גליקליכער איינזאַמקייט, פאַר אַ טיש אויסגעלייגט מיט נאָטען; צווייגען פון ביימער האָבען זיך געוויגט איבער די פאַרענצען פון אַ באַלקאָן. אַ העלער הימעל האָט גערוהט איבער איהם, און טיף אונטער זיינע פיס אין מער־בענהאַפטער בלויקייט איז געלעגען דער ים.

## פינפטער קאפיטעל.

גנעאָרג האָט גאַנץ שטיל געעפענט די טיר פון אנא'ס צימער. זי איז נאָך געלעגען אין בעט און געשלאָפען; זי האָט טיף און רוהיג געאָטעמט. ער איז ארוים פון דעם האלב־טונקעלען צימער, האָט פארמאכט די טיר און איז אריין צו זיך אין קאבינעט. ער איז צוגעגאנגען צום פאנאנדערגעעפענטען פענסטער און האָט ארויסגעקוקט. איבער'ן וואסער האָט געשוועבט א זוניג־שימערנ־דער נעבעל. די אנטקעגענדיגע בערג האָבען אין ריינע, אויסגע־צווינגענע ליניעס געשוואומען אין הימעל־גלאַנץ; איבער די גערטע־נער און הייזער פון לוגאנא האָט געלויכטען די העלע בלויקייט. גנעאָרג איז ווידער געווען איבער גליקליך, איינצואָטעמען אָט די לופט פון דעם יוני־מאָרגען, וואָס האָט געטראָגען צו איהם די פייכטע פרישקייט פון ים און דעם דופט פון פלאטאנען, מאגנאָ־ליען און רויזען פון דעם האָטעל־פּאַרק; ער האָט זיך געפיהלט גליקליך אָנצוקוקען אָט די לאנדשאפט מיט איהר פריהלינג־פריי־דען, וואָס האָט איהם צייט דריי וואָכען יעדען פריהמאָרגען באַ־גריסט, ווי א נייער גליק. ער האָט אויף גיך אויסגעטרונקען זיין טעע, און איז אראָפּגעלאָפען פון די טרעפ אזוי שנעל און מיט אזוי פיעל ערוואַרטונגען, ווי ער פלעגט זיך אינגעלוויז אמאָל איי־לען צום שפּילען; אין דעם גראָען דופט פון דעם פריהמאָרגענ־דיגען שאָטען איז ער זיך אוועק אויף זיין געוועהנליכען וועג מיט'ן ברעג פון ים. דאָ האָט ער זיך דערמאָנט וועגען זיינע איינ־זאמע פריהמאָרגענדיגע שפּאַצירען פאראיאָהרען אין פריהלינג אין פּאַלערמאָ און טאָאָרמינאָ, וואָס פלעגען זיך פארציהען אויף לאנ־

נע שעה'ן, ווייל גריים האָט ליב געהאַט צו ליגען אין בעט מיט אָפענע אויגען ביז מיטאָג. ווי פאַרכמאַרעט האָט איהם אויס־געזעהן די עראינערונג פון יענער צייט, בעת די נאָהענטע צושיי־דונג, ווען ער האָט זי אַפילו צייטענווייז אַליין געוואָלט, איז גע־האַנגען איבער איהם, ווי אַ שווערער וואָלקען. דאַסמאָל האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ערגעץ ווייט ליגט אַלץ, וואָס קען איהם ברייינגען שמערצען, און יעדענפאַלס איז דאָס אין זיין מאַכט גע־ווען, אויב דאָס שיקזאַל זאָל זיך נאָר ניט אריינמישען, אָפּצוציהען דעם סוף אַזוי לאַנג, ווי ער וועט וועלען.

אָנפאַנג מערץ איז ער אָפּגעפאָהרען מיט אַנאַ'ן פון וויען, ווייל ס'איז שוין אוממעגליך געווען לענגער צו פאַרבאָרגען איהר צושטאַנד. שוין אין יאַנואַר האָט גענאָרג באַשלאָסען צו ריידען מיט איהר מוטער. ער האָט זיך אַפריהער צוגעגרייט און האָט דעריבער געקענט מאַכען זיין מיטטיילונג אין רוהיגע און אויס־גערעכענטע ווערטער. אַנאַ איז געזעסען אויפ'ן סאָפאַ מיט אַ שע־מעוודיגען שמייכעל און האָט מיט אַ געוויסער נייגעריגקייט באַ־טראַכט געאָרג'ן, בעת ער האָט גערעדט. דער פּלאַן פאַר די קומ־מענדיגע חדשים איז אויסגעאַרבייט געוואָרען. ביז זומער האָט געאָרג געוואָלט פאַרברייינגען מיט אַנאַ'ן אין אויסלאַנד, נאָכ־דעם וועלען זיי' דינגען ניט ווייט ארום וויען אַ זומער־וואָהנונג, אַזוי אַז אין דער שווערסטער צייט זאָל דער מוטער ניט אויסקומען צו זיין ווייט פון אַנאַ'ן און אַז דאָס קינד זאָל מען קענען אָפּגעבען צו האָדעווען ניט ווייט פון שטאָדט. כדי אַנאַ'ס אָפּפאָהרען זאָל ניט ארויסרופען קיין חשד, האָבען זיי זיך צוגעטראַכט אַן אויס־רייד. אַזוי ווי איהר שטים האָט זיך פאַר דער לעצטער צייט אַ סך פאַרבעסערט — און דאָס איז געווען כמעט אמת — איז זי אַוועקגעפאָהרען צו אַ באַריהמטער געזאַנג־לעהרערין אין דרעז־דען, כדי צו פאַרענדיגען איהר געזאַנג־שטודיום. פרוי ראָסנער פלעגט צושאָקלען מיט'ן קאָפּ אַזוי, ווי זי וואָלט אויף אַלץ מסכים געווען, אָבער די שטריכען פון איהר געזיכט פלעגען ווערען וואָס אַמאָל טרויעריגער. ניט אַזוי די נייס, וואָס זי האָט זיך דער־

וואוסט, האָט אויף איהר גערריקט, ווי דאָס באוואוסטזיין, אז זי, אַן אָרימע מוטער פון אַ קלייבבירגערליכער פאַמיליע, מוז אַזוי מאַכטלאָז זיצען אַנטקעגען דעם אַדעליגען פאַרפיהרער פון איהר טאָכטער, ניט זייענדיג בכח צו וועהרען זיך געגען איהם. געאָרג האָט דאָס מיט באַדויערען באַמערקט און האָט געזוכט צו ריידען מיט אַ לייכטערען און וואָס מעהר פריינדליכען טאָן. ער האָט זיך נעהענטער צוגערוקט צו דער אַלטער פרוי, ער פלעגט נעהמען איהר האַנט און עטליכע סעקונדען האַלטען אין זיינער. אַנאַ האָט זיך אין דעם גאַנצען שמועס מיט קיין איין וואָרט ניט באַטייליגט. אָבער בעת געאָרג האָט זיך אויפגעהויבען אַוועקצוגעהן, איז זי אויפגעשטאַנען, און צום ערשטען מאָל פאַר דער מוטער אין די אויגען, דערלאַנגט איהם די ליפּען צום קוש, פּונקט ווי זי וואָלט איצט געפייערט איהר פאַרלאָבונג מיט איהם. אין אַ געהויבענער שטימונג איז געאָרג די טרעפּ אַרונטערגעגאַנגען, ווי ער וואָלט איצטער איבערגעקומען דאָס ערגסטע. אָפטער, ווי פריהער, פלעגט ער איצט פאַרברייגגען שעה'ענווייז ביי די ראָסנערס, שפּילענדיג מוזיק מיט אַנאַ'ן; איהר שטים איז פאַר דער צייט געוואָרען בעסער און שטאַרקער. די באַציהונג פון דער מוטער צו גע־אָרג'ן איז געוואָרען אַ סך פריינדליכער, און צייטענווייז האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַזוי ווי זי וואָלט געמוזט קעמפּפען מיט זיך פאַר דער אַלץ וואַקסענדער סימפּאַטיע צו איהם. עס האָט זיך געטראָפען, אַז געאָרג האָט פאַרבראַכט אַן אָבענד אינ'ם קרייז פון דער פאַמיליע. ער איז פאַרבליבען אויף אָבענד־ברויט, און נאָכ־דעם, מיט דער סיגאַר אין מויל, האָט ער געשפּילט אויפ'ן פּיאַ־נאָ זיינע אייגענע פאַנטאַזיעס צו וואַגנער'ס „מייסטערזינגער" און „לאָענגרין"; ער האָט שטאַרק אויסגענומען, דערהויפּט ביי יאָזעף'ן, און געהענדיג אַהיים, האָט ער כמעט ווי מיט שרעק באַמערקט, אַז ער האָט זיך דאָרטען געפיהלט אַזוי גוט, ווי אין אַ ניי־געפונענער היים.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, בעת ער איז געזעסען מיט פעליציאַן'ען ביים שוואַרצען קאַפע, האָט איהם דער באַדינער אַריינגעטראָגען

א וויזיט־קאַרטע. געאָרג האָט דערפיהלט, דורכלויפענדיג דעם נאָמען, אַז ער ווערט רויט אין פּנים. פּאָליציאַן האָט זיך גע־מאכט אזוי, ווי ער וואָלט גאָר ניט באַמערקט דעם ברודערס פאַר־לעגענהייט. ער האָט זיך מיט איהם געזעגענט און פאַרלאָזען דעם צימער. אין טיר האָט ער באַגעגענט דעם אַלטען ראָסנער; ער האָט לייכט א נייג געטאָן מיט'ן קאָפּ, ענטפערענדיג איהם אויפ'ן גרוס, און האָט געקוקט אָן א זייט. געאָרג האָט ראָסנער'ן, וועל־כער איז אַריינגעקומען אין ווינטער־מאַנטעל מיט'ן הוט און שירעם, געבעטען זיצען און האָט איהם מכבד געווען מיט א סיגאַר. דער אַלטער ראָסנער האָט געזאָגט: — איך האָב ערשט געהויכערט. — און דאָס האָט געאָרג'ן אביסעל באַרוהיגט. ראָסנער האָט זיך אוועקגעזעצט; געאָרג איז געבליבען שטעהן אָנגעלענט אויפ'ן טיש. דערנאָך האָט דער אַלטער אָנגעהויבען מיט זיין געוועהנ־ליכער לאַנגזאַמקייט:

— דער באַראָן פאַרשטעהט מסתמא, צוליעב וואָס איך האָב זיך ערלויבט איהם צו שטערען. איך האָב אייגענטליך געוואָלט קומען פאַרמיטאָג, אָבער איך האָב ליידער ניט געקענט אוועק־געהן פון ביוראָ.

— פאַרמיטאָג וואָלט איהר מיך ניט געטראָפען אין דער היים, הער ראָסנער, — האָט געאָרג העפליך געענטפערט.

— נו, איז דאָך אודאי גוט, וואָס איך בין ניט געגאַנגען אומזיסט. אַלזאָ, מיין פרוי האָט מיר היינט אין דערפריה... איבערגעגעבען.... וואָס עס האָט פּאַסירט.

ער האָט אַראָפּגעלאָזען די אויגען.

— אזוי, — האָט געאָרג געזאָגט און האָט פאַרביסען זיין אויבערשטע ליפּ — איך האָב אייגענטליך אליין געהאַט בדעה... אָבער וועט איהר אפשר אַראָפּנעהמען דעם מאַנטעל, ס'איז זעהר וואַרים אין צימער.

— אָ, א דאַנק, א דאַנק, ס'איז מיר גאָר ניט צו וואַרים. נו, איך בין געווען ערשטוינט, ווען מיין פרוי האָט מיר אָנגעזאָגט די בשורה. יאָ, הער באַראָן... קיינמאָל וואָלט איך זיך דאָס ניט גע־

ריכט אויף אַנאַ'ן... קיינמאָל וואָלט איך דאָס ניט געהאַלטען פאַר מעגליך... דאָס איז דאָך שרעקליך...

ער האָט דאָס געזאָגט אויף זיין געוועהנליכען שטיינער, מאָנאָטאָן, נאָר ער האָט דערביי אָפטער, ווי געוועהנליך, גע־שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. געאַרג האָט געקוקט אויף זיין פּלעך ,מיט די שיטערע געלבליך־גראָע האָר און האָט גאַרנישט ניט געפיהלט, אויסער אַ וויסטער נודנעקייט.

— שרעקליך, הער ראָסנער, איז די זאַך באמת ניט, — האָט ער ענדליך געזאָגט.

— ווען איהר וואָלט וויסען, ווי שטאַרק... ווי טיף מיין ליבע איז צו אַנאַ'ן, וואָלט איהר געווים ניט געטראַכט, אַז די זאַך איז אַזוי שרעקליך. אייער פרוי האָט אייך יעדענפאַלס איבערגעגעבען וועגען אונזערע פּלענער פאַר דער קומענדיגער צייט — אָדער האָב איך אַ טעות?

— איהר האָט שוין גאָר ניט קיין טעות, הער באַראָן, פון היינט אין דער פריה אָן ווייס איך אַלצדינג. אָבער איך קאָן ניט פאַרשווייגען, וואָס איך באַמערק שוין צייט עטליכע וואָכען, אַז עפּעס איז אין הויז ניט אין אָרדנונג. באַזונדערס איז מיר געוועהן קשה, וואָס מיין פרוי איז אַזוי אויפגערעגט און האַלט עפּעס פאַראיינס אין וויינען.

— האַלט אין וויינען? — דערצו, הער ראָסנער, איז באמת ניטאָ קיין שום גרונד; אַנאַ אַליין, און איהר איז דאָך דאָס סוף כל סוף נוגע מעהר פון אַלעמען, פיהלט זיך זעהר גוט, און זי איז ווי געוועהנליך זעהר אויפגעלעגט...

— יאָ, אַנאַ איז טאַקי אין אַ גוטער שטימונג, און דעם אמת זאָגענדיג, איז דאָס אין אַ געוויסער מאָס מיין טרויסט. בכלל אָבער קען איך אייך גאָר ניט שילדערען, וואָס פאַר אַ שווערער קלאַפּ דאָס איז פאַר מיר, הער באַראָן... דאָס האָט מיך, איך וואָלט געוואָלט זאָגען.... ווי אַ דונער פון הימעל געטראָפען... קיינמאָל, קיינמאָל וואָלט איך דאָס ניט געגלויבט... — ער האָט ניט געקענט ווייטער ריידען, זיין שטים האָט געציטערט.

— עס פאַרדריסט מיך זעהר באמת, — האָט געאָרג גע־זאָגט, — וואָס איהר נעהמט עס אָן אַזוי שלעכט, כאָטש אייער פרוי האָט דאָך אייך מסתמא דערצעהלט, וואָס מיר האָבען באַשלאָסען צו טאָן אין דער נאָהענטסטער צוקונפט, און איך דענק, אַז איהר זייט מיט דעם איינשטימיג. וועגען דער ווייטערדיגער — לאָ־מיר האָפען, ניט צו ווייטער, — צוקונפט, וויל איך איצט בעסער ניט ריידען, ווייל אַ געוויסער סאָרט פּראַזעס זיינען מיר דערווי־דער. אָבער איהר קענט זיין זיכער, הער ראָסנער, אַז איך וועל ניט פאַרגעסען, וואָס איך דאַרף טאָן פאַר אַזאַ טייערער נשמה, ווי אַנאַ... יאָ, וואָס איך דאַרף טאָן פאַר זיך זעלבסט.

אויף וויפיעל ער האָט זיך געקאָנט דערמאָנען, איז נאָך אין זיין לעבען ניט געווען קיין איין מאָמענט, ווען ער איז זיך אַליין געווען אַזוי אומסימפּאַטיש, ווי איצט. און ווי עס קען גאָר אַנ־דערש ניט זיין אין אַזעלכע פאַלען, וואו מען ווייס אַפריהער, אַז מען וועט זיך איינער מיט דעם אַנדערען ניט צונויפריידען, האָט יעדערער פון זיי עטליכע מאָל ווידערהאָלט דאָסזעלבע, ביז הער ראָסנער האָט זיך סוף כל סוף ענטשולדיגט, פאַרוואָס ער האָט מיט זיין וויזיט געשטערט, און האָט זיך געזעגענט מיט געאָרג'ן, וועלכער האָט איהם באַגלייט ביז צו די טרעפּ. עטליכע טעג נאָכ־אַנאַנד נאָך ראָסנער'ס וויזיט האָט געאָרג געפיהלט אויפ'ן האַרצען עפּעס אַ מין ווידער־טעם. „איצט פעהלט נאָך דער ברודער," האָט געאָרג מיט כעס געטראַכט און האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ גע־שפּרעך, וואו דער יונגער מאַן טרעט אַרויס, אַלס אַ נוקם פאַר דער עהרע פון זיין פאַמיליע, און ער, געאָרג, שטילט איהם איין מיט אויסערגעוועהנליך געלונגענע רייד. דאָך האָט זיך געאָרג נאָכ'ן שמועס מיט אַנאַ'ס עלטערן געפיהלט ווי באַפרייט. און די שטונ־דען, וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט זיין געליבטער אינ'ם פריד־ליכען צימער אַנטקעגען דער קירכע, איז ער געווען דורכגעדרונגען מיט אַ געוויסען געפיהל פון זיכערקייט און צופרידענהייט. אַן אַנדערס מאָל האָט זיך זיי ביידען אויסגעוויזען, אַזוי ווי די צייט וואָלט געבליבען שטעהן שטיל. געאָרג פלעגט מיטברייננגען מיט

זיך רייזע־ביכער, בעדעקערס,*) אפילו באהן־קארטען מיט רשימות פון די צוגען, און פלעגט צוזאמען מיט אנא'ן אויסמאכען פארשי־דענע מארשרוטען פאר זייער רייזע, ערנסט אבער האט ער איי־גענטליך ניט געטראכט וועגען דעם, אז דאס אלץ וועט אמאל זיין אויפ'ן וואהר. וואס איז שייך צום הויז, וואו דאס קינד זאל גע־בארען ווערען, האבען זיי ביידע מסכים געווען, אז מען מוז דאס דינגען איידער זיי פאהרען אוועק פון וויען. איינמאל האט אנא געזעהן אין צייטונג, וואס זי פלעגט ספעציעל צוליב דעם גענוי דורכקוקען אן אנאנסע, אז עס פארדינגט זיך א הויז גלייך לעבען וואלד, ניט ווייט פון א באהן־סטאנציע, אנדערהאלבען שעה פון וויען. אין איינעם א פריהמארגען זיינען זיי צוגעפאהרען צו אט דעם פלאץ — און אין זייער זכרון איז פארבליבען דער איינדרוק פון א פארשנייטען, איינזאמען הילצערנעם געביידע מיט הירש־קעפ איבער דער טיר, פון אן אלטען, שיכור'ען וואלד־וועכטער, פון א יונגער, בלאנדער מיידעל, פון א שליטען־רייזע איבער א זו־נענדיגען ווינטער־וועג, איבער וועלכען זיי זיינען געפאהרען מיט דער שנעלקייט פון ווינט, פון אן אומבאגרייפליך לוסטיגען מיטאג עסען אין א גרויסען האטעל־צימער און פון א שלעכט באלויכטע־נעם און שטארק אנגעהייצטען קופע, אין וועלכען זיי זיינען צו־ריקגעפאהרען אהיים. דאס איז געווען דאס איינציגע מאל, ווען געארג איז געגאנגען מיט אנא'ן זוכען דאס הויז, וואס איז שוין ערגעץ־וואו געשטאנען און האט געווארט אויף זיין באשטימונג... על פי רוב פלעגט ער אליין פאהרען מיט דער באהן, אדער מיט'ן טראמוואי אין די ארומיגע זומער־פלעצער אויסצוגעפינען א פא־סענד הויז.

איינמאל, אין א פריהלינג־טאג, וואס האט זיך אריינגע־כאפט אין מיטען ווינטער, האט געארג געשפאצירט אין איינעם פון די קליינע דערפלאך נאהענט צום שטאדט, וועלכע ער האט

---

*)אויסקונפטס־ביכער פאר רייזענדע ארויסגעגעבען פון דעם באוואוסטען פערלאג בעדעקער.

זעהר ליב געהאט, וואו באשיידענע דארף־הייזלאך זיינען געשטאַ־
נען אין שכנה׳שאפט מיט עלעגאנטע ווילעס; ער האָט זיך כמעט
פארגעסען, ווי דאָס האָט מיט איהם אָפטמאָל פּאסירט, צוליעב וואָס
ער איז אהערצו געקומען, און מיט אינערליכער אויפרעגונג האָט
ער געטראכט וועגען דעם, אז דורך דיזעלביגע פלעצער האָבען מיט
יאָהרען צוריק ארומגעשפּאצירט דאָ בעטהאָווען און שובערט; און
בעת ער איז אזוי געווען פארטיפט אין זיינע רעיונות, איז איהם
גאָר אומערווארט אנטקעגען געקומען נירענבערגער. זיי האָבען
זיך באגריסט, געלויבט דעם שענעם טאָג, וואָס ציהט אזוי אויף
דער פריי און דער וויט, און יעדערער פון זיי האָט מיט העפליכ־
קייט באדויערט, וואָס זיי זעהען זיך אזוי זעלטען, זינט בערמאַן
האָט פארלאָזען וויען.

— האָט איהר שוין לאנג פון איהם גאָרנישט געהערט? —
האָט געאָרג געפרעגט.

— זינט ער איז אוועקגעפאָהרען, — האָט נירענבערגער גע־
ענטפערט — האָב איך פון איהם נאָר איין קארטעל ערהאלטען.
מ׳דארף רעכענען, אז מיט אייך קאָרעספּאָנדירט ער עפטער, ווי
מיט מיר.

— פארוואָס דארף מען דאָס אזוי רעכענען? — האָט געאָרג
געפרעגט, ווי אָפטמאָל, אביסעל גערייצט פון נירענבערגער׳ס טאָן.

— נו, לפחות האָט איהר דעם פאָרצוג, וואָס איהר זייט פאר
איהם א נייערער באקאנטער, און דעריבער שטעלט איהר מיט זיך
פאָר אן אינטערעסאנטערע פּראָבלעם פאר זיינע פּסיכאָלאָגישע
באטראכטונגען.

כאָטש די ווערטער זיינען ארויסגעזאָגט געווארען מיט׳ן גע־
וועהנליכען שפּאָט, האָט פונדעסטוועגען געאָרג דערשפּירט, אז ני־
רענבערגער פיהלט זיך אין א געוויסער מאָס באליידיגט, און
דאָס איז געווען פארשטענדליך. וואָרים באמת האָט זיך היינריך
אין דער לעצטער צייט זעהר וועניג געקימערט וועגען נירענבער־
גער׳ן, מיט וועמען ער פלעגט זיך פריהער זעהר אָפט טרעפען;
דאָס איז בכלל געווען זיין טבע צוציהען צו זיך מענשען און אָפּ־

שטויסען זיי מיט דער גרעסטער גלייכגילטיגקייט, אפהענגיג פון דעם, צי זיי האבען זיך געפּאסט פאר זיין שטימונג אדער ניט.

— פונדעסטוועגען האלט איך ניט בעסער פון אייך — האט נעארג געזאגט — אויך איך האב שוין פון איהם ניט געהאט פאר די לעצטע פּאר וואכען קיין שום ידיעות. אגב, פון זיין לעצטען בריוו ווייזט אויס, אז זיין פּאטער האלט זעהר שמאל.

— אויף אזא אופן וועט עס שוין באלד נעהמען אן ענד מיט דעם אלטען, אומגליקליכען מאן.

— ווער ווייסט? נאך דעם, וואס בערמאן שרייבט מיר, קען דאס נאך דויערען אויך חדשים.

— נירענבערגער האט ערנסט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפּ.

— יא, — האט געארג זיך לייכט א זאג געטאן, — אין אזעלכע פאלען וואלט מען געדארפט די דאקטוירים ערלויבען... די זאך צו פארקירצען.

— איהר זייט אפשר גערעכט, — האט נירענבערגער געענט־פערט, — אבער ווער וויים צי אונזער פריינד היינריך, ניט קו־קענדיג אויף דעם, וואס דער האפנונגסלאזער גוסס'דיגער צושטאנד פון זיין פאטער שטערט איהם אין ארבייטען און אפשר אין נאך וואס, — ווער וויים, צי ער וואלט פונדעסטוועגען ערלויבט צו מא־כען א סוף צו דעם האפנונגסלאזען צושטאנד דורך אן אריינשפּרי־צונג פון מארפיום.

ווידער האט אויף געארג'ן געמאכט אן אפשטויסענדען איינ־דרוק נירענבערגער'ס לצנות'דיג־ביטערער טאן. און דאך, דער־מאנענדיג זיך וועגען יענער שעה, בעת ער האט געזעהען פאר זיך היינריך'ן מעהר אויפגערעגט פון די פאר אומקלארע ווערטער אין דעם בריוו פון דער געליבטער, איידער פון זיין פאטערס משוגעת, האט ער ניט געקענט באפרייט ווערען פון דעם איינ־דרוק, אז נירענבערגער האט פארט ריכטיג אפגעשאצט זייער גע־מיינזמען פריינד...

— האט איהר געקענט דעם אלטען בערמאנ'ען? — האט ער געפרעגט.

— פערזענליך ניט, אָבער איך דערמאָן זיך נאָך די צייט, ווען זיין נאָמען איז אָפט געווען אויף די שפּאַלטען פון די צייטונ־גען, איך דערמאָן זיך אויך עטליכע פון זיינע זעהר פאַנינפטינע רעדעס אין פּאַרלאַמענט. דאָך, איך פאַרהאַלט אייך, ליבער באַ־ראָן, זייט מיר געזונט. מיר וועלען זיך דאָך מסתמא זעהן די טעג אין קאַפע אָדער ביי די עהרענבערגס.

— ניין, איהר האַלט מיך גאַרניט אויף — האָט געאַרג געענט־פערט מיט אַ בכיוונ׳דיגער העפליכקייט. — איך שפּאַציר זיך אַרום און באַנוץ זיך מיט דער געלעגענהייט אָנצוקוקען אַ זומער־וואָהנונג.

— אַזוי, ווילט איהר הייער דעם זומער פאַרברייגגען ניט ווייט פון וויען?

— יאַ, אַ געוויסע צייט מסתמא, און אויסער דעם האָט מיך אַ באַקאַנטע פאַמיליע געבעטען ביי אַ געלעגענהייט אָנצוקוקען פאַר זיי אַ זומער וואָהנונג...

ער איז געוואָרען אַביסעל רויט, ווי שטענדיג, ווען ער האָט ניט דעם גאַנצען אמת געזאָגט.

נירענבערגער האָט דאָס באַמערקט און האָט מיט אַן אומ־שולדיגען טאָן געזאָגט:

— איך בין אָקאָרשט פאַרבייגעגאַנגען אייניגע ווילעס, וואָס פאַרדינגען זיך. קוקט זיך אָן למשל דאָרטען, די ווייסע ווילע, מיט דער ברייטער טעראַסע.

— זי זעהט טאַקי גאַנץ פיין אויס. די האָט מען אייגענטליך געמעגט אַ קוק טאָן. אויב ס׳איז אייך ניט צו לאַנגווייליג מיך צו באַגלייטען, — וואָלטען מיר געקאָנט נאָכדעם צוזאַמען פאָהרען אין שטאָדט אַריין.

דער גאָרטען, וואוהין זיי זיינען אַריינגעקומען, האָט זיך גע־צויגען מיט אַ שמאָלען וועג באַרג אַרויף און האָט דערמאָנט ני־רענבערגער׳ן אַן אַנדער סאָד, וואו ער האָט זיך קינדערוויז געשפּילט.

— אפשר איז דאָס טאַקי דערזעלביגער, — האָט ער גע־

זאָגט. — מיר האָבען יאָהרען־לאַנג כסדר געוואָהנט זומער אין גרינציגנג אָדער הייליגענשטאַדט.

אָט דאָס „מיר" האָט אויף געאָרג'ן געמאַכט אַ באַזונדער איינדרוק. ער האָט זיך קוים געקענט פאָרשטעלען, אַז נירענבערגער איז אויך אַמאָל יונג געווען, האָט אַלס אַ זון מיט פאָטער און מוטער, אַלס אַ ברודער מיט זיינע שוועסטער געלעבט, און די גאַנצע עקזיסטענץ פון אָט דעם מאַן האָט זיך איהם פּלוצלונג פאָרגעשטעלט אַלס עפּעס מערקווירדיגעס און שווערעס.

אויף דעם העכסטען פּלאַץ אין גאָרטען, פון אַן אָפענעם בייזעל האָט זיך געעפענט אַ וואונדערבאַרער אָנבליק אויף דער שטאָדט; זיי האָבען זיך אויף אַ ווײַלע געפרעהט מיט דער פּאַנאָראַמע. דאַן זיינען זיי ווידער לאַנגזאַם אַראָפּגעגאַנגען, באַגלייט פון דעם הויז־וועכטערס פרוי, וואָס האָט געהאַלטען אויף'ן האַנט אַ קליין קינד איינגעוויקעלט אין אַ גראָען פּלעד. זיי האָבען אָנגעזעהן די וואָהנונג; נידעריגע, פאַרשטיקטע צימערן מיט אויסגעטראָטענע ביליגע טעפּיכער אויף'ן פּאָדלאָגע, שמאָלע, הילצערנע בעטען, צובראָכענע אָדער אָפּגעבליאַקירטע שפּיגלען.

— צו פריהלינג וועט אַלץ אויף דאָס ניי איינגעאָרדענט ווערען, — האָט די פרוי ערקלערט, — דעמאָלט זעהט דאָס אויס זעהר פריינדליך.

דאָס קליין קינד האָט פּלוצלונג אויסגעשטרעקט דאָס הענטעל צו געאָרג'ען, ווי עס וואָלט געוואָלט, אַז ער זאָל עס נעהמען אויף די הענט. געאָרג איז געווען אַביסעל גערידהרט און האָט מיט פאַרלעגענהייט אַ שמייכעל געטאָן.

פאָהרענדיג מיט נירענבערגער'ן אויף'ן פּלאַטפאָרם פון טראַמוואַי אין שטאָדט און שמועסענדיג מיט איהם, האָט געאָרג געהאַט דאָס געפיהל, אַז קיינמאָל ביי די פיעלע פריהערדיגע באַגעגענישען איז איהם נירענבערגער ניט געווזען אַזוי נאָהענט, ווי אין די עטליכע ווינטערדיגע זונענדיגע שטונדען, וואָס זיי האָבען פאַרבראַכט הינטער'ן שטאָדט. ביים זעגענען זיך איז עפּעס ממילא אַזוי אויסגעקומען, אַז זיי האָבען אָפּגערעדט צו טרעפען זיך אין

עטליכע טעג ארום און מאכען ווידער א שפּאציר, און עס האָט זיך אזוי געמאכט, אז נירענבערגער האָט עטליכע מאָל באגלייט געאָרג׳ן אויף זוכענישען נאָך א זומער־וואָהנונג ארום וויען. דערביי איז פון ביידע זייטען געמאכט געוואָרען דער אָנשטעל, אז געאָרג זוכט די וואָהנונג פאר א באקאנטער פאמיליע, אז נירענבערגער גלויבט עס, און געאָרג איז זיכער, אז נירענבערגער הויבט גאָר ניט אָן דערין צו צווייפלען.

ביי אָט די שפּאצירען פלעגט אָפטמאָל טרעפען, אז נירענבערגער פלעגט דערצעהלען וועגען זיין יוגענד, וועגען זיינע עלטערן, וועלכע ער האָט פריה פארלאָרען, וועגען זיין יונג־געשטאָרבענער שוועסטער און וועגען זיין עלטערען ברודער, דעם איינציגען, וואָס איז איהם געבליבען פון זיין משפחה. דער ברודער, אן אלטער בחור, פונקט ווי עדמונד אליין, האָט אָבער ניט געלעבט אין וויען, נאָר ערגעץ אין א קליין שטעדטעל אין נידער־עסטרייך, וואוהין ער איז פאר פופצעהן יאָהרען אוועקגעשיקט געוואָרען אלס לעהרער אין א גימנאזיע. שפּעטער האָט ער אָהן שוועריגקייטען געקענט פועל׳ען מ׳זאָל איהם אריבערפיהרען אין א גרעסערע שטאָדט; אָבער נאָך עטליכע יאָהרען פון ערביטערונג און צאָרן האָט ער זיך אזוי צוגעוואָהנט צו דער רוהיגער סביבה פונ׳ם קליין שטעדטעל, אז דאָס אומקעהרען זיך אין וויען וואָלט שוין פאר איהם געוועזען גיכער א שטראָף. און אזוי לעבט ער זיך איצט אינגאנצען איבערגעגעבן צו זיין בארוף, מיט לייב און לעבען ארייגעטאָן אין זיין שפּראַך־שטודיום, איינזאם, אָפּגעפרעמדט פון דער וועלט, צופרידען, אלס א מין פילאָזאָף אין דער קליינער שטאָדט. בשעת נירענבערגער האָט גערעדט וועגען זיין ווייטען ברודער, האָט זיך געאָרג׳ן אן אנדערס מאָל אויסגעדוכט, ווי יענער וואָלט גערעדט וועגען א געשטאָרבענעם: די מעגליכקייט פון א וועלכער עס איז התקרבות צווישען איהם מיט זיין ברודער איז קענטיג געוועזען גאנץ אויסגעשלאָסען. גאנץ אנדערס, מיט א שטענדיג אויפגעוועקטער בענקעניש, כמעט ווי וועגען א וועזען, וואָס קען זיך נאָך אמאָל אומקעהרען, האָט נירענבערגער גערעדט וועגען זיין שוועסטער, וואס איז שוין געוועזען לאנג טויט.